די גמרא, „ומאי ומדבר ואינו שומע זה חרש ?" און פון וואנען ווייסט מען אז דער וואס קען ריידען און נים הערען הייסט א חרש, און דער וואס הערבאר איז און רעדט נים הייסט א אלם? דען, „דכתיב", דער פסוק זאגט „ואני כחרש לא אשמע וכאלם לא יפתח פיו", איך בין ווי א טויבער וואס הערט ניט, און ווי א שטומער וואס עפענט ניט זיין מויל, „ואיבעית אימא", און אויב דו ווילסט קען איך דיר זאגען, דאס דער ווארט „אלם" זיינען די אותיות פון „אישתקיל מילוליה" וואס מיינט זיין שפראך איז פון איהם אוועקגענומען, ווי מענשען רופען עס. ז) אין בעצוג צו דער ברייתא פון אויבען וואס זאגט אז דער וואס רעדט און הערט ניט אדער הערט און רעדט ניט איז חייב בראייה, פרעגט די גמרא, „והתניא", מיר האבען דאך געלערענט אין אן אנדער ברייתא דאס ער איז פטור פון ראייה? האט רבינא, און טייל זאגען רבא האט געענט־פערט, „חסורי מחסרא", אין דער משנה דא פעהלט א פאל, „והכי קתני", אזוי דארף עס געלערענט ווערען, „הכל", אלע זיינען פארפליכטעט געזעהן צו ווערען און צו פרעהען זיך אין בית המקדש אין ירושלים, „חוץ", אויסער א חרש וואס רעדט און הערט נים אדער ער הערט און רעדט ניט, איז ער פטור פון ראייה, „ואף על פי", און כאטש ער איז פטור פון ראייה איז ער אלץ נאך חייב בשמחה, אבער דער וואס הערט ניט און רעדט ניט, צוגלייך א שוטה און א קטן זיינען פטור אויך פון שמחה, „הואיל", ווייל זיי זיינען פטור פון אלע מצות וואס זיינען געזאגט אין דער תורה. ח) מיר האבען אויך אזוי געלערענט אי אן אנדער ברייתא מיט דעם זעלבען לשון. פארשטעהען מיר שוין, ווי אזוי דער טעקסט האט געזאלט זיין אין דער משנה, זי האט גוט געוואוסט דאס צוליב דער קשיא פון דער ברייתא וועלען די אמוראים מוזען קומען צום באשלום אויף דער ענדערונג פון אונזער משנה.

א) **פרעגט** די גמרא, „מאי שנא", ווארום איז אנדערש וועגען ראייה דאס זיי זיינען פטור און וועגען שמחה זיינען זיי חייב? ענטפער: וועגען ראייה, „גמר" לערענט ער ארויס א גזרה שוה צוויי גלייכע ווערטער „ראייה" „ראיה" פון פסוק „הקהל את העם האנשים והנשים והטף", זאמעל איין דאס

---

ואף הוא · נ"ר רבי אלעזר בן עזריה : לאלמיה · שורות המשנה : פוסלין ומכשירין· שייך לומר לענין פסול עדות ופסול כהונה: (ג) כלן אל אחד אמרן · אין לך מבני המחלוקת מביא ראיה מתורת אלוה אחר אלא מתורת אלהינו : פרנס אחד אמרן · אין לך מביא ראייה מדברי נביא הבא לחלוק על משה רבינו : עשה אזנך כאפרכסת · מאחר שכולן לבן לשמים עשה אזנך שומעת ולמוד הוא דברי כלן וכשתדע להבחין אי זה יכשר קבע הלכה כמותו אפרכסת טירמוי"א שעל הריחים : מה מסמר זה · כשנועצין אותו בכותל הוא מחסרו יכול אף זה כן תלמוד לומר נטועים כנטיעה שדרכה לפרות ולרבות : ולימרו ליה בהדיא · מיד למה הוזקקו לומר תלמידך אנו : נמנו וגמרו · והתקינו שיהו ישראל הדרין בעבר הירדן במה שכבשו מסיחון ועוג ארץ עמון ומואב : מעשרין · עכשיו מעשר עני בשביעית שהן היו זורעין בשביעית כדאמרינן לקמן שלא קידשוה עולי גולה כקדושת הארץ : פשוט ידיך וקבל עיניך · הוקשה בעיניו שנתן עטרה לאותו דורש והלא מימות אנשי כנסת הגדולה היתה תקנה זו : אל תחושו למנייכם · אל יהי לכם שום חשש ונמנום במה שמניתם ותיקנתם שהרי הסכמתם להלכה : כך מקובלני · שקדושה ראשונה שקדשה יהושע לשעתה לא קידשה לעתיד לבא אבל קדושה שניה נתקדשה לעולם כדאיתא ביבמות (דף פב:) קדושה ראשונה ושניה יש להן שלישית אין להן לפיכך בשאר ארץ ישראל אין זריעה בשביעית אבל עמון ומואב הניחו מלקדשן כדי שיסמכו עליהן עניים בשביעית בלקט שכחה ופאה ובמעשר עני לכך תקנו להן שיהו מעשרין מעשר עני וברשות החכמים היה להטיל עליהן הוה מעשר שירצו לפי שאינן חייבין מן התורה : איזהו שוטה · האמור בכל מקום שפטור מן המצות ומן העונש ואין קנינו קנין ואין ממכרו ממכר : והלן בבית הקברות · בלילה : לעולם דקא עביד להו דרך שטות · ואפילו הכי לא מחזקינן ליה בחדא דהואיל יחידי בלילה אימור גנדריפס אחדיה אני שמעתי חולי האוחז מתוך דאגה ולי נראה שנתחמם גופו ויוצא למקום האויר : שתשרה עליו רוח טומאה · רוח שדים שישיעוהו להיות מכשף :

כמי

כמו בבית שור חמור וגמל · דבבא קמא (דף לז.) דנעשה מועד לכל ולא אמרינן עד שיהא מועד בשלשה בכל מין ומין דהואיל והועד בשלשה נגיחותיו בשלשה מינין אין זה מקפיד על מין אחר אף כאן לא באו שלשה דברים לידו בבת אחת אלא כולן משום שטות: אי שמיעא ליה·הא דתניא דמשמע בדבר אחד מחזיקין אותו בשוטה הוה הדר ביה: זכור · אם נאמר זכור אין לך להוציא אלא את הנשים עכשיו שנאמר זכורך בא להוציא אף טומטום ואנדרוגינוס עם הנשים: נשים פטורות · בפ"ק דקדושין (דף לד:) ילפינן לה: מהקהל · דהוי כמי מצות עשה שהזמן גרמא ונשים חייבות: ההא קרא למעוטי ספיקא · בתמיה למה לי קרא מהיכא תיתי לן לחיוביה: כשביליו מבחוץ · אלא שהגיד טעמו דהא ודאי זכר הוא הלכך אצטריך קרא למעוטי: המקמץ · מפרש במסכת כתובות (דף עז.) המקמץ בידו צואת כלבים ואומר אני כי נהקן בבן עורות שקורין קורדוו"ן שמעבדין אותן בצואת כלבים: והמצרף נחשת · שמצרפו במקום שחופרין אותו מן הקרקע כדמפרש במסכת כתובות (שם) וכל אלו ריחן רע ואין יכולין לעלות עם חביריהם: כדאמרן · זכור להוציא את הנשים: לה לה מאשה · כתיב הכא וכתב לה (דברים כד) וכתיב התם או חפשה לא נתן לה (ויקרא יט): לא נראה כו' · מיהו למשנה אחרונה הואיל ובידו לכוף את רבו חייב דאין לו אלא אדון אחד: דבר אחר כו' · פרט לבעלי קבין מפעמים נפקא כדאמרינן לעיל הלכך רגלים למעוטי מי שצריך משענת אחרת לבד מרגליו:

מפנקי



**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 7**

מנלן? דכתיב למען ישמעו ולמען ילמדו, ותניא למען ישמעו, פרט למדבר ואינו שומע, ולמען ילמדו פרט לשומע ואינו מדבר. ג) למימרא דכי לא משתעי לא גמר? והא הנהי תרי אילמי דהוי בשבבותיה דרבי בני ברתיה דר' יוחנן בן גודגדא ואמרי לה בני אחתיה דר' יוחנן דכל אימת דהוה עייל רבי לבי מדרשא, הוו עיילי ויתבי קמייהו (קמיה) ומנײדי ברישייהו ומרחשין שפוותייהו, ובעי רבי רחמי עלייהו ואיתסי, ואישתכח דהוו גמירי הלכתא וספרא וספרי וכולה הש"ס. ד) אמר מר זוטרא קרי ביה למען ילמדו רב אשי אמר ודאי למען ילמדו דאי סלקא דעתך למען ילמדו וכיון דלא משתעי לא גמר וכיון דלא שמע לא גמר, האי מלמען ישמעו

---

פאָלק מענער און פרויען און קליינע קינדער, „וכתיב", און בעפאָר אין פסוק איז „בבא כל ישראל לראות", ווען אלע אידען קומען צו ווערען געזעהן, דער בעשייד פאָלגט נאָך, די איינזאמלונג איז פאָרגעקומען יעדע ענדע שמיטה ווען דער מלך האָט געלייענט גאַנץ משנה תורה אין דער עזרה. ב) „והתם מנלן"? און דאָרט ביי הקהל, פון וואנען וויים איך דאָס א חרש איז פטור פון ראייה? ענטפער, עס שטעהט „למען ישמעו ולמען ילמדו", „ותניא", און מיר האָבען געלערענט דאָס למען ישמעו זיי זאָלען הערען, איז ממעט און נעמט ארויס דעם וואָס רעדט און הערט ניט, „ולמען ילמדו" זיי זאָלען לערנען, „פרט", נעמט ארויס דעם וואָס הערט און רעדט ניט. ג) פרעגט די גמרא „למימרא", מוזען מיר דען זאָגען, „דכי לא משתעי לא גמר"? אז דער וואָס קען ניט רעדען קען ניט לערנען? „והא", עס זיינען דאָך געווען צוויי שטומע אין נאכבאר־שאפט פון רבי, איניקלעך פון ר' יוחנן בן גודגדא, מאנכע זאָגען ר' יוחנן'ס שוועסטער'ס קינדער, „דכל אימת", ווען רבי פלעגט אריינגעהן אין בית המדרש, „הוו עיילי", זיינען זיי באלד אריין און זיך געזעצט פאַר רבי'ן, „ומנײדי ברישייהו", און געשאָקעלט מיט זייערע קעפּ און באוועגט מיט זייערע ליפּען, „ובעי רבי" האָט רבי געבעטען רחמים אויף זיי און זיי זיינען געהיילט געוואָרען, „ואישתכח דהוו גמירי", האָט זיך ארויסגעציינגט דאָס זיי האָבען געקענט לערנען משניות ספרא ספרי און גאַנץ ש"ס, זעהסטו דאָך אז שטומע קענען אויך לערנען? ד) האָט מר זוטרא געענטפערט אפילו ווען א שטומער קען לערנען איז ער אויך פטור פון ראיה דען „למען ילמדו", מיינט זיי זאָלען לערנען אויפ'ן קול, אזוי ווי אנדערע קענען פארנעמען, הייסט דאָס גלייך ווי זיי וואָלטען לערנען מיט יענעם. און דאָס איז וואָס ער זאָגט דאָ, „קרי ביה", עס איז גלייך ווי מיר וואָלטען לייענען „ילמדו", זיי זאָלען לערנען מיט יענעם. רב אשי גיט צו, „ודאי", זיכערליך מיינט למען ילמדו ווי אלס א פעל יוצא ווי ערשט געזאָגט, „דאי סלקא דעתך", דען אויב דו וועסט זאָגען אז למען ילמדו מיינט לערנען אין געדאנק, דאָס הייסט, קענען לערנען, „וכיון דלא משתעי", און ווי באלד ער קען ניט ריידען קען ער ניט לערנען און דאָס ביסטו ממעט פון למען ילמדו, „וכיון דלא שמע לא גמר", און אויב ער הערט ניט קען ער ניט לערנען צוליב למען ישמעו, „האי מלמען ישמעו נפקא?" דאָס קען מען דאָך ארויסלערנען פון למען ישמעו אליין, איז דאָך גענוג בלויז למען

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 7**

נפקא, אלא ודאי למען ילמדו הוא. ה) אמר ר' תנחום חרש באזנו אחת פטור מן הראייה שנאמר באזניהם, והאי באזניהם מבעי ליה באזניהם דכולהו ישראל? ההוא מנגד כל ישראל נפקא אי מנגד כל ישראל הוה אמינא אע"ג דלא שמעי כתב רחמנא באזניהם והוא דשמעי? ההוא מלמען ישמעו נפקא. ו) אמר רבי תנחום היגר ברגלו אחת פטור מן הראייה שנאמר רגלים, והא רגלים מבעי ליה פרט לבעלי קבין? ההוא מפעמים נפקא, דתניא פעמים אין פעמים אלא רגלים וכן הוא אומר (ישעי' כ"ו) תרמסנה רגל רגלי עני פעמי דלים, ואומר מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב. ז) דרש רבא מאי דכתיב מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב, כמה נאין רגליהן של ישראל בשעה שעולין לרגל, בת נדיב בתו של אברהם אבינו שנקרא נדיב שנאמר (תהלים מ"ז) נדיבי עמים נאספו

---

ישמעו, וואס מיינט. זיי זאלען הערען און פארשטעהן און ממעט זיין בידע, „אלא", און געוויס מיינט למען ילמדו אויפ'ן קול ממעט צו זיין א שטומען ווען אפילו ער פארשטעהט לערנען. (עס קען ניט מיינען צו ענדערען די נקודות). ה) ר' תנחום האט געזאגט אז א חרש אויף איין אויער איז פטור פון ראיה צוליב דעם פסוק באזניהם, „תקרא את התורה הזאת נגד כל ישראל באזניהם", וואס טייטשט זיך דו זאלסט לייענען די תורה נעגען אלע אידען אין זייערע אויערען, וואס מיינט יעדענס בידע אויערען. פרעגט די גמרא „והאי באזניהם מבעי ליה דכולהו ישראל?" איך דארף דאך דעם פסוק באזניהם די אויערען פון אלע אידען, דאס הייסט אלע אידען זאלען הערען? ענטפערט די גמרא, „ההוא מנגד כל ישראל נפקא", דאס לערען איך ארויס פון כל ישראל. פרעגט ווידער די גמרא, „אי מנגד כל ישראל הוה אמינא", אויב פון כל ישראל, וואלט איך דאך זאגען" „אף על גב דלא שמעי", אפילו ווען זיי הערען ניט, „כתב רחמנא באזניהם", דאריבער האט די תורה ארויסגעשריבען באזניהם, „והוא דשמעי", און נאר ווען זיי האבען געהערט? ענטפערט די גמרא, „ההוא מלמען ישמעו נפקא", אז אלע זאלען הערען לערענט מען ארויס פון למען ישמעו, בלייבט באזניהם וואס איז א לשון רבים אויף מענשען און רבים אויף אויערען צו דרש'ענען ממעט צו זיין א חרש אויף איין אויער. ו) ר' תנחום האט געזאגט א לומער אויף איין פוס איז פטור פון ראייה, ווייל דער פסוק זאגט רגלים. פרעגט די גמרא, „והא רגלים מבעי ליה פרט לבעלי קבין?" איך דארף דאך רגלים צו ממעט זיין דעם וואס פעהלט איהם א פוס, און ער שטעהט אויף א צוגעריכטען קב? (אזא כלי אנגעפילט מיט וואטע) ענטפערט די גמרא, „ההוא מפעמים נפקא", דאס לערען איך ארויס פון ווארט פעמים, „דתניא" דען מיר האבען געלערענט, „אין פעמים אלא רגלים", אז פעמים מיינט אויך פיס, פון פסוק „תרמסנה רגל רגלי עני פעמי דלים" און נאך א פסוק „מה יפו פעמיך בנעלים", ווי שעהן זיינען דיינע פיס אין די שיך, זא בלייבט דער ווארט רגלים צו ממעט זיין א חיגר. ז) רבא האט גע'דרש'ענט „מאי דכתיב", וואס מיינט דער פסוק מה יפו פעמיך, „כמה נאין", ווי שעהן זיינען די פיס פון די אידען, אין דער צייט ווען זיי געהן עולה רגל זיין קיין ירושלים. „בת נדיב", די טאכ־

מפנקי · שאין הולכין בלא מנעל דאין אדם נכנס להר הבית במנעלו דכתיב מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי : פטורים מן הראייה · אין חייבין לשלוח עולות ראייתן על ידי שליח : טמא אינו (חייב) בביאה שאינו יכול ליכנס למקדש דכתיב (°כי מקדש) ה' טמא ונכרתה (במדבר יט) : ערל · ישראל שמתו אחיו מחמת מילה : הכי גרסינן דמרבי ליה ערל כטמא : איש איש · מזרע אהרן והוא נרוע או זב : לרבות את הערל · שהוא כטמא שלא יאכל תרומה אם כהן הוא : עבד · שהוא חביב לרבו עד שרבו מלפפו ושוחק מתי ירצהו יתרחק מעליו : יתרחק מעליו · אם הגיע יום שנהפך לו לשונא ודחקו ולוה שלא ירצהו שנאמר כי תבאו וגו' : תוכחה · שמוכיח פשעו בפניו : מאי היא · מנא לן דמתיירא : כולי האי ואולי · כל היסורין הללו יקבל ושדע בספק אם תהיה לו תקוה : ויש נספה בלא משפט · יש כלה ואין עון בידו ולא היה משפט לספות : ומי איכא דאזיל כו' · הש"ס קא בעי לה : אמר ליה · מלאך לשלוחו : אייתי לי מרים מגדלא נשייא · הרוג את מרים המקלעת שיער הנשים : היכי יכלת לה · מאחר שלא הגיע זמנה : הוה נקיטא מתארא בידה · היתה אוחזת בידה האוד של תנור שקורין פרנו"ן : וקא

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: ז**

עם אלקי אברהם אלקי אברהם ולא אלקי יצחק ויעקב אלא אלקי אברהם שהיה תחלה לגרים. ח) אמר רב כהנא דרש רב נתן בר מניומי משום ר׳ תנחום מאי דכתיב (בראשית ל"ז) והבור רק אין בו מים, ממשמע שנאמר והבור רק איני יודע שאין בו מים? אלא מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו. ט) ת"ר מעשה בר׳ יוחנן בן ברוקה ור׳ אלעזר (בן) חסמא שהלכו להקביל פני ר׳ יהושע בפקיעין אמר להם מה חידוש היה בבית המדרש היום אמרו לו תלמידיך אנו ומימיך אנו שותים אמר להם אף על פי כן אי אפשר לבית המדרש בלא חידוש, שבת של מי היתה של ר׳ אלעזר בן עזריה היתה ובמה היתה הגדה היום אמרו לו בפרשת הקהל ומה דרש בה, הקהל את העם האנשים והנשים והטף אם אנשים באים ללמוד, נשים באות לשמוע טף למה באין? כדי ליתן שכר

---

טער פון אברהם אבינו וואס ווערט גערופען נדיב ווי דער פסוק זאגט „נדיבי עמים נאספו", די גרים פון די פעלקער האבען זיך פארזאמעלט און באוויליגט צו דינען דעם באשעפער, זיי ווערען גערופען, עם אלקי אברהם" דאס פאלק פון ג־ט פון אברהם, נים יצחק און נים יעקב נאר אברהם, „שהיה תחלה לגרים", דען ער איז געווען דער אנפאנגער פון גרים. ח) רב כהנא האט געזאגט אז רב נתן בר מניומי האט גע׳דרש׳ענט פון ר׳ תנחום׳ס וועגען, „מאי דכתיב", וואס מיינט דער פסוק והבור רק אין בו מים, „ממשמע שנאמר", פון די ווערטער והבור רק וואס מיינט דער גרוב איז לעער, „איני יודע"? ווייס איך דען נים דאס ער איז לעער פון וואסער, וואס דען זאגט ער צו, אין בו מים? „אלא מים אין בו אבל נחשים", נאר די מיינונג איז, דאס דער פסוק וויל באטאנען דאס נאר וואסער איז נים געווען, אבער שלאנגען און עקדישען זיינען יא געווען. ט) די רבנן האבען געלערענט, עס האט פאסירט דאס ר׳ יוחנן בן ברוקה און ר׳ אלעזר בן הסמא זיינען געגאנגען עמפפאנגען ר׳ יהושע אין פקיעין, האט ער זיי געפרעגט וואס פאר א נייעס אין לערנען איז היינט פארגעקומען אין בית המדרש, האבען זיי איהם געענטפערט, „תלמידיך אנו", מיר זיינען דיינע תלמידים און טרינקען דיין וואסער, דאס מיינט מיר באלאנגען צו דיר צו הערען דיין תורה, האט ער זיי געענטפערט „אף על פי כן", פונדעסטוועגען בין איך נייגעריג וויל, „אי אפשר בלא חידוש", עס איז נים מעגליך א טאג אין בית המדרש אהן א נייעס, "שבת של מי היתה?" וועמעס שבת איז געווען? ר׳ אלעזר בן עזריה׳ס און וואס איז זיין דרשה געווען? האבען זיי איהם געענטפערט אין פרשת הקהל. און וואס האט ער גע׳דרש׳ענט? „הקהל את העם האנשים והנשים והטף", איז דאך די פראגע, „אם אנשים", אויב די מענער זיינען געקומען לערנען זיינען די פרויען געקומען הערען, „טף למה", ווארום האט ג־ט געהייסען אויך איינזאמלען די קליינע קינדער, השי"ת האט דאך געוואוסט דאס אויב אלע גרויסע קומען מוזען זיי דאך אויך די קליינע קינדער מיטנעמען, וואס זיי וואלטען דאס געטאן אפילו ווען ג־ט זאגט זיי דאס נים, איז דער אנטווארט, „כדי ליתן שכר למביאיהן", ג־ט האט זיי אייגענס געזאגט, דאמיט זיי זאלען זיין מצווין ועושין, געבאטען צו טאן, עס זאל קומען געצאלט

וקא מחריא חטרא · מכבדא את החצר: אוסיבתיה אגבה דכרעה · הושיבתו על גב רגלה וכסות ורעש מולה: דרעינא להו אנא · אני מוסרן לשומר האחים ששמו דומה אלא מתגלגלין עמי ושטין בעולם עד שיתמלאו שנותיו והוא קרוי דור: דמעביר במיליה · מעביר על מדותיו: דמטו · נתכנסו: הכי מיגמרן · אותן שלא בישלו כל צורכן אין ממהרות לירקב: היינו דכתיב כו׳ · (א) הטובות ירא פן ירקבו אף הבכורים הצדיקים נאחזין למיתה פן יחטאו: אדזומר · בשוק בתוך: אי בעי האי מרבנן · להיות הולך בדרך טובים הוי חיי: מכפפט ברכותיו הוה · רבי אלכסנדרי היה מכיר בו שלא היה מן הקדושים וכתיב וטוב לא יהיה לרשע ולא יאריך ימים כצל אשר איננו ירא מלפני האלהים (קהלת ח) ותניא במסכת קדושין (דף לג:) מורא זו איני יודע מהו כשהוא אומר והדרת פני זקן ויראת מאלהיך (ויקרא יט) הוי אומר מורא זו כבוד חכמים: קטא כתמורות · שעושקי שכר שכיר כמנאפים ומכשפים: ומטי גר · בהאי קרא כתיב: ולא יראוני · ובהאי קרא כתיב: כי את כל מעשה האלהים יביא במשפט על כל נעלם · ואף על הנעלמות ממנו שעשה שוגג הוא מביאו במשפט: על כל · אפי׳ דבר מועט במשמע: וגמאס · קלה דעת חבירו בדבר: מאי אם טוב · דמשמע אף על הטובה מביאו במשפט: שאינו מתוקן · שאינו מנוקר מן החלב ומן הגידין האסורים: בערבי שבתות · שמתוך שממהרין לעשות צרכי שבת אינן נותנין לב אם מנוקר הוא: צרות סמוכות זו לזו · לשון וכעסתה צרתה (שמואל א א) שתי נשים יחד: זיבורא ועקרבא · נקיט הכי משום דאמרינן במסכת ע"ז בפרק אין מעמידין (דף כח:) חמימי לעקרבא וקרירי לזיבורא וחילופא סכנתא הלכך היכא דכתיה זיבורא ועקרבא נעשות צרות זו לזו דלית ליה תקנתא לא בקרירי דקשה לעקרב ולא בחמימי דקשה לזיבורא: זה המתאוה מצוה לעני בשעת דוחקו · אלעיל קאי אם טוב ואם רע הרגיל להמציא לדחקו לעני בשעת דוחקו ולא קודם שעת הדחק שיכול לבקש מזונותיו ולקנותן בשעת הזול: לעללא · לקנות התבואה דמתרגם ועללת חרעא (ויקרא כה): לתליתא · להפסד ולאיבוד כך שמעתי ולי נראה לקנות בשעת הדחק מזון שהוא עולה בשלו כדאמר מר (פסחים דף קיח:) חלא סילתא חלא מזוני חלאי בכיתא קשה לעניותא:

איש

אינו מכן · ותרע ישראל דכתיב והסתרתי פני מהם (דברים לא) שטעה מלרות הבאות עליו ואינו נעמה שלא יבואו : והיה לאכול ·
שהעובדי כוכבים שוללין ממנו : וגרבוהו · שללוהו : בחלום אדבר בו · *ביום ההוא קא דייק ביום ולא בלילה שמראין לו חלום כדי שיתפלל
על הדבר : ידו נטויה · להגן עליו : אפיקורסים · שאינם מאמינים לדברי רז"ל כגון לדוקים : אחוי ליה · על ידי סימן רמז לו החזיר
פניו : במחוג · ברמז : נסרחה חכמתם · בפסוק כה"ב האין עוד חכמה בתימן אבדה עצה מבנים מישראל : לעדך · בבוה : שיחה יתירה ·



**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 8**

למביאיהן. אמר להם מרגלית טובה היתה בידכם ובקשתם לאבדה ממני. י) ועוד דרש (שם כ"ו) את ה' האמרת היום, וה' האמירך היום, אמר להם הקב"ה לישראל אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם, ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם, אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם דכתיב שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם שנאמר (דה"א י"ז) (דף ג' ע"ב) ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. יא) ואף הוא פתח ודרש (קהלת י"ב) דברי חכמים כדרבונות וכמסמרות נטועים בעלי אסופות נתנו מרועה אחד, למה נמשלו דברי תורה לדרבן לומר לך מה דרבן זה מכוין את הפרה לתלמיה להוציא חיים לעולם, אף דברי תורה מכוונין את לומדיהן מדרכי מיתה לדרכי חיים. י"ב) אי מה דרבן זה מטלטל אף דברי תורה מטלטלין? תלמוד לומר מסמרות. אי מה מסמר זה חסר ולא יתר אף דברי תורה חסירין ולא יתירין? תלמוד לומר

דברי שחוק שלפני תשמיש : כדלא טעים תבשילא · שרעב לאכול כלומר מתאוה לתשמיש : בבתי גואי · היכא דכתיב במסתרים : הכי גרסינן ובבתי ברא ליכא והכתיב ויקרא · וכל קריאה השמעת קול היא : מאיגרא רם לבירא עמיקתא · כמה גדולה נפילה זו אין לך גבוה ובור עמוק כמשמים לארץ : הקפידו · רבי לר' חייא ואזיל רבי בהדיה : כי הוו מיפטרי מקמיה · שנטלו ממנו רשות : אינו השתא · אם לא באתי עמך והאזלתי לך מנעתני מברכה זו : מנא לך · שכל כך גדולה הקבלת פנים: כדקא · כשהזקין (ג) רבי יעקב : היה רגיל כו' · מהלך שלשה חדשים היה מביתו לבית המדרש ונוסע מביתו אחר הפסח ולומד יום אחד וחוזר לביתו לשמח את אשתו בחג הסוכות :

עד

פאר'ן ברייננען. האט ער זיי געזאגט, „מרגלית טובה", א גוטע פערל האט איהר געהאט און געוואלט מאכען פארלירען פון מיר. י) „ועוד", און נאך האט ער גע'דרש'ענט, „את ה' האמרת היום וה' האמירך היום". דעם באשעפער האסטו באריהמט געמאכט און דער באשעפער האט דיך היינט באריהמט געמאכט. הקב"ה האט געזאגט צו די אידען „אתם עשיתוני", איהר האט מיר געמאכט איין רוהם אויף דער וועלט מיט אייער זאגען „שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", דען די פעלקער דאמאלסט האבען געגלויבט אין פיעל געטעריי ווייל זיי האבען ניט פערשטאנען, ווי גוטעס און שלעכטס קען ארויסגעהן פון איין מקור, אבער אידען האבען פראקלאמירט איין ג־ט איבער אלעס, און דאס שלעכטס איז אויך גוטס לויט ג־ט'ס כוונה, „ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם", איך וועל אייך אויך באריהמט מאכען, „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", בשעת מתן תורה האט די וועלט געזעהן די גרויסקייט פון אידען, און לעתיד וועט די גאנצע וועלט זעהן די אמת'ע איינציגקייט פון השי"ת און זיינע אידען. י"א) „ואף הוא", און ר' יהושע האט אויך אנגעפאנגען דרש'ענען פון ר"א בן עזריה'ס וועגען, „דברי חכמים כדרבונות וכמסמרות נטועים בעלי אסופות נתנו מרועה אחד", די רייד פון די חכמים זיינען ווי די אקסעם און ווי פארפעס־טיגט מיט אייזענס וואס זיינען איינגעפלאנצט צו פיהרען די מענשען אין גלייכען וועג, די חכמים זיינען די וואס זאמלען די דברי חכמה, וואס זיינען געגעבען גע־ווארען פון איין פאסטוך, „למה נמשלו דברי תורה לדרבן ?" ווארום איז געגליכען געווארען די דברי תורה צו א דרבן ? „לומר לך", צו זאגען דיר, דאס פונקט ווי דער דרבן פיהרט די קוה ביים אקערען גלייך צו איהר ביט, ארויסצו־ברייננען דעם לעבענסמיטעל פאר דער וועלט, אזוי אויך דברי תורה, „מכוונין את לומדיהן", פיהרען זייערע לערנער פון שלעכטען וועג צום גוטען וועג, וואס גיט לעבען. י"ב) „אי מה דרבן", אויב דברי תורה ווערען געגליכען צו א דרבן, קען איך דאך טייטשען דאס פונקט ווי א דרבן קען מען דרייען אין יעדע ריכטונג אזוי אויך דברי תורה ? „תלמוד לומר", דאריבער זאגט דער פסוק „מסמרות", עס איז פארפעסטיגט, „אי מסמרות", אויב פארפעסטיגט וואלט איך מיינען

## פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 8

נטועים, מה נטיעה זו פרה ורבה אף דברי תורה פרין ורבין. י"ג) בעלי אסיפות אלו תלמידי חכמים שיושבין אסיפות אסיפות ועוסקין בתורה, הללו מטמאין והללו מטהרין, הללו אוסרין והללו מתירין ,הללו פוסלין והללו מכשירין, שמא יאמר אדם האיך אני למד תורה מעתה? תלמוד לומר כולם נתנו מרועה אחד אל אחד נתנן, פרנס אחד אמרן מפי אדון כל המעשים ברוך הוא דכתיב (שמות כ') וידבר אלקים את כל הדברים האלה. י"ד) אף אתה עשה אזנך כאפרכסת וקנה לך לב מבין לשמוע את דברי מטמאים ואת דברי מטהרים, את דברי אוסרים ואת דברי מתירין, את דברי פוסלין ואת דברי מכשירין, בלשון הזה אמר להם אין דור יתום שר' אלעזר בן עזריה שרוי בתוכו. ט"ו) ולימדו ליה בהדיא? משום מעשה שהיה דתניא מעשה בר' יוסי בן דורמסקות, שהלך להקביל פני ר' אלעזר בלוד, אמר לו מה הידוש היה בבית המדרש היום אמר ליה נמנו וגמרו עמון ומואב מעשרין מעשר עני בשביעית.

---

דאס מען קען גארניט ארויסלערנען, וואלט דאך די דברי תורה געבליבען חסירין, ניט ערגענצט? „תלמוד לומר", דאריבער שטעהט נטועים, „מה נטיעה", פונקט ווי פלאנצונגען ברייגען מעהר און מעהר אזוי אויך דברי תורה זיינען פרוכטבאר. י"ג) „בעלי אסיפות", די זיינען די תלמידי חכמים וואס זיצען אין פאראזמלונגען באשעפטיגט אין דער תורה, „הללו מטמאין", טהייל זיינען מטמא טהייל זיינען מטהר, טהייל אסר'ן, טהייל זיינען מתיר, טהייל פסל'ן, טהייל זיינען מכשיר, „שמא יאמר אדם האיך אני למד תורה מעתה?" טאמער וועט יעמאנד זאגען ווי קען איך פון יעצט אן לערנען, עס קוקט דאך אויס ווי מעהרערע תורות? „תלמוד לומר כולם נתנו מרועה אחד", דאריבער זאגט דער פסוק דאס אלע זיינען געגעבען געווארען פון איין פאסטוך, דאס מיינט איין ג־ט האט זיי געגעבען, איין פיהרער האט זיי געזאגט פון מויל פון השם יתב', ווי דער פסוק זאגט „וידבר אלקים את כל הדברים האלה". י"ד) „אף אתה" אזוי אויך דו, מאך דיין אויער ווי אפרכסת וואס ליפערט די תבואה צום מילשטיין, מיינענדיג שטעל אויף דיין געהער און ערווערב דיר א פארשטענדליך הארץ, צו פארשטעהן די דברי מטמאים און דברי מטהרים, די אוסרים און מתירים, פוסלין און מכשירין, „בלשון הזה", אין דער שפראך האט ער זיי געזאגט, דער דור איז ניט קיין יתום אויב ער פארמאגט ר' אלעזר בן עזריה אין איהר מיטע. ט"ו) פרעגט די גמרא, „ולימדו ליה בהדיא?" האבען זיי געדארפט באלד ענטפערען ר' יהושע'ן דעם חידוש פון ר' אלעזר בן עזריה, וואס עפעס האבען זיי געצעגערט מיט די ווערטער „תלמידיך אנו ומימיך אנו שותים?" ענטפערט די גמרא, „משום מעשה שהיה", צוליעב א געשיכטע וואס האט פאסירט ביי א עהנליכע עראייגנים, „דתניא", א מעשה האט זיך געמאכט וואס ר' יוסי איז אנטקעגען געגאנגען צו עמפפאנגען ר' אלעזר'ן אין לוד, האט ער איהם געפרעגט וואס פאר א חידוש איז היינט פארגעקומען אין בית המדרש? האט ער איהם געענטפערט, „נמנו וגמרו", די חכמים האבען זיך געצעהלט און פארטיג באשלאסען דאס אין די לענדער עמון און מואב וואס מען האט צוגענומען פון

עד הכא מאן אתייה · עד ירושלים מי הביאו (ד) והלא משאת יכול להיות תוך מלאו יכול לאחוז ביד אביו דכדי עלייה מירושלים להר הבית אתה אומר שיתגלגהו ועד ירושלים מי הביאו: מחייבא בשמחה · לעלות לרגל ולשמוח בחג עם בעלה דכל השמחה נלמוד נשים דכתיב ושמחת אתה וביתך (דברים יד):

מכאן ואילך · דאימיה לא מחייבא להתראות בהר הבית: עד שיגמל · לשון כיון הודם שכן תינוק יונק ומשום דאבוהי הוא יכול לרכוב על כתפו של אביו כדי לעלות מירושלים להר הבית. וכל שכן מבינה לשמחון: הכי גרס קטן חיגר לדברי בית שמאי וסומא לדברי שניהן · דאילו חיגר לדברי בית הלל לא מיבעיא לן דלא מתכוין ליה דהא אמרינן אין מתכוין אלא לקטן שיכול לאחוז ולעלות ברגליו בירושלים וזה אינו יכול אבל לבית שמאי דמחייבי נמי מדיכול לרכוב קטן חיגר יכול לרכוב על כתפו של אביו והסומא יכול לאחוז לב"ה מהו צריך חינוך או לא: שאינו יכול להתפשט · שאין כופו להתפשט עולמית: קטן מיבעיא · הלא אין חינוך קטן אלא כדי להרגילו שיהא סרוך אחר מנהגו לכשיגדל וכיון שזה פטור לכשיגדל למה לי חינוך: שיכול להתפתח · קודם שיגדיל: מאי בעצרת · כפי שור או כבש והקרבתם על הלחם שבעת כבשים תמימים ופר בן בקר אחד ואילים שנים יהיו עולה לה' וכתיב ושני כבשים בני שנה לזבח שלמים (ויקרא כג): ישנה לפני הדיבור · קודם מתן תורה הקריבו שלמים בסיני דכתיב וישלח את נערי בני ישראל (שמות כד) ואע"ג דהאי קרא כתיב בתורה המשפטים לאחר עשרת הדברות קודם עשרת הדברות הוה ואין מוקדם ומאוחר בתורה והכי תניא במסכת שבת בפרק ר' עקיבא (דף פח) רבי יוסי אומר בשני עלה וירד בשלישי עלה וירד ברביעי ירד ושוב לא עלה בחמישי בנה מזבח והקריב עליו קרבן בששי ניתנה תורה ואין אתה מוצא בנתינת התורה בנין מזבח אלא באותו שנאמר וישלח את נערי בני ישראל וגו' ולקמן פריך התם נמי עולה הואי: נשיאים · בחנוכת המזבח הקריבו שלמים יותר מעולות דכתיב כל הבקר לעולה וגו' וכל בקר זבח השלמים וגו' (במדבר ז): שתי הלחם · מנחה והדם: נשיאים קרבן יחיד והאי וחגיגה קרבן יחיד אבל כבשי עצרת קרבן צבור ומתרומת הלשכה: ראייה נמי ישנה לפני הדיבור · דעולה נמי הוה התם: מדבר שהוא להורות · כבשי עצרת: עולת תמיד הואי · חובת כל יום ויום ולא נתריק מינה: עולת ראייה הואי · על שם ויחזו את האלהים: כללות נאמרו בסיני · הרבה דברים נאמרו בהומים בסיני שלא נתפרשו כל צרכן ופירשו לו לאחר שהוקם המשכן באהל מועד שהרי לא נתפרשו שם הלכות עבודה בכל הצריך אלא מזבח אדמה תעשה לי וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך (שמות כ) ולא פי' מקום דמיכן הפשטן וניתוחן של עולות והקרבת אימורין של שלמים:

ופרשות

ט"ז) אמר לו, יוסי פשוט ידיך וקבל עיניך פשט ידו וקבל עיניו, בכה ר' אלעזר ואמר (תהלים כ"ה) סוד ה' ליראיו ובריתו להודיעם, אמר לו לך אמור להם, אל תחושו למנייניכם כך מקובלני מרבן יוחנן בן זכאי ששמע מרבו ורבו מרבו הלכתא למשה מסיני עמון ומואב מעשרין מעשר עני בשביעית, מה טעם? הרבה כרכים כבשו עולי מצרים ולא כבשום עולי בבל מפני שקדושה ראשונה קדשה לשעתה ולא קדשה לעתיד לבוא והניחום כדי שיסמכו עליהם עניים בשביעית, תנא לאחר שנתישבה דעתו אמר יהי רצון שיחזרו עיני יוסי למקומן וחזרו. י"ז) ת"ר איזהו שוטה היוצא יחידי בלילה, והלן בבית הקברות והמקרע את כסותו, איתמר רב הונא אמר עד שיהו כולן בבת אחת, ר' יוחנן אמר אפילו

---

סיחון ועוג, גיט מען מעשר עני אין שמיטה, דען מען זיהט דארט אין שמיטה יאהר, ווייל די וואס זיינען צוריקגעגאנגען אין די צייטען פון עזרא, האבען ניט געהייליגט די לענדער מיט דער קדושה פון ארץ ישראל. ט"ז) „אמר לו", ר' אלעזר'ן האט פארדראסען די זאך וואס ר' יוסי זאגט עס אלס זייער באשלוס, און דער אמת איז עס נאר א הלכה למשה מסיני, האט ער צו איהם געזאגט, „פשוט ידיך", שטרעק אויס דיינע הענד און האלט צו דיינע אויגען, „פשט ידיו וקבל עיניו", ר' יוסי'ן האט געשאדט די הקפדה פון ר' אלעזר, און עס איז ביי איהם אזוי געווארען, ווי ר' אלעזר האט דאס דערזעהן האט ער געוויינט, „ואמר סוד ה' ליראיו ובריתו להודיעם", האט ער געזאגט דעם פסוק איהם מפיים און מחזק צו זיין, דאס ג־ט ב"ה לאזט וויסען זיין סוד צו די וואס פארכטען זיך פאר איהם, געה זאג זיי, „אל תחושו למנייניכם", איהר זאלט קיין מורא ניט האבען פאר אייער באשלוס, עס איז טאקע אזוי, „כך מקובלני", אזוי האב איך פארנומען פון ר' יוחנן בן זכאי וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן און זיין רבי פון זיין רבי'ן, ביז משה רבנו, אלס הלכה למשה מסיני, דאס עמון און מואב לענדער מעשר'ן די אידען מעשר עני אין שמיטה, „מה טעם"? ווארום? „הרבה כרכים", ווייל פיעל שטעדט האבען די וואס זיינען ארויס פון מצרים איינגענומען וואס זיינען איבערגעלאזען געווארען פון די וואס זיינען ארויס פון בבל צום צווייטען בית המקדש, דען די ערשטע הייליגונג וואס יהושע האט געמאכט, איז געבליבען נאר פאר איהר צייט, ניט פאר די צוקונפט, „והניחום כדי שיסמכו עליהם עניים", דאריבער האבען די עולי בבל איבער־געלאזען די לענדערייען פון עמון ומואב, עס זאל זיין אן אנלעהנונג פאר די ארימעליוט אין שמיטה, זיי זאלען קענען קלייבען לקט שכחה און פאה און קריגען מעשר עני, „תנא", נאכדעם ווי ר' אלעזר האט זיך בארוהיגט האט ער געזאגט, „יהי רצון", עס זאל זיין דער ווילען פון ג־ט, דאס די אויגען פון יוסי זאלען צוריק גוט ווערען, „וחזרו", און זיינען צוריק גוט געווארען. י"ז) די רבנן האבען געלערענט, וועלכער הייסט א שוטה, ער זאל פטור זיין פון אלע מצות, „היוצא יחידי בלילה", דער וואס געהט ארויס אליין ביינאכט, און דער וואס נעכטיגט אין בית הקברות, און דער וואס צורייסט זיינע קליידער אויף זיך. „איתמר", עס איז געלערענט געווארען דאס רב הונא זאגט, „עד שיהו כולן בבת

ופרשות באהל מועד · משהוקם המשכן ודיבר עמו מעל (א) הכפורת שם פירש לו הכתוב כדכתיב ויקרא אל משה וידבר ה' אליו מאהל מועד לאמר ובספר תורת כהנים דהיינו ויקרא נתפרשו כל הלכות קרבן וכן דברים הרבה : ונשנו · פעם שנית וכל מה שנאמר כאן נאמר כאן ואעפ"י שלא נכתב : ונשתלשו בערבות מואב · מפי משה לישראל שנאמר בעבר הירדן בארץ מואב הואיל משה באר את התורה וגו' (דברים א) : ואי סלקא דעתך עולת סיני עולת תמיד הואי · ותובת הדורות מפי הגבורה : מי איכא מידי כו' · אלא ודאי עולת ראייה הואי ומאיליהם הקריבוה : והיא עצמה לא קרבה · והעולה שהקריבו הבכורות עולת ראייה היה : ומה אני מקיים הזבחים ומנחה הגשתם לי במדבר · לשון תימה ומשמע שלא הקריבו לפי שכופין היו : שבטו של לוי · הקריבוה משלהם : שמחה · אף הם שלמי שמחה אם אין לו בשר שלמים של נדר ונדבה שהתנדב כל השנה שמביאין ברגל ולא מעשר בהמה מביא שלמים משלו או ממעות מעשר שני שלו להיות לו בשר לשובע שאין שמחת החג אלא בבשר : שחגיגה ישנה לפני הדיבור · אותן שלמים שהקריבו הבכורות אף על פי שלא ברגל הקריבום חגיגה נקראו שבהן נתקיים ויחוגו לי במדבר (שמות ה) שנאמר להם במצרים : השמחה שהגנת בנשים · דכתיב ושמחת אתה וביתך (דברים יד) : מה שאין כן בשחיטה · למצות עשה שהזמן גרמא הן והכתוב לא ריבה אותן : הכי גרסינן ורבי ישמעאל מאי טעמא קא מוקמת ליה כבית שמאי אי סלקא דעתך וכו' · ולא גרסינן אמר לך והכי פירושא לאביי פריך דאמר לעיל בית שמאי ורבי ישמעאל כו' מאי טעמא מוקמת לה לרבי ישמעאל דלא כהלכתא דבית שמאי במקום בית הלל אינה משנה משום דשמעת ליה דאמר פרטות לא נאמרו בסיני וקשיא לך אי סלקא דעתך עולת תמיד הואי ומי איכא מידי כו' משום הכי לא הוה לך לאוקמה כבית שמאי(ב): הא ר' יוסי הגלילי דשמעת ליה בהדיא דאמר לעיל עולת תמיד הואי ואפילו הכי שמעינן בעולת תמיד דלית ביה הפשט וניתוח : לפסוקי טעמים · בנגינות אם תאמר שני מינין צריך אתה לפסוק הטעם של ויעלו עולות באתנחתא כמו שאנו קורין אותו או בזקף קטן טעם שמפסיק הדבור ממה שלאחריו ואם מין אחד היה צריך אתה לקרותו באחד משאר טעמים שאין מפסיקין כגון פשטא או רביע : לאומר הרי עלי עולה סתם ולא גרסי' כאומר:נפקא מינה לאומר הרי עלי עולה כאותה עולה · מה יביא פרים או כבשים תיקו : תנן התם · במסכת פאה : הפאה

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 8**

באחת מהן, היכי דמי, אי דעביד להו דרך שטות אפילו בחדא נמי, אי דלא עביד להו דרך שטות אפילו כולהו נמי לא? לעולם דקא עביד להו דרך שטות, והלן בבית הקברות אימר כדי שתשרה עליו רוח טומאה הוא דקא עביד והיוצא יחידי בלילה אימור גנדריפס אחדיה, והמקרע את כסותו אימור בעל מחשבות הוא, כיון דעבדינהו לכולהו הוה להו (דף ד' ע"א) כמי שנגח שור חמור וגמל ונעשה מועד לכל.

א) **אמר** רב פפא אי שמיע ליה לרב הונא הא דתניא איזה שוטה זה המאבד כל מה שנותנים לו הוה הדר ביה, איבעיא להו כי הוה הדר ביה, ממקרע כסותו הוא דהוה הדר ביה דדמיא להא, או דלמא מכולהו הוה הדר? תיקו. ב) וטומטום ואנדרוגינוס כו': ת"ר זכור להוציא את הנשים זכורך להוציא טומטום ואנדרוגינוס, כל זכורך לרבות את הקטנים. ג) אמר מר זכור להוציא את הנשים, הא למה לי קרא? מכדי מצות עשה

---

אחת", ביז ער טהוט אלע דריי זאכען אין איין מאהל. ר' יוחנן זאגט, אפילו ווען ער טהוט איינס אין איינמאהל. פרעגט די גמרא, „היכי דמי?" ווי אזוי שמועסט דא, „אי דעביד דרך שטות", האט ער עס געטאן פון נארישקייט איז דאך גענוג איינס אליין, האט ער עס ניט געטאן פון נארישקייט, „אפילו כולהו נמי לא?" איז דאך אפילו אלע צוזאמען, ניט קיין באוויז? ענטפערט די גמרא, לעולם שמועסט דאס ער טהוט אלע צוזאמען אוים נארישקייט און פונדעסטוועגען וואלט איינס אליין ניט געוועז קיין באוויז, דען, „והלן בבית הקברות אימור", וואלט איך זאגען דאס ער נעכטיגט, צוליב עס זאל רוהען אויף איהם דער רוח הטומאה, „והיוצא יחידי אימור", וואלט איך זאגען, „גנדריפס אחדיה", עס האט איהם אנגעגריפען א שלאף וואנדערונג, און דער וואס צו־רייסט די קליידער אויף זיך, „אימור", וואלט איך זאגען, „בעל מחשבות הוא", דאס ער איז פארטראכט און די הענד טהוען עס אובאוואוסט, „כיון דעבדינהו לכולהו", און אזוי ווי ער טהוט אלע מיט איינמאהל, „הוה להו כמי שנגח", איז עס פונקט ווי אן אקס זאל שטויסען דריי א שור א חמור און א גמל מיט איינ־מאהל, „ונעשה מועד לכל", און ער ווערט א מועד נעגען אלע דריי, עס מוז ניט זיין דריי מאהל ביי יעדען מין, אזוי אויך דא, זיינען זיך אלע דריי מצטרף צו ער־קלערען איהם פאר א שוטה.

א) **רב פפא** זאגט, „אי שמיע ליה לרב הונא", ווען ר' הונא וואלט געהערט וואס עס איז נעלערענט געווארען„ דאס דער הייסט א שוטה, „המאבד כל מה שנותנים לו", דער וואס מאכט פארלירען אלעס וואס מען גיבט איהם, וואלט ער זיך צוריקגעצויגען פון דעם וואס ער האט געזאגט. „איבעיא להו כי הוה הדר ביה", די בני הישיבה האבען געפרעגט, צו וואלט ער זיך צוריקגעצויגען בלויז, „ממקרע כסותו דדמיא להאי", פון צורייסען זיין קלייד, ווייל עס איז גלייך צו המאבד מה שנותנים לו, „או דלמא מכולהו הוה הדר", אדער פילייכט וואלט ער זיך צוריקגעצויגען פון אלע? תיקו. בלייבט די פראגע שטעהן. ב) באציהענדיג צו דער משנה, „וטומטום ואנדרוגינוס כו'" האבען די רבנן נעלערענט, „זכור", עס האט געקענט שטעהן זכר און מען וואלט אויך ארויס־

הפאה · לא נתנה בו תורה שיעור (ד) ואע"פ שאין לפאה שיעור נתנו בו חכמים שיעור אחד מששים : וכן הבכורים · ולקחת מראשית כל פרי האדמה (דברים כו) ולא נאמר כמה : והראיון · לקמן מפרש : אמר רבי יוחנן כסבורין היינו לפרש · הא אין לו שיעור דקתני הכא : אין להן שיעור למעלה · שיביא כמה שירצה : אבל למטה יש לו שיעור · שלא לפחות ממעה כסף כמו ששנינו במתניתין והיינו סבורין דשיעור דאורייתא הוא : עד שבא ר' אושעיא ברבי ולימד · ברבי גדול בדורו : ולימד שאין לו שיעור לא למטה ולא למעלה · מן התורה : אבל חכמים כו' · כלומר שיעור מעה כסף ושתי כסף האמור במתניתין בראייה ובחגיגה מדברי חכמים הוא אבל אמרו חכמים גרסינן : מאי הראיון · ולא תנא הראייה דליתני משמע דמי עולה דאינו השתא לאו בדמים משמע אלא במצות ראיית פנים : רבי יוחנן אמר ראיית פנים בעזרה · כמה פעמים שהוא חפץ בא ומראה עצמו בעזרה ואין צריך להביא קרבן בכל ראייה וראייה : ראיית פנים בקרבן · וצריך להביא קרבן על כל פעם ופעם : בעיקר רגל · ביו"ט ראשון : בזבחים · צריך להביא קרבן בהמה הזבוחים בסכין ולא עולת העוף שהיא נמלקת : נאמרה חגיגה ברגל · למאכל הדיוט : ונאמרה ראייה לגבוה · דהא לא יראו פני דכתיב משמע לצרכי אני שואל : מה חגיגה האמורה להדיוט זבחים · של בהמה דכתיב לא ילין חלב חגי עד בקר (שמות כג) במידי דאית ליה חלב הקרב לגבוה קאמר : ואין הראיון הנאין · מפרש לקמן:(ה)בחטאות ואשמות · שלא החטא וחוזק להביא החטאת והאשם : מכיח רעך · מכיח אוהבך הקב"ה שקרא ישראל רעים שנאמר למען אחי ורעי (תהלים קכב): סבר רב יוסף למימר כו' · דאי לאו הכי מאי אין הראיון הנאין דיליף מכבל זכורך אי שלא יהיו הלין עולין מזכורך נפקא שהרי כל הזכרים בכלל זכורך :
א"ל

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 9 דף ד'**

שהזמן גרמא הוא, וכל מצות עשה שהזמן גרמא נשים פטורות? איצטריך סלקא דעתך אמינא נילף ראיה ראיה מהקהל, מה להלן נשים חייבות אף כאן נשים חייבות קמשמע לן. ד) אמר מר זכורך להוציא טומטום ואנדרוגינוס, בשלמא אנדרוגינוס אצטריך סלקא דעתך אמינא הואיל ואית ליה צד זכרות לחייב, קמ"ל דבריה בפני עצמו הוא, אלא טומטום ספיקא הוא, מי אצטריך קרא למעוטי ספיקא אמר אביי כשביציו מבחוץ. ה) אמר מר כל זכורך לרבות את הקטנים, והתנן חוץ מחרש

---

לערנען, „להוציא את הנשים", אז עס קומט ארויסציהען פרויען וואס איז ניט אין כלל זכר, „זכורך להוציא טומטום ואנדרוגינוס", עס שטעהט אבער „זכורך", דיינע זכרים, וואס איז גלייך ווי עס וואלט שטעהן הזכרים שבך, מיט א ה' הידיעה, וואס מיינט דא אמת'ע זכרים, איז עס ממעט א טומטום און אנדרוגינוס וועלכע האבען ניט אלע סמנים פון א זכר, עס איז פאראן א מחלוקת פון תנאים, דאס איינער האלט אז פון איינמאהל זכר קען מען שוין ממעט זיין א טומטום און אדרוגינוס, דען זכר מיינט פולשטענדיגער זכר מיט אלע זיינע סימנים, און אנדערע תנאים האלטען דאס איין סימן פון זכרות איז אויך אין ווארט זכר, און עס קען ניט ממעט זיין נאר א פרוי, דאריבער מוז מען האבען נאך אן איבעריגען פסוק אויף ממעט צו זיין ניט קיין פולשטענ־דיגע זכרים, „כל", פון ווארט כל איז מען מרבה קטנים, דאס הייסט אלע אפילו קליינע. ג) „אמר מר", ערשט איז געזאגט, „זכור להוציא את הנשים, פרעגט די גמרא „הא למה לי קרא ?" וואס דארף איך א פסוק אויף דעם ? „מכדי מצות עשה שהזמן גרמא הוא", עס איז דאך א מצוה וואס די צייט פעראורזאכט, דען נאר אויף א רגל איז מען מחויב געזעהן צו ווערען אין בית המקדש, „וכל מצות עשה שהזמן גרמא", און יעדע אזא מצוה, וואס די צייט איז גורם, נשים פטורות", זיינען דאך פרויען פטור ? ענטפערט די גמרא „איצטריך", איך מוז האבען א פסוק צו ממעט זיין נשים, „סלקא דעתך אמינא", דען איך וואלט מיינען, „נילף ראיה ראיה", אז איך לערן ארויס פון א גזרה שוה פון ראיה ביי הקהל, „מה להלן", פונקט ווי ביי הקהל זיינען נשים חייב, „אף כאן", אזוי אויך ביי עולה רגל זיין זיינען נשים חייב ? „קא משמע לן", לאזט ער אונז הערען א מיעוט אויף נשים. ד) „אמר מר" זאגענדיג אויבען, „זכורך להוציא טומטום ואנדרוגינוס, בשלמא", עס איז ריכטיג אנדרוגינוס, „איצטריך", וואס מען דארף דעם מיעוט זכורך, „סלקא דעתך אמינא", דען איך וואלט מיינען, „הואיל ואית ליה צד זכרות", ווייל אנדרוגינוס האט אויך סימנים פון א זכר, „לחייב ?" וואלט איך מיינען דאס ער איז חייב בראיה ? „קא משמע לן דבריה בפני עצמה הוא", לאזט ער מיר הערען דעם מיעוט זכורך, דאס נאר א פולשטענדיגער זכר ניט ווען דאס איז ווי א באזונדערע באשעפעניש, „אלא טומטום", אבער א טומטום מיינט דאך א ספק זכר אדער ספק נקבה, „מי איצטריך קרא למעוטי ספיקא ?" דארף מען דען א מיעוט צו ממעט זיין א ספק ? האט אביי געענטפערט, אז עס שמועסט אז דער מענליכער ארגאן איז פון אויסוויינינג וואס ציינט אלס זיכערער זכר, דאריבער מוז איך האבען דעם מיעוט צו ממעט זיין איהם. ה) „אמר מר כל זכורך לרבות את הקטנים",

א"ל אביי האי נמי לא תיבעי לך קרא דבלאו קרא נמי פשיטא מאחר שחייב את כולן אלא ידענא דכל אחד צריך לזרז את עצמו דהיאך יאמר האב לאלו הוו זריזין ולאלו הוו עצלין: אלא קרא לכדאחרים · והייט נמי אין נראין לאלאין דמי שאינו ראוי לעלות אלא בחבורה מועטת כגון אלו שיעשו חבורה לעצמן כך נראה בעיני וחביריי מפרשין דלאו אין נראין להלאן אתא אביי לפרושי אלא למימרא דקרא לאו להכי אתא וקשיא לי סוף סוף הא דאין נראין תלאין מאי קאמר תנא ועוד שיטת הש"ס כל היכא דאיכא סבר פלוני למימר הכי ואמר ליה פלוני הכי ההיא מילתא גופא דהוה מצי למימר קמא מתרץ בתרא ואמר ליה דלא תפרשיה הכי אלא הכי: **מתני'** עולות במועד באות מן החולין · משמע השתא עולת ראייה הבאות בתוכו של מועד באות מן החולין ולא ממעות מעשר שני דקי"ל כל דבר שבחובה אינו בא אלא מן החולין במסכת מנחות (דף פב.) ולקמן נמי בגמרא (דף ח.) תניא מסח מלמד שאדם מביא חובתו מן החולין ובגמ' פריך אמאי נקט חולו של מועד כי מייתי לה ביום טוב נמי מן החולין בעי לאתויי: ושלמים מן המעשר · בגמרא מפרש שלמי שמחה דרבינהו קרא בכל מילי: ויו"ט הראשון של פסח · בגמרא מפרש מאי היא ומאי שנא פסח דנקט: ישראל יוצאין ידי חובתן · משום שמחה בכל ענין שיש להן בשר לשובע ואין זקוקין לזבוח שלמים לשם כך: בנדרים ונדבות · שהתנדבו כל השנה וכשעולין לירושלים ברגל מביאין אותן ומקריבין אימוריהן והבשר נאכל לבעלים יוצאין בהן משום שמחה משום דבעי למיתני סיפא והכהנים בחטאות וכו' נקט ברישא ישראל: והכהנים · שבאו להן חטאות ברגל חטאותיהן ואשמות שהיו עולי רגלים מחוייבין ויש להן בשר לשובע יוצאין בהן משום שמחה ואין צריכין להביא שלמים לשם שמחה אלא בזמן שאין להן בשר לשובע: יוצאין בחזה ושוק · המורמים להן משלמי עולי רגלים: אבל לא בעופות · בחטאת העוף שאין שובע אלא בבשר בהמה ובגמ' יליף לה: **גמ'** הא · אם הביאן ביום טוב יביאם מן המעשר אם ירצה בתמיה: וכי תימא · האי דנקט במועד משום דאגב אורחיה קא משמע לן

[illegible]

אמר מר ובית הלל אומרים אף מן המעשר · והלא דבר שבחובה הוא: בטופל · מחבר מעשר עם החולין ומביא ופליגי אמוראי כילד טופלין: חזקיה אמר בהמה לבהמה · אם יש לו אוכלין הרבה ואין לו אלא שתי בהמות אחת יביא לחגיגה מן החולין והשאר מן המעשר ואע"פ שטלו הבאות ביום ראשון שם חגיגה עליהן כבר יצא ידי חובה בראשונה מן החולין: ואין טופלין מעות למעות · לקנות בהמה גדולה ורבי יוחנן אמר אפכא למר אתחזי ליה שפיר שפי יציאת ידי חובתו מן החולין כשמביא בהמה שלמה מן החולין ולמר אתחזי ליה שפיר טפי כשחולין מעורבין עם כל אכילותיו ולקמן יליף לה מקראי דמותר להיות טופל: מסת · בשבועות כתיב ועשית חג שבועות לה' אלהיך מסת נדבת ידך ולקמן מפרש מסת לשון חולין: מערב · אין לשון זה טפל אלא במעות שקונה בהן בהמה דשתי בהמות זו ניכרת לעצמה וזו ניכרת לעצמה: אשר יברכך · מכל אשר יברכך: יום ראשון · שהוא לשם חגיגה יהא מן החולין ולית להו לב"ש טפילה בדבר שבחובה: מכאן ואילך · שאינו אלא שמחה דאינו בתגיגה כתיב וחגותם אותו יום אחד ושו לא אף מן המעשר: אכילה ראשונה · השתא סלקא דעתך בהמה לעצמה וביאתה על שלחן ראשון: מכאן ואילך · אפילו בו ביום: ושאר כל ימות הפסח · שאינן אלא לשמחה אדם יוצא במעשר בהמה אם יש לו וכל שכן שקונה שלמים במעות מעשר שני: בו"ש מאי טעמא לא · נפיק במעשר בהמה בשאר אכילות חוץ מן הראשונה כי היכי דשרו במעשר שני: משום סקרתא · שטבעו דתקן בבכורות (דף מה:) היוצא בעשירי סוקרו בסיקרא ואומר הרי זה מעשר והוא לבע אדום שטובעין בו תריסין: ושמחת · כל השמחות במשמע דלא בעי מיניה אלא שמחה ואמר מר אין שמחה אלא בבשר והאי בשר הוא: יצאו



**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 9**

שוטה וקטן? אמר אביי לא קשיא כאן בקטן שהגיע לחינוך כאן בקטן שלא הגיע לחינוך, קטן שהגיע לחינוך דרבנן הוא? אין הכי נמי, וקרא אסמכתא בעלמא, ואלא קרא למאי אתא, לכדאחרים (דתנן) )דתניא) אחרים אומרים המקמץ והמצרף נחושת והבורסי פטורין מן הראיה משום שנאמר כל זכורך מי שיכול לעלות עם כל זכורך יצאו אלו שאינן ראוין לעלות עם כל זכורך. ו) נשים ועבדים שאינן משוחררים וכו': בשלמא נשים כדאמרן אלא עבדים מנלן? אמר רב הונא אמר קרא (שמות כ"ג) אל פני האדון ה' מי שאין לו אלא אדון אחד יצא זה שיש לו אדון אחר. הא למה לי קרא מכדי כל מצוה שהאשה חייבת בה עבד חייב בה, כל מצוה שאין האשה חייבת בה אין העבד חייב בה דגמר לה לה מאשה? אמר רבינא לא נצרכה אלא למי שחציו עבד וחציו בן

---

פרעגט די גמרא, „והתנן", מיר האבען דאך ערשט אין דער משנה געלערנט „חוץ מקטן", אויסער א קליינער? האט אביי געענטפערט, „לא קשיא" עס איז ניט קיין פראגע, „כאן בקטן שהגיע לחינוך", די ברייתא וואס איז מרבה א קטן מיינט וואס האט שוין דערגרייכט דעם חינוך יאהר איינצוגעוואוינען צו מצות. פרעגט די גמרא, „קטן שהגיע לחינוך דרבנן הוא?" אזא קטן איז דאך אויך נאר דרבנן? ענטפערט די גמרא, „אין הכי נמי", עס איז טאקע אזוי, „וקרא אסמכתא בעלמא", דער פסוק איז נאר אן אנלעהן, אבער א קטן איז מחוייב בראיה נאר מדרבנן, „ואלא קרא למאי אתא?" אבער פארט צו וואס קומט דער פסוק? ענטפערט די גמרא „לכדאחרים", עס קומט פאר דעם דין וואס די אחרים זאגען, „דתניא אחרים אומרים המקמץ והמצרף נחושת והבורסי" דער וואס זיין מלאכה איז צו קלייבען צואת כלבים, לויטערען קופער אדער קלייבען אנדערע שמוץ זיינען פטור פון ראיה, „שנאמר כל זכורך", ווייל דער פסוק זאגט כל זכורך, זאג איך, „מי שיכול לעלות עם כל", ווער עס קאן אויפגעהן צוזאמען מיט אלע, „יצאו אלו", די זיינען אויסגענומען וואס זיינען ניט ראוי צו געהן צוזאמען. ו) אין בעצוג צו דער משנה, „נשים ועבדים שאינן משוחררים", פרעגט די גמרא „בשלמא", ריכטיג איז נשים, „כדאמרן", ווי אויבען נעזאגט, „אלא עבדים מנלן?" אבער פון וואנען וויים איך עבדים? ענטפערט רב הונא, „אמר קרא" דער פסוק זאגט אל פני האדון ה', טייטש איך „מי שאין לו אלא אדון אחד", ווער עס האט ניט נאר איין אויבערהאר, „יצא זה", אויסגענומען איז דער עבד וואס האט נאך א אויבערהאר. פרעגט די גמרא „הא למה לי קרא?" וואס דארף איך א פסוק פאר דעם, „מכדי כל מצוה שהאשה חייבת עבד חייב", עס איז דאך, דאס יעדע מצוה וואס א פרוי איז חייב איז אויך אן עבד חייב, „דגמר לה לה מאשה", ווייל איך לערען ארויס דורך א גזרה שוה, צוויי גלייכע ווערטער לה לה פון אן אשה, ביי דער אשה שטעהט „וכתב לה" און ביי א שפחה „או חפשה לא ניתן לה". לערען איך ארויס דאס נאר וואס די אשה איז חייב איז די שפחה אדער עבד חייב? צו וואס דארף מען דעם פסוק אל פני האדון? האט רבינא געענטפערט לא נצרכה „אלא למי שחציו עבד", דער פסוק איז ניט בעדארפט נאר פאר ממעט

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 10**

חורין דייקא נמי דקתני נשים ועבדים שאינן משוחררים, מאי שאינן משוהררין? אי לימא שאינן משוחררין כלל? ליתני עבדים סתמא? אלא לאו שאינן משוחררים לגמרי, ומאי נינהו מי שחציו עבד וחציו בן חורין, שמע מינה. ז) והחיגר והסומא וחולה והזקן: ת"ר רגלים פרט לבעלי קבין, דבר אחר רגלים פרט לחיגר ולהולה ולסומא ולזקן ולשאינו יכול לעלות ברגליו, ושאינו יכול לעלות ברגליו לאתוי מאי? אמר רבא לאתויי (דף ד' ע"ב) מפנקי דכתיב (ישעי' א') כי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי. ח) תנא הערל והטמא פטורין מן הראיה בשלמא טמא דכתיב (דברים י"ב) ובאת שמה והבאתם שמה, כל שישנו בביאה ישנו בהבאה וכל שאינו בביאה אינו בהבאה, אלא ערל מנלן? הא מני ר' עקביא היא דמרבי לערל כטמא, דתניא ר' עקיבא

---

צו זיין אן עבד וואס איז האלב עבד און האלב פריי, „דייקי נמי", דו קענסט דיר אויך ארויסדרינגען פון די ווערטער „עבדים שאינן משוחררים", דען וואס מיינען די ווערטער? „אילימא שאינן משוחררין כלל?" זאל איך זאגען, וואס זיינען נענצליך ניט פריי, „ליתני עבדים סתמא?" האט ער דאך געקענט לערנען איינפאך דאס ווארט עבדים? „אלא לאו", זעהסטו דען ניט, „שאינן משוחררין לגמרי", אז עס מיינט זיי זיינען ניט גענצליך פריי, „ומאי נינהו" און ווער זיינען זיי „מי שחציו עבד", וועלכע זיינען האלב עבד האלב פריי, „שמע מינה", איז עס גוט געדרונגען. ז) אין בעצוג צו דער משנה, „והחיגר והסומא וכו', תנו רבנן", האבען די רבנן געלערענט, דער פסוק זאגט, „רגלים" איז עס ממעט „בעלי קבין", די וואס א האלבער פוס איז צוגעלעהנט אין אן אויסגעבעטענעם סג, „דבר אחר", נאך א דעה וואס האלט אז איך לערען דאס פון „פעמים", קומט רגלים, „פרט לחיגר", ממעט צו זיין א חיגר, א חולה, א סומא, א זקן, און דער וואס קען ניט געהן מיט אייגענע פיס, פרעגט די גמרא, „ושאינו יכול לעלות ברגליו לאתויי מאי?" וואס קומען מרבה זיין די ווערטער, די אלע קענען דאך ניט געהן מיט אייגענע פיס? האט רבא געענטפערט „לאתויי מפנקי", עס קומט מרבה זיין א מפונק וואס קען ניט געהן אהן שיך, און אין הר הבית טאר מען ניט געהן מיט שיך, ווי דער פסוק זאגט „כי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי", אז איהר קומט אין בית המקדש צו ווערען געזעהן, ווער פארלאנגט דאס פון אייך צו טרעטען מיט שיך אין מיין חצר? זא קומט רגלים און איז אויך איהם ממעט פון ראייה. ח) „תנא". מיר האבען געלערענט, אן ערל וואס זיינע ברידער זיינען געשטארבען פון מילה, וואס צוליב דעם איז ער געבליבען א ערל, און א טמא זיינען פטור פון ראייה, פרעגט די גמרא, „בשלמא טמא", עס איז רעכט א טמא דען דער פסוק זאגט „ובאת שמה והבאתם שמה", זאלסט קומען אין בית המקדש, און ברייגגען אין בית המקדש, טייטש איך, „כל שישנו בביאה ישנו בהבאה", דער וואס איז געבאטען צו קומען איז אויך געבאטען צו ברענגען און א טמא קאן דאך ניט קומען אין בית המקדש. „אלא ערל מנלן?" אבער אן ערל פון וואנען איז געדרונגען אז ער איז פטור פון ראייה? ענטפערט די גמרא

ילא אלו שאין חגיגה באה מהן · דחגיגה חלב כתיב בה לא ילין חלב חגי וגו' (שמות כג): מתני' אוכלין מרובין · בני בית רבים מביא שלמים רבים שלמי חגיגה רבים לפי האוכלים ועולה ראייה מועטת: שלות מרובות · דכתיב איש כמתנת ידו: גמ' טופל · מעות חולין ומעשר יחד: אלימא הכי קאמר ליה הרי אמרו בהמה לבהמה(ג) מעות למעות לא·כחזקיה: לימא ליה הרי אמרו אין טופלין מעות למעות · כיון דלמיסר טפילת מעות אתא ושמעינן לחזקיה בהדיא דאין טופלין היכי שביק מילתא בהדיא ומותיב מדיוקא: אלא אף טופלין קאמר ליה · דשמעינן לרב חסדא דקאמר בטופל ומביא פר גדול דוקא מעות למעות אבל בהמה לבהמה לא ואמר ליה איהו הרי אמרו אף טופלין בהמה לבהמה כמאן וכו': וכי תימא אמוראי הוא דפליגי · חזקיה ורבי יוחנן הוא דפליגי בבהמה ובמעות: אבל מתנייתא · דאייתינן לעיל תניא כוותיה דמר ודמר: לא פליגי במעות אלא בבהמה דהך דקתני אם רצה לערב הוא דקאמר מעות דוקא אבל אידך מתניתא ס"ל בין מעות בין בהמה ורב ששת כברייתא בתרייתא סבירא ליה: והא קתני אכילה ראשונה מן החולין · וקא סלקא דעתך דסעודה הבאה ראשונה על השולחן בעי בולה מחולין: דמי אכילה ראשונה · כלומר אכילה ראשונה כהמא קתני דאית ליה בין בהמה עצמה בין מעות שיעור אכילה ראשונה: חוזר ומקריב חמש ביום טוב שני · ולא אמרינן עובר הוא בבל תוסיף (ג) ורחמנא אמר וחגותם אותו חד יומא ותו לא דהך נמי דחד יומא הוא ושני תשלומין דראשון: בפסח · אם הפרישן בפסח אינו חוזר ומקריבן כדמפרש ואזיל: כאן במפרש · דאמר בהדיא ליום ראשון אני מפריש את כולן חוזר ומקריבן שאינו אלא תשלומי ראשון: הא סתם · דאמרת אסור להקריבן היכי דמי: משום דלא הוה ליה סתם הוא · ומסתמא ליום ראשון הפרישן: שיורי שייר · שהיה בדעתו לחוג שני ימים: ה"ג מסתברא · דמודה ר' יוחנן במפרש: איתמר נמי · הכא דמוכח מילתא דלא היה בדעתו לחוג שני ימים מודה ר"י:

לא

פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 10

אומר (ויקרא כ"ב) איש איש לרבות את הערל. ט) ת"ר טמא פטור מן הראייה דכתיב ובאת שמה והבאתם שמה כל שישנו בביאה ישנו בהבאה וכל שאינו בביאה אינו בהבאה. ר' יוחנן בן דהבאי אומר משום ר' יהודה סומא באחת מעיניו פטור מן הראיה שנאמר יראה יראה כדרך שבא לראות כך בא ליראות, מאי בא לראות בשתי עיניו אף ליראות בשתי עיניו: י) רב הונא כי מטי להאי קרא יראה יראה בכי, אמר עבד שרבו מצפה לו לראותו יתרחק ממנו דכתיב כי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי. רב הונא כי מטי להאי קרא בכי (דברים כ"ז) וזבחת שלמים ואכלת שם, עבר שרבו מצפה לאכול על שלחנו יתרחק ממנו דכתיב (ישעי' א') למה לי רוב זבחיכם יאמר ה'. י"א) ר' אלעזר כי מטי להאי קרא בכי (בראשית מ"ה) ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו. ומה תוכחה של בשר ודם כך? תוכחה של הקב"ה

---

„הא מני ר' עקיבא". ווייסטו ווי ווער עס איז? עס איז ווי ר' עקיבא,דמרבי לערל כטמא". ער איז מרבה אן ערל, „דתניא" מיר האבען געלערענט ר"ע זאגט דער פסוק זאגט איש איש מזרע אהרן והוא צרוע או זב", יעדער מאן פון אהרן'ס שטאם אויב ער איז טמא זאל נישט עסען קיין תרומה, עס שטעהט דאפעלט „איש איש", און עס איז א פראגע צו א ערל מעג עסען תרומה, זאגען מיר די תורה האט זיכער ניט פארהוילען דאס און ווארשיינליך קומט „איש איש" דאס מרבה זיין. דער טייטש איז, יעדער מאן וואס איז טמא און אפילו בלויז אן ערל איז ער ווי א טמא. ט) די רבנן האבען געלערענט א טמא איז פטור פון ראייה, „דכתיב", ווייל דער פסוק זאגט„ובאת שמה והבאתם שמה, און מיר טייטשען דער וואס קען קומען אין בית המקדש קען אויך ברייגגען, און דער טמא קען דאך נישט קומען אין בית המקדש, דערפאר איז ער פטור פון „ולא יראה פני ריקם". ר' יוחנן זאגט פון ר' יודא וועגען „סומא באחת מעיניו", א בלינדער אויף איין אויג איז פטור פון ראיה צוליב דעם פסוק „יראה יראה", ווי עס איז שוין אויבען דערקלערט. י) רב הונא ווען ער איז געקומען צו דעם פסוק „יראה יראה" וואס שטעהט עטליכע מאל אין דער תורה האט ער געוויינט. ער האט געזאגט: „עבד שרבו מצפה לו לראותו". א איד וואס הייסט עבד ד' און השי"ת האפט אזוי איהם צו זעהן, „יתרחק ממנו", זאל אזוי דערווייטערט ווערען פון איהם. ווי דער פסוק זאגט „כי תבואו לראות פני", ווען איהר קומט צו געזעהן ווערען פון מיר, ווער פארלאנגט דאס פון אייך איהר זאלט טרעטען אין מיין חצר. ער האט אויך געוויינט „כי מטי להאי קרא", ווען ער איז גע־קומען צו דעם פסוק „וזבחת שלמים ואכלת שם", זאלסט שעכטען שלמים און זאלסט עסען דארט אין ירושלים, ער האט זיך געזאגט, „עבד שרבו מצפה", אן עבד וואס דער בעל הבית האפט אזוי ער זאל עסען ביי זיין טיש זאל אזוי דער־ווייטערט ווערען פון איהם? ווי דער פסוק זאגט: „למה לי רוב זבחיכם", צו וואס טויג מיר אייערע פיעלע קרבנות ,זאגט ג־ט. י"א) ר' אליעזר קומענדיג צו דעם פסוק האט געוויינט, „ולא יכלו אחיו", די ברידער פון יוסף האבען נישט גע־קענט ענטפערען איהם, ווייל זיי זיינען פארשעמט געווארען פאר איהם. ר"א

---

לא שט . הא דתניא לקמן אותו אתה חוגג ולא יותר אלא שלא גמר היום : אבל גמר היום . ולא היה לו שהות להקריב כל חגיגות שספרים : **מתני'** מי שלא חג . שלא הביא חגיגתו ביום הראשון של חג : ויו"ט האחרון של חג . חוגג שמיני עצרת ולא"ג דרגל בפני עצמו הוא הוי תשלומין לראשון : והוליד ממזר . שהביא פסולין בישראל ויהא זכרון (א) לפיכך אין שטתיו נמחקין בתשובה : יכול להחזיר . דמי גניבתו וגזלתו לבעלים : ויתקן . ויהא מתוקן מן התאוה : מעוות . מקולקל : **גמ'** מנהגי מילי . דיו"ט האחרון של חג הסוכות תשלומין לקרבנות החג ליחידים : עצרת בשביעי של פסח . בפרשת כל הבכור ששת ימים תאכל מצות וביום השביעי עצרת(דברים טז): מה לשביעי של פסח . תשלומין לראשון שהרי אינו חלוק מלפניו שמיני עצרת חלוק מלפניו לענין פז"ר קש"ב : מופנה . וצריכה גזירה שוה זו שתהא מופנה דאו לא פרכינן עליה מידי דכל גזירה שוה מופנה למידין ואין משיבין : לאי . באמת : הא כתיב לא תעשה מלאכה . בההוא קרא גופיה וביום השביעי עצרת לה' אלהיך לא תעשה מלאכה : ותנא תייהי לה מהכא . משום דר' יוחנן דגמר לה כדאמרינן לעיל אמורא הוא נקט הכא האי ליפנא : כל שבעה . כל יום ויום : בחדש השביעי . כל ימי החג האמור בחדש השביעי : יכול יהא חוגג והולך כל החדש . איזה יום סירלה לתשלומי החג אם לא הקריב בחג : ת"ל אותו . בסיפיה דקרא סרי אותו כתיב ביה : מאי תשלומין. כיצד הן תשלומין : (ב) כולן תשלומין לראשון . שהרי יום אחד עשה הכתוב עיקר בכולן דכתיב אותו ושלאחריו עשה תשלומין לו : כולן תשלומין זה לזה . אין לך יום בהם שאין חובתו תלויה בו בעצמו למי שלא נראה בימים שלפניו (ג) יום ראשון שהוא נראה להביא עיקר לדידיה וימים שלאחריו תשלומין לו : חיגר . אינו ראוי לראות כדאמרינן במתני': נטמא ביום . בכריתות (דף ט.) תנן נזיר מביא קרבן אחד על טומאות הרבה ואמר חזקיה נטמא ביום ח' שהוא ראוי להביא קרבנות ולהתחיל מנין נזירותו וימים שמנה קודם טומאה בטלין כמו שנא' וביום השמיני יביא שתי תורים או שני בני וגו' והזיר לה' כל ימי נזרו וגו' והימים הראשונים יפלו כי טמא נזרו (במדבר ו) : מביא. קרבן על הטומאה השניה שכבר נתחייב בקרבן הטומאה והתחלה שניה והוי זו טומאה אחרת אבל נטמא בליל שמיני אינו מביא אלא קרבן אחד דהיינו ולא ינא מטומאה הראשונה לשעה שהיה ראויה להביא עליה קרבן לא נתחייב בקרבן הראשון. ואין לו תשלומין : ורבי יוחנן אמר . הואיל ושכל לטומאתו ראשונה והעריב שמשו נתחייב בקרבן ואף על פי שאין ליה ראוי לקרבן תלמא אף על גב דלא ראוי לקרבן יש לו תשלומין : שאני טומאה . קרבן הנדחה מפני הטומאה ולפיכך יש לו תשלומין ואף על גב דלא נראה להביא : הואיל ויש לה תשלומין . (ד) כגון אלו בפסח שני שהרי מי שלא נראה בראשון יש לו תשלומין אבל הנדחה מפני דבר אחר לא תניא לו תשלומין אלא אם כן נראה להביא : הניחא למאן דאמר כו'. פלוגתא היא במסכת פסחים בפרק מי שהיה טמא (דף צג) : אלא

היתר נדרים, „אי מדרב יושיע", אויב פון ר' יושיע, „דלמא הכי קאמר ? " פי־לייכט איז אזוי די מיינונג פון פסוק, טאקע, „באפי נשבעתי", איך האב גע־שוואָרען אין צאָרען, „ולא הדרנא בי", פונדעסטוועגען וועל איך ניט צוריק־טרעטען, איז ניט קיין באווייז אויף היתר נדרים, „אי מדרבי יצחק", אויב צו נעמען פון ר' יצחק, „דילמא לאפוקי מדשמואל", פיליייכט זאָגט דאָס ר' יצחק ארויסצוציהען פון שמואל'ן, דען שמואל האָט געזאָגט, „גמר בלבו צריך שיוציא בשפתיו", אז איינער האָט אָבגעמאכט אין זיין געדאנק צו א נדר מוז ער ארויס־זאָגען מיט'ן מויל, „והא קמ"ל", און דאָס לאָזט מיך ר' יצחק הערען, „דאף על גב דלא הוציא בשפתיו", ווען זאָגאר ער האָט ניט ארויסגעזאָגט מיט'ן מויל דעם נדר, דאָס מיינט דער פסוק כל נדיב לבו, אויב בלויז ער באוויליגט מיט'ן הארץ איז שוין גוט, „אי מדחנניא", זאָל איך ארויסלערנען פון חנניא, קען איך אויך אָב־פרעגען, „דילמא כרב גידל אמר רב", טאָמער איז עס ווי רב גידל, דען ער האָט געזאָגט, „מנין שנשבעין לקיים את המצוה ? " פון וואנען דרינג איך אז מען מעג שווערען מקיים צו זיין א מצוה זאָגט דער פסוק נשבעתי ואקיימה, ווייס איך אלץ ניט אויף היתר נדרים, „אלא דשמואל לית ליה פירכא", נאָר שמואל'ס אויסלערנונג קען ניט ווערען אָבגעפרעגט. רבא האָט געזאָגט, „ואיתימא", און טייל זאָגען רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט, „היינו דאמרי אינשי", דאָס איז וואָס מענשען זאָגען, „טבא חדא פלפלתא חריפתא", עס איז בעסער איין שארפער פעפער, „ממלי צנא דקרי", ווי א פולער קאָרב שוואכע אפעטייזינג. ה) די משנה רעכענט הלכות שבת, דאָס זי האָט א סך הלכות און ווייניג פסוק, אויף דעם פרעגט די גמרא, „מיכתב כתיבן ? " אז אלע מלאכות זיינען אסור צו טאָן אום שבת, שטעהען דאָך אין דער תורה ? ענטפערט די גמרא, „לא צריכא אלא לכדרי אבא", ער דארף ניט לאָזען הערען נאָר אזא סאָרט מלאכה ווי ר' אבא זאָגט, „החופר גומא בשבת ואין צריך אלא לעפרה פטור עליה", אז איינער מאכט א גרוב אין שבת, וועלכען ער דארף ניט נאָר די ערד, איז ער פטור, און לויט די תורה וואָס זאָגט מען זאָל קיין שום מלאכה ניט טאָן וואָלט איך מיינען אז מען איז אויף דער מלאכה אויך חייב, אויף דעם זאָגט ער אין די משנה, אז עס איז פאראן מלאכת שבת וואָס מען איז פטור, פרעגט די גמרא „כמאן"? " ווי וועמ קומט אויס די הלכה ? „כרי שמעון דאמר מלאכה שאינה צריכה לגופה פטור עליה", עס וועט אויסקומען ווי ר' שמעון וואָס האלט, אז

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 22**

מתקן, הכא מקלקל הוא, מאי כהררין התלויין בשערה (דף י' ע"ב) מלאכת מחשבת אסרה תורה ומלאכת מחשבת לא כתיבא: ו) חגיגות: מיכתב כתיבן? לא צריכא לכדאמר ליה רב פפא לאביי, ממאי דהאי והגותם אותו חג לה' זביחה, דלמא הוגו חגא קאמר רחמנא? אלא מעתה דכתיב (שמות ה') ויחוגו לי במדבר הכי נמי דחוגו חגא הוא? וכי תימא הכי נמי והכתיב (שם) ויאמר משה גם אתה תתן בידינו זבחים ועולות? דלמא הכי קאמר רחמנא, אכלו ושתו והוגו חגא קמאי? לא סלקא דעתך

---

אזא מלאכה וואס דארף זיך ניט האבען נאר אן אנדער צוועק איז דא אין איהר, ווי דער החופר גומא, איז ער פטור, אבער איז דאך דא זיין קריגער ר' יודא וואס האלט ער איז חייב? ענטפערט די גמרא, „אפילו תימא ר' יודא", עס קען אפילו אויסקומען ווי ר' יודא, אי ר' יודא האלט דאך אז ביי אזא מלאכה איז ער חייב? עס איז ניט גלייך, „התם מתקן", דארט איבעראל איז ר' יודא מחייב ווייל ער איז א מתקן, ער פאריכט, כאטש ער דארף ניט די מלאכה איז עס אבער א פאריכטונג, „הכא מקלקל הוא", דא איז עס אבער א צושטערונג פון זיין לאנד, ער דארף ניט האבען דעם גרוב. פרעגט די גמרא, „מאי כהררין התלוין בשערה?" ווארום זאגט ער אז זיי הייגנען נאר אויף א האר? זיי זיינען דאך אויף גארניט באזירט אין פסוק? ענטפערט די גמרא, „מלאכת מחשבת אסרה תורה", די תורה האט נאר גע'אסר'ט א מלאכה וואס איז אויס־געפלאנט מיט א צוועק פאר עפעס, און, „מלאכת מחשבת לא כתיבא", אז עס דארף זיין מלאכת מחשבת שטעהט ניט אין דער תורה דאס ווערט ארויסגע־לערענט פון משכן, איבערהויפט ווען ער איז א מקלקל האט דאך די מלאכה אינגאנצען ניט קיין געברויך, אין משכן זיינען אזוי געגאנגען די מלאכות און נאכ'ן פערטיגען דעם משכן, האט דער פסוק געזאגט דאס אזוי זאלט איהר ניט טאן אין שבת, אבער בפירוש שטעהט ניט ווי אזוי די מלאכות טארען ניט געטאן ווערען, דאס מיינט די הלכות הענגען אויף א האר. ו) פרעגט די גמרא, דו רעכענסט חגיגות אלס מעהר הלכות און ווייניג פסוק, „מיכתב כתיבן?" זיי זיינען דאך געשריבען אין דער תורה? „וחגותם אותו חג להי?" ענט־פערט די גמרא, „לא צריכא אלא לכדאמר ליה רב פפא לאביי", ער דארף ניט לאזען הערען, נאר נאך דעם ווי רב פפא פרעגט צו אביי, „ממאי דהאי וחגותם אותו חג להי זביחה?" פון וואנען ווייסטו דאס וחגותם מיינט מען קרבן חגיגה? „דילמא חוגו חגא קאמר רחמנא?" פיליכט מיינט די תורה איהר זאלט פייערען אין יום טוב, דאס הייסט זיך משמח זיין? פרעגט די גמרא, „אלא מעתה", לויט די מיינונג, וואס דער פסוק זאגט „ויחוגו לי במדבר, הכי נמי", וועסט אויך אזוי זאגען, דחוגו הגא הוא?" אז זיי זאלען פייערען א חג? „וכי תימא הכי נמי?" אי וועסטו אפשר זאגען עס איז טאקע אזוי? „והכתיב, ויאמר משה גם אתה תתן בידינו זבחים ועולות?" דער פסוק זאגט דאך אז משה האט געזאגט צו פרעה, אפילו דו וועסט אונז אויך מוזען געבען קרבנות? זעהסטו דאך אז עס מיינט קרבנות ממש? זאגט די גמרא, ניין, „דילמא הכי קאמר", פיליכט מיינט מען, „אכלו ושתו וחוגו חגא קמאי?" עסט און טרינקט

פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד :22

דכתיב (שם כ"ג) ולא ילין חלב חגי עד בקר, ואי סלקא דעתך דחוגא חגא הוא, תרבא לחגא אית ליה? ודילמא הכי קאמר רחמנא, חלב הבא בזמן חג לא ילין? אלא מעתה הבא בזמן חג הוא דלא ילין, הא דכל השנה כולה ילין (ויקרא ו') כל הלילה עד הבקר כתיב? ז) דלמא אי מההיא הוה אמינא ההוא לעשה כתב רחמנא ההוא ללאו, ללאו? כתב קרא אחרינא (דברים ט"ז) ולא ילין מן הבשר אשר תזבח בערב ביום הראשון לבוקר? ודלמא לעבור עליו בשני לאוין ועשה? אלא אתיא מדבר מדבר כתיב הכא ויחוגו לי במדבר, וכתיב התם (עמוס ה') הזבחים ומנחה הגשתם לי במדבר מה להלן זבחים אף כאן זבחים, ומאי כהררין התלוין

---

און פייערט א פייערונג פאר מיר? ענטפערט די גמרא, „לא סלקא דעתך", עס קען ניט ארויפקומען אזוי, אויף דיין געדאנק, „דכתיב", דען דער פסוק זאגט, „ולא ילין חלב חגי עד בקר", ער זאל ניט איבערנעכטיגען דעם חלב פון מיין חגיגה ביז אין דער פריה" „ואי סלקא דעתך דחוגא חגא הוא", און אויב עס וועט אויפפאלען אויף דיין געדאנק אז „חוגו" מיינט פייערען די שמחה איז דאך א פראגע, „תרבא לחגא אית ליה?" האט עס דען חלב? פרעגט די גמרא ווידער, „ודילמא הכי קאמר רחמנא?" פיליכט האט די תורה אזוי געמיינט? „חלב הבא בזמן חג לא ילין", אז חלב וואס געפאלט פון קרבנות אין יום טוב טאר מען ניט איבערנעכטיגען? פרעגט די גמרא ווידער צוריק, „אלא מעתה", לויט דיין פשט, „הבא בזמן חג הוא דלא ילין", אזא חלב וואס קומט אין יום טוב, דעם טאר מען ניט איבערנעכטיגען, „הא דכל השנה כולה", אבער פון א גאנץ יאהר, „ילין?" מעג ער יא איבערנעכטיגען? איז דאך די קשיא, „כל הלילה עד הבקר כתיב?" דער פסוק זאגט דאך אז נאר ביז אין דער פריה, אבער דערנאך ווערט עס פסול מיט'ן נעכטיגען? זעהסטו דאך אז א גאנץ יאהר טאר מען ניט איבערנעכטיגען. ז) די גמרא פרעגט צוריק, „דילמא אי מההיא", פיליכט אויב דו וועסט וועלען דרינגען פון „כל הלילה", דאס „לא ילין חלב חגי", מיינט געוויס א קרבן חגיגה, קען איך דאך אבווענדען? „הוה אמינא", ווייל איך וואלט גיכער מיינען, „ההוא לעשה", אז דער פסוק כל הלילה איז אויף אן עשה, א מצוה ניט איבערצונעכטיגען קיין חלב, פאר וועלכע עס קומט ניט קיין מלקות, „כתב רחמנא ההוא ללאו", דאריבער האט די תורה צונעגעבען אויך א לאו „ולא ילין חלב חגי?" און באלד פרעגט די גמרא איבער, „ללאו?" דו זאגסט אויף א לאו? „כתב קרא אחרינא ולא ילין הבשר לבוקר?" אויף א לאו שטעהט דאך נאך א פסוק? ווענדט די גמרא ווידער אב, „ודילמא לעבור עליו בשני לאוין ועשה?" פיליכט מיינט די תורה, איהם מחייב צו זיין אויף צוויי לאוין און איין עשה אויב ער לאזט איבער חלב אין חג, און לעולם מיינט מען „וחגותם חוגו לי חגא" און ניט קיין קרבן חגיגה, יעצט איז דאך די פראגע פון וואנען איז געדרונגען דאס וחגותם מיינט קרבן חגיגה? דאריבער זאגט די גמרא, „אלא אתיא מדבר מדבר", איך לערען א גזרה שוה פון צוויי גלייכע ווערטער דאס די ענינים זיינען גלייך, „כתיב הכא ויחוגו לי במדבר וכתיב התם הזבחים ומנחות הגשתם לי במדבר",

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד:22**

בשערה? דברי תורה מדברי קבלה לא ילפינן: ח) מעילות: מיכתב כתיבן? אמר רמא בר חמא לא נצרכה אלא לכדתנן, השליח שעשה שליחותו, בעל הבית מעל, לא עשה שליחותו שליח מעל, וכי עשה שליחותו אמאי מעל? וכי זה חוטא וזה מתחייב? היינו כהררין התלוין בשערה. אמר רבא ומאי קושיא דילמא שאני מעילה דילפא חטא חטא מתרומה? מה התם שליחו של אדם כמותו, אף כאן שליחו של אדם כמותו, אלא אמר רבא לא נצרכה אלא לכדתניא, נזכר בעל הבית ולא נזכר שליח, שליח מעל, שליח עניא מאי קא עביד? היינו כהררין התלויין בשערה.

---

דאָ שטעהט במדבר און דאָרט שטעהט במדבר, „מה להלן", פונקט ווי דאָרט מיינט עס זבחים, „אף כאן", אזוי אויך דאָ מיינט מען זבחים, קומט דאָך ווידער צוריק די קשיא, „ומאי כהררין התלויין בשערה?" און מיט וואָס הייסט עס, אז הענגט אויף א האָר? א גזרה שוה איז דאָך א גרויסער באוויז? ענטפערט די גמרא, „דברי תורה מדברי קבלה לא ילפינן", די תורה קען מען ניט אָבּ־לערנען פון נביאים וכתובים, דאריבער הייסט עס, עס הענגט אויף א האָר: ח) פרעגט די גמרא, „מעילות מיכתב כתיבן?" מעילות שטעהען דאָך יאָ געשריבען אין דער תורה? האָט רבי געזאָגט, „לא נצרכה אלא לכדתנן", ער דארף ניט לאָזען הערען נאָר אזא סאָרט ווי מיר האָבען געלערענט אין דער משנה פון מעילה, „השליח שעשה שליחותו", עס רעדט זיך דאָרט, איינעם האָט זיך אויסגעמישט הקדש געלד מיט זיין אייגען געלד, און אזוי אין אירטום האָט ער געגעבען פון דעם געלד צו א שליח ער זאָל געהן קויפען געוויסע זאכען, איז דער דין, האָט דער שליח געטאָן זיין שליחות ווי דער בעל הבית האָט איהם געהייסען, האָט דער בעל הבית מועל געווען נוצענדיג הקדש געלד, האָט דער שליח ניט געטאָן ווי זיין שליחות, האָט דער שליח מועל געווען, איז דאָך די פראגע, „וכי עשה שליחותו אמאי מעל?" אז אויב דער שליח האָט געטאָן ווי זיין שליחות, ווארום האָט דער בעל הבית מועל געווען? „וכי זה חוטא וזה מתחייב?" דער שליח זינדיגט און דער בעל הבית זאָל חייב זיין( דאָס קרן מיט א חומש און אשם מעילות) מיר האָבען דאָך געלערענט, אז עס איז ניט פאראן קיין שליח אויף אן עברה? זאָגט די גמרא, „היינו כהררין", דאָס מיינט טאקע די משנה די הלכות הענגען אויף א האָר, האָט רבא געפרעגט, „ומאי קושיא"? וואָס פאָר א פראגע? „דילמא שאני מעילה דילפא חטא חטא מתרומה", טאָמער איז מעילה אנדערש פון איבעראל? עס ווערט ארויס־געלערענט מיט א גזרה שוה חטא חטא דאָס געגען א שליח זיינען זיי בידע גלייכע ענינים און ביי תרומה ווערט ארויסגעלערענט פון פסוק, „כן תרימו גם אתם", אזוי זאָלט איהר אָבשיידען איהר אויך, איז דאָך דער „גם" איבעריג, צו וויסען אז מען קען מאכען א שליח, „שליחו של אדם כמותו", דער שליח איז ווי ער אליין, אלא האָט רבא געענטפערט „לא נצרכה אל לכדתני", ער לאָזט ניט הערען נאָר געגען אזא דין, ווי די ברייתא זאָגט, „נזכר בעל הבית ולא נזכר שליח, שליח מעל", אויב דער בעל הבית האָט זיך דערמאָנט אז עס איז הקדש געלד, איידער דער שליח האָט דערגרייכט צום קויפען און דער שליח האָט זיך ניט

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד:22**

ט) אמר רב אשי מאי קושיא דלמא מידי דהוה אמוציא מעות הקדש לחולין? אלא אמר רב אשי לא נצרכה אלא לכדתנן, נטל אבן או קורה של הקדש הרי זה לא מעל, נתנה לחברו הוא מעל וחברו לא מעל, מכדי מישקל שקלה מה לי הוא ומה לי חברו? היינו כהררין התלויין בשערה, ומאי קושיא דלמא כדשמואל דאמר שמואל הכא (דף י״א ע״א) בגזבר המסורות לו אבני בנין עסקינן, דכל היכא דמנחה, ברשותא דידיה מנחה.

א) **אלא** מסיפא בנאה בתוך ביתו הרי זה לא מעל עד שידור תחתיה בשוה פרוטה, מכדי שנויה שנייה מה לי דר ומה לי לא דר? היינו כהררין התלויין בשערה, ומאי קושי׳ דלמא לכדרב? דאמר רב

---

דערמאנט, האט דער שליח מועל געווען, איז דאך די פראגע, „שליח עניא מאי קא עביד?" וואס האט דער ארימער שליח דען געטאן, ווארום זאל ער חייב זיין? „היינו כהררין התלויין בשערה", אט דאריבער הייסט עס תלויין בשערה.

ט) רב אשי האט געפרעגט, „מאי קושיא?" וואס פאר א פראגע איז דאס? „דלמא מידי דהוה אמוציא מעות הקדש לחולין?" פילייכט איז דאס ווי איינער וואס גיט אוים הקדש געלד צו חולין פונקט ווי יענער איז חייב אזוי ער אויך, ווייל דאך איז עס געטאן געווארען דורך זיין האנד? „אלא אמר רב אשי לא נצרכה אלא לכדתנן" נאר זאגט רב אשי, אז עס קומט ניט לאזען הערען נאר ווי מיר האבען געלערענט אין א משנה דארט, „נטל אבן או קורה של הקדש", איינער האט גענומען צו זיך א שטיין אדער א בעליג וואס איז הקדש, „הרי זה לא מעל", האט ער ניט מועל געווען, „נתנה לחברו הוא מעל וחברו לא מעל", האט ער עס איבערגעגעבען צו אן אנדערען האט ער מועל געווען און זיין חבר ניט, איז דאך די פראגע, „מכדי מישקל שקלה, מה לי הוא מה לי חברו?" זא ווי זא האט ער עס גענומען פון הקדש, וואס איז שוין דער אונטערשיעד פון איהם צו זיין חבר, זאל דער חבר מועל זיין וואס איז ביי איהם? „היינו", אט דערפאר הייסט עס „כהררין התלויין בשערה", פרעגט די גמרא, „ומאי קושיא, דלמא כדשמואל?" וואס איז די פראגע צו ער צו זיין חבר, פילייכט איז יא אן אונטערשיעד אזוי ווי שמואל זאגט, „הכא בגזבר המסורות לו אבני בנין עסקינן", אז דא שמועסט אז ער איז א גבאי פון די בוי מאטעריאל ביי הקדש „דכל היכא דמנחה, ברשותא דידיה מנחה", איז דאך וואו די שטיינער ליגען אלץ אין זיין רשות, עס איז קיין אונטערשיעד צו אין זיין הויז צו אין הקדש, דאריבער איז ער ניט מועל, דאגעגען אבער ווי ער גיט עס נאר צו אן אנדערען איז ער שוין מועל, דאס הייסט שוין ארוים פון הקדש און אריבער צו חולין.

א) „**אלא**", זאגט די גמרא פון די סיפא אין דער משנה, „בנאה בתוך ביתו", אויב ער האט דעם שטיין אדער בעליג אריינגעבויט אין זיין הויז האט ער אלץ ניט מועל געווען, „עד שידור תחתיה בשוה פרוטה", ביז ער וואוינט אין איהר פלאץ די ווערט פון א פרוטה, איז דאך א קשיא, „מכדי שנויי שנייה מה לי דר ומה לי לא דר?" זא ווי זא האט ער דאך געענדערט די בוי מאטעריאל און געמאכט עס אין הויז אריין, וואס איז שוין דער אונטערשיעד צו ער

כגון שהניחה על פי ארובה, אי דר ביה אין, לא דר ביה לא? אלא לעולם כדרבא ודקא קשיא לך מידי דהוה אמוציא מעות הקדש לחולין? התם מידע ידע דאיכא זוזא דהקדש איבעי ליה לעיוני, הכא מי ידע, היינו כהררין התלויין בשערה: ב) מקרא מועט והלכות מרובות: תנא נגעים ואהלות מקרא מועט והלכות מרובות, נגעים מקרא מועט? נגעים מקרא מרובה הוא? אמר רב פפא הכי קאמר נגעים מקרא מרובה והלכות מועטות אהלות מקרא מועט והלכות מרובות, ומאי נפקא מינה? אי מסתפקא לך מילתא בנגעים עיין בקראי, ואי מסתפקא לך מילתא באהלות עיין במתניתין: ג) דינין: מיכתב כתיבן? לא נצרכה אלא לכדרבי דתניא רבי אומר (שמות כ"א) נפש תחת נפש ממון אתה אומר ממון

---

האט יא געוואוינט צו ניט געוואוינט? „היינו", דאס איז טאקע „כהררין התלויין בשערה", אז די הלכה האט א שוואכען אנלעהן אויפ'ן פסוק, פרעגט די גמרא „ומאי קושיי" פיליכט איז ווי רב זאגט, „כגון שהניחה על פי ארובה", ער האט דעם שטיין נאר אוועקגעליינט אויף א עפענונג, פאר א צודעק, אבער ער האט דעם שטיין ניט בעארבייט, איז אויב ער וואוינט איז ער מועל אויב ניט ניט? איז דאך דער דין גרונטליך? „אלא לעולם כדרבא", אלא זאגט די גמרא עס איז ווי רבא זאגט אויבען פון נזכר בעל הבית, „ודקא קשיא לך מידי דהוה אמוציא מעות הקדש לחולין", אי וואס רב אשי פרעגט זאל עס זיין ווי יענער גיט אוים הקדש געלד צו חולין, וואס מיינט דער שליח האט דאך אויסגעגעבען דאס הקדש געלד צו חולין? זאגט די גמרא עס איז ניט גליך צו דעם, „התם מידע ידע דאיכא זוזא דהקדש", איבעראל שמועסט דאס דער מענש ווייסט אז דארונטער איז הקדש געלד, „איבעי ליה לעיוני", האט ער געדארפט אויפפאסען, אבער, „הכא מי ידע", אבער דא האט ער דען געוואוסט? „היינו כהררין התלויין בשערה", און דאס איז ווארום די משנה רופט עס, בערג וואס הענגען אויף א האר: ב) אין בעצוג צו די משנה, „מקרא מועט, תנא נגעים ואהלות", מיר האבען געלערענט דאס נגעים און אהלות האבען ווייניג פסוק און פיעל הלכות, פרעגט די גמרא, „נגעים מקרא מועט?" דו זאגסט אז נגעים איז באזירט אויף ווייניג פסוקים? „נגעים מקרא מרובה הוא?" נגעים האט דאך א סך פסוקים? האט רב פפא געענטפערט, „הכי קאמר", ווארשיינליך האט די ברייתא אזוי געזאגט, נגעים איז א סך פסוקים און ווייניג הלכות, אהלות ווידער איז ווייניג פסוק און א סך הלכות. „ומאי נפקא מינה?" וואס איז דער אונטערשיעד? ענטפערט די גמרא „אי מסתפקא לך מילתא בנגעים עיין בקראי", אויב דיר איז א ספק עפעס אין נגעים זוך נאך אין די פסוקים, און אויב דיר איז א ספק עפעס אין אהלות, „עיין במתניתין", זוך נאך אין די משניות און ברייתות: ג) שטראף דינין — זאגט די משנה, האבען זיך אויף וואס אנצולעהנען, פרעגט די גמרא „מיכתב כתיבן?" זיינען דאך ריין אויסגעשריבען ניט בלויז אנגעלעהנט? ענטפערט די גמרא, „לא נצרכה אלא לכדרבי", דער לשון איז ניט געברויכט געווארען נאר געגען רבי'ס דין, „דתניא רבי אומר נפש תחת נפש ממון", די שטראפע דאס מען זאל נעמען א נפש פאר א נפש, מיינט נאר

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד:23**

או אינו אלא נפש ממש נאמרה נתינה למטה ונאמרה נתינה למעלה מה להלן ממון אף כאן ממון: ד) עבודות: מיכתב כתיבן? לא נצרכה אלא להולכת הדם דתניא (ויקרא א') והקריבו זו קבלת הדם ואפקה רחמנא בלשון הולכה דכתיב והקריב הכהן את הכל והקטיר המזבחה

---

דו זאגסט א געלד שטראפע, „אתה אומר ממון, או אינו אלא נפש ממש? געלד, פיליכט ניט געלד נאר דאס נפש אליין? „נאמרה נתינה למטה", דא שמועסט זיך וואו צוויי מענשען, זיך קריגענדיג, וועלען א שטויס געבען א שוואנגערע פרוי און זי וועט מפל'ן, דארף דער שטויסער באצאהלען פאר די קינדער, און אויב עס וועט פאסירען אן אומגליק און די פרוי וועט פאלען טויט, זאל זיין „נפש תחת נפש", האלט רבי אז עס מיינט געלד, ער לערענט ארויס, ביי די קינדער שטעהט „ונתן בפלילים", וואס מיינט געוויס געלד, אזוי אויך „ונתת נפש" מיינט געלד ווייל רבי האלט אז איינער וויל הרג'ענען איינעם און ער הרג'עט אן אנדערען מיט דעם קלאפ איז ער פטור: ד) עבודות פון קרבנות איז דאך אויך ריין בעשייד אין פסוק? וואס דען זאגט ער אין משנה אז זיי האבען זיך אויף וואס צו לעהנען? ענטפערט די גמרא, „לא נצרכה", דער לשון יסמכו איז נאר בענוצט געגען אזא דין ווי הולכת הדם וואס איז ניט בפירוש אין פסוק, „דתניא והקריבו זו קבלת הדם", מיר האבען געלערענט אז והקריבו מיינט קבלת הדם, ארייננעמען דאס בלוט אין א כלי און צופיהרען עס אויף דעם מזבח. דאסווארט „קרב" האט צוויי באדייטונגען, איינס, גע־נענען איין זאך צו דער אנדערע, דאס צווייטע מקריב זיין א קרבן, און צומאהל מיינט עס אויך מקדיש זיין, אויף דעם פסוק, „כל אשר בו מום לא תקריבו", דאס וואס האט א פעהלער זאלט איהר ניט מקריב זיין, טייטשט די גמרא מקדיש זיין, צווישען שחיטה און זריקה איז געווען צוויי עבודות איינע איז קבלה מיט א כלי די כלי איז גערופען מזרק, און די צווייטע עבודה איז הולכה, צופיהרען צום מזבח, יעצט איז דא א קלעהר אין דעם פסוק „והקריבו הכהנים את הדם", די כהנים זאלען גענענען דאס בלוט אויף וועלכע עבודה איז דאס געמיינט, אין איינפאכען מיין, איז עס גיכער אויף צו גענענען און צופיהרען דאס בלוט צום מזבח, ווי אויף מקבל זיין אין א כלי, איז אבער שווער, וואס עפעס שווייגט ער וועגען קבלה, וואס איז אן עבודה נאך פאר הולכה, ווען צום ביישפיל ער זאל דא נאר רעדען וועגען זריקה וואלט געווען רעכט, ווייל זריקה איז עיקר עבודה, און דארונטער קען שוין מיינען קבלה און הולכה, די אלע עבודות זיינען ביים בלוט, דא אבער רעדט ער פון עבודות פון בעפאר זריקה, איז ווארום שווייגט ער פון קבלה, אט צוליב די פראגען איז די גמרא מפרש אז דער והקריבו מיינט קבלה. מיר געפינען נאך פסוקים ווי „והקרבת אותם בסל" וואס מיינט אריינ־נעמען אין א קארב, דער פסוק דא נוצט דירעקט דעם ווארט והקריבו דאמיט עס זאל ארייננעמען אויך די עבודה פון הולכה, דאס הייסט ארייננעמען אין א כלי און צופיהרען צום מזבח, דאס איז וואס די גמרא זאגט, „ואפקה רחמנא בלשון הולכה", די תורה האט עס ארויסגעזאגט מיט'ן לשון הולכה, דען קרב, גע־נענען, איז א לשון הולכה, דכתיב „והקריב הכהן את הכל והקטיר המזבחה".

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 23**

ואמר מר זו הולכת אברים לכבש למימרא דהולכה לא תפקה מכלל קבלה: ה) טהרות: מיכתב כתיבן? לא נצרכה אלא לשיעור מקוה דלא כתיבא, דתניא (שם ט"ו) ורחץ (את בשרו) במים במי מקוה את כל בשרו מים שכל גופו עולה בהם, וכמה הן אמה על אמה ברום שלש אמות, ושיעורו חכמים מי מקוה ארבעים סאה: ו) טומאות: מיכתב כתיבן? לא נצרכא אלא לכעדשה מן השרץ, דלא כתיבא, דתניא (שם י"א) בהם יכול בכולן תלמוד לומר מהם, יכול במקצתן תלמוד לומר בהם, הא כיצד עד שיגיע במקצתו

---

ער דער כהן זאָל אַלעם צוגענענען און מקטיר זיין אויף דעם מזבח, „ואמר מר", און דער תנא האָט געזאָגט, „זו הולכת אברים לכבש", אז דאָס מיינט צופיהרען די גלידער אויפ'ן בריק פון מזבח, „למימרא", דאָס קומט צו זאָגען, „דהולכה לא תפקה מכלל קבלה", אז הולכה געהט ניט ארויס פון כלל קבלה, עס איז איינס, אָט דאריבער זאָגט די משנה דאָ „יש להם על מה שיסמכו", עס איז א גוטער אָנלעהן אויפ'ן פסוק אָבער דאָך ניט ריין אפענבאר: ה) טהרות שטעהט דאָך אויך בעשייד אין די תורה? ענטפערט די גמרא „לא נצרכה אלא לשיעור מקוה", וואָס די משנה רעכענט טהרות, באזירט בלויז אויף א אָנלעהן, איז נאָר געגען א דין ווי שיעור מקוה וואָס שטעהט ניט בפירוש, „דתניא", דען עס איז געלערענט אויפ'ן פסוק „ורחץ במים, במי מקוה", עס איז א פת"ח אונטער דעם ב' פון במים, וואָס מיינט אין די באוואוסטע וואסער וואָס האָבען א כח צו רייניגען פון טומאה, ווי דער פסוק זאָגט אין שמיני, „אך מעין ובור ומקוה מים יהיה טהור", נאָר א קוואל און א גרוב אָדער א מקוה זאָל זיין ריין און ניט צולאָזען קיין טומאה, דען עס איז נאָר מטהר, וואונדערליך איז, דער „במים" איז דער צעהנטער, וואָס עפעס האָבען די חכמים געשוויגען און געווארט ביז'ן צעהנטען במים? דען ביי אַלע ניין במים'ס איז דאָ א טעם המפסיק וואָס קומט דאביי א פת"ח, אָבער ביים צעהנטען במים, איז דער טעם א תבי"ר, וואָלט געדארפט אויך זיין א שו"א אונטער דעם בי"ת, און געווים איז דער פת"ח צוליב בעוואוסטקייט וואָס דאָס וואסער איז מטהר פון טומאות. „מים שכל גופו עולה בהם, כל בשרו", מיינט, אז זיין גאנצער גוף זאָל קענען טויכען אין דעם וואסער, „וכמה הן", און וויפיל? אַן אייל אויף אַן אייל, הויך דריי איילען האָבען די חכמים אָבגעשאצט פיערציג סאה: ו) „טומאות": איז אויך די זעלבע פראגע, נאָר די משנה זאָגט דאָס געגען אזא דין, ווי א שטיק שרץ די גרויס פון עדשה, וואָס איז ניט בפירוש אין פסוק נאָר דורך א לאָגישע אויס־טייטשונג, איין פסוק זאָגט „כל הנוגע בהם", דער וואָס ריהרט אין זיי איז טמא, דאָס מיינט גאנצערהייט, אין צווייטען פסוק, „כל אשר יפול עליו מהם במותם יטמא", אויב עס וועט פאלען אויף יעמאנדען א טהייל פון די שרצים, זאָל ער זיין טמא, פון זיי מיינט ניט קיין גאנצער שרץ, זיינען דאָך די צוויי פסוקים אנטגעגענגעזעצט? דאָס איז וואָס ער זאָגט, „בהם, יכול בכולן", בהם וואָלט איך מיינען אין גאנצע שרצים, „תלמוד לומר", דאריבער שטעהט, מהם, מהם וואָלט איך מיינען א מקצת פון א שרץ, „הא כיצד", ווי אזוי פארגלייך איך די פסוקים? „עד שיגיע במקצתו שהוא ככולו", אז דער מקצת זאָל גרייכען די

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 24**

שהוא ככולו, שיערו חכמים בכעדשה, שכן חומט תחלתו בכעדשה, רבי יוסי ברבי יהודה אומר כזנב הלטאה: עריות: מיכתב כתיבן? לא נצרכא (דף י"א ע"ב) אלא לבתו מאנוסתו דלא כתיבא דאמר רבא, אמר לי ר' יצחק בר אבדימי אתיא הנה הנה אתיא זימה זימה: הן הן גופי תורה: הני אין, הנך לא? אלא אימא הן והן גופי תורה: (**הדרן עלך הכל חייבין**).

ח) **מתני'**. אין דורשין בעריות בשלשה ולא במעשה בראשית בשנים ולא במרכבה ביחיד, אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו, כל המסתכל בארבעה דברים רתוי לו כאילו לא בא לעולם, מה למעלה מה למטה מה לפנים ומה לאחור, וכל שלא חס על כבוד קונו רתוי לו שלא בא לעולם.

---

גרויס פון א גאנצען, און די חכמים האָבען אָבגעשאצט די גרויס ווי עדשה, „שכן חומט תחלתו בכעדשה", דער שרץ חומט איז אָנפאנג די גרויס ווי אַן ארבעס, רבי יוסי זאָגט ווי „זנב הלטאה". ז) עריות איז אויך די פראגע, „לא נצרכה", עס איז ניט געברויכט נאָר געגען א דין ווי, „בתו מאנוסתו", וואָס שטעהט ניט בפירוש, אין פסוק שטעהט ביי א געזעצליכע הייראט, „ערות אשה ובתה", דאָס ער טאָר ניט נעמען א מוטער מיט איהר טאָכטער, און נאָך א פסוק, „ערות בת בנך או בת בתך", טייטשט די גמרא (יבמות צ"ז) אז עס שמועסט ביי א טאָכטער פון אַן אנוסה ניט קיין געזעצליכע, טאָר ער אויך ניט נעמען איהר טאָכטער, „דאמר רבא, אמר לי ר' יצחק בר אבדימי אתיא הנה הנה אתיא זימה זימה", רבא האָט געזאָגט דאָס ר' יצחק האָט איהם געזאָגט דאָס מיר לערנען א גזרה שוה „הנה הנה און זימה זימה", צו אסר'ן די אומגעזעצליכע טאָכטער, עס איז דאָך א קל וחומר, מאדאָך די טאָכטער'ס טאָכטער, איז דאָך די טאָכטער אליין אודאי, ניט מעהר מען קען ניט חייב זיין ניט קיין מלקות ניט קיין מיתה פון א קל וחומר, דאריבער לערענט ער די גזרה שוה, הנה הנה איז צו אסר'ן די אומגעזעצליכע טאָכטער, און זימה זימה לערען איך ארויס פון „כי יקח את אשה ואת אמה", פאַר עונש שרפה, און ווייל דער וואָרט זימה שטעהט ניט אויך ארויס ביי אנוסה, הייסט עס נאָר אַן אָנלעהן. „הן הן גופי תורה", פרעגט די גמרא, „הני אין?" נאָר די זיינען עיקרי תורה? „הנך לא?" אנדערע זיינען ניט קיין גופי תורה? ענטפערט די גמרא „אלא אימא", נאָר זאָג אזוי „הן והן גופי תורה", די און די זיינען גופי תורה: ח) משנה. „אין דורשין בעריות בשלשה", מען פאָרשט ניט אין עריות אין דרייען, דאָס הייסט א רבי לערענט ניט מיט צוויי תלמידים אין איינעם אין עריות, און ניט אין מעשה בראשית (די וועלט באשאַפונג) מיט איינעם, און ניט אין מרכבה איינער אליין, „אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו", נאָר אויב דער תלמיד איז א חכם, וואָס פארשטעהט פון זיך אליין, „כל המסתכל בארבעה דברים", ווער עס קליגט זיך אין די פיער זאכען, „רתוי לו כאילו לא בא לעולם", וואָלט פאַר איהם מעהר רחמנות געווען, ווען מען רעכענט איהם, גלייך ווי ער וואָלט ניט געקומען אויף די וועלט, „מה למעלה, מה למטה מה לפנים ומה לאחור", וואָס איז העכער נאָך די הימלען און נידע־ריגער, וואָס וועט זיין די ענדליכע צוקונפט און וואָס איז געווען פאַר די וועלט־שאפונג, „וכל שלא חס על כבוד קונו", דעם וואָס איז ניט קיין שאָד דעם

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 24**

ט) גמ'. אמרת ברישא ולא במרכבה ביחיד והדר אמרת אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו? הכי קאמר אין דורשין בעריות לשלשה ולא במעשה בראשית לשנים ולא במרכבה ליחיד אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו: י) אין דורשין בעריות בשלשה: מאי טעמא? אילימא משום דכתיב (ויקרא י"ח) איש איש אל כל שאר בשרו, איש איש תרי שאר בשרו חד, ואמר רחמנא לא תקרבו לגלות ערוה? אלא מעתה דכתיב (שם כ"ד) איש איש כי יקלל אלהיו (שם כ') איש איש אשר יתן מזרעו למולך הכי נמי? אלא הנהו מבעי ליה לרבות את הנכרים שמוזהרין על ברכת השם, ועל עבודה זרה כישראל, האי נמי מבעי ליה לרבות את הנכרים שמוזהרין על העריות כישראל? אלא מדכתיב ושמרתם את

---

באשעפער'ס כבוד, דאס הייסט ער לערענט ניט די זאכען מיט'ן געהעריגען רעספעקט צום אויבערשטען'ס כבוד, וואלט בעסער געווען פאר איהם ער זאל ניט געווען קומען אויף דער וועלט. ט) גמ'. פרעגט די גמרא, „אמרת ברישא ולא במרכבה ביחיד והדר אמרת אלא", פאר די האנד, האט זיך די גמרא געלערענט אין פשט, דאס די משנה מיינט, מען לערענט ניט אין דרייען קיין עריות און ניט אין צווייען מעשה בראשית און ניט איינער פאר זיך אין מרכבה, דאס הייסט אפילו ווען ער פארשטעהט, און דערנאך זאגסטו אויב ער פארשטעהט מעג ער יא לערנען? ענטפערט די גמרא, „הכי קאמר", אזוי מיינט די משנה צו זאגען, „אין דורשין לשלשה", די משנה מיינט ניט צו זאגען אין דרייען נאר מיט דריי, דאס הייסט א רבי מיט דריי תלמידים, און „מעשה בראשית" מיט צוויי„ און „מרכבה" מיט איין תלמיד נאר ער מוז זיין א חכם וואס פארשטעהט אליין, דער בי"ת פון „בשלשה, בשנים, ביחיד", האלטען אוים ביידע טייטשען. י) פרעגט די גמרא וואס איז דער טעם וואס מען טאר ניט דרש'ענען פאר דריי אין עריות? „אילימא משום דכתיב", אי וועסטו אפשר זאגען דאס צוליב דעם פסוק וואס זאגט, „איש איש", דאס איהר מענער זאלט ניט גענענען צו אייערע נאר נאהענטע צו אויפדעקען די שאנדע, איז ער צו דער זעלבער צייט אויך מרמז, דאס איש איש מיינט צוויי מענער, און דער שאר בשרו דער דריטער, דאס איהר אלע דריי זאלט ניט אויפדעקען און דרש'ענען די עניני עריות, איז דאך די פראגע, „אלא מעתה", נאך דער מיינונג נאך, ווי אזוי וועסטו לערנען די עהנליכע פסוקים, „איש איש כי יקלל אלקיו, איש איש אשר יתן מזרעו למולך? הכי נמי?" וועסטו אפשר ביי זיי אויך לערנען דאס איש איש מיינט נאר צוויי? איז דען די תורה געזאגט נאר צו צוויי, אפילו בדרך רמז איז דאך עס אויך שווער? „אלא", מוזטו דאך זאגען, „הנהו מבעי ליה לרבות את הנכרים שמוזהרין כישראל", אז די דאבעלטע איש איש קומט בלויז מרבה זיין, דאס די נכרים זיינען אויך געבאטען אויף די עבירות, ווי די אידען; איז דאך די קשיא, „האי נמי מבעי ליה?" דא ביי עריות מוז איך דאך אויך האבען דעם איש פאר דעם צוועק, און פון וואנען ווייסטו? דאס מען דרש'ענט ניט קיין עריות מיט דריי? „אלא מדכתיב ושמרתם את משמרתי?" אי וועסטו אפשר זאגען פון פסוק ושמרתם,

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 25**

משמרתי, ושמרתם תרי משמרתי חד ואמר רחמנא לבלתי עשות מחקות התועבות, אלא מעתה דכתיב (שמות ל"א) ושמרתם את השבת (שם י"ב) ושמרתם את המצות (במדבר י"ח) ושמרתם את משמרת הקדש הכי נמי ? י"א) אלא אמר רב אשי, מאי אין דורשין בעריות בשלשה אין דורשין בסתרי עריות (בשלשה), מאי טעמא ? סברה היא, בי תרי כי יתבי קמי רבייהו חד שקיל וטרי בהדי רביה, ואידך מצלי אודניה לגמרא, תלתא הד שקיל וטרי בהדי רביה והנך תרי שקלי וטרו בהדי הדדי, ולא ידעי מאי קאמר רבייהו ואתו למישרי איסורא בעריות, אי הכי כל התורה נמי ? עריות שאני דאמר מר גזל ועריות נפשו מחמדתן ומתאוה להן, אי הכי גזל נמי ? עריות בין בפניו בין שלא בפניו נפיש יצריה, גזל בפניו נפיש

---

וואס איז געמיינט צו צוויי, דאס הייסט איהר צוויי זאלט היטען, את משמרתי, מיין היטונג וואס איז געהיט פון נאך איינעם, „ואמר רחמנא", אין די תורה זאגט ווייטער, „לבלתי עשות מחקות התועבות", דאס איהר זעלבעדריט זאלט היטען דעם געזעץ ניט צו מאכען געזעצען פון חקות תועבות (עריות), קומט דאך ווידער די פראגע, „אלא מעתה", נאך דער מיינונג נאך, „הכי נמי ? " ווי קענסטו טייטשען די אלע ושמרתם'ס נאר אויף צוויי ? עס מיינט דאך צו אלע ? י"א) אלא האט רב אשי געזאגט, „מאי אין דורשין", ווייסטו וואס עס מיינט ? מען פארשט ניט, אין די „סתרי עריות", אין די געהיימניסע סודות התורה פון עריות, „מאי טעמא ? " וואס איז דער טעם ? דער ענטפער איז, „סברא היא", עס איז א סברה, „בי תרי כי יתבי קמי רבייהו", צוויי אז עס זיצען פאר זייער רבין, „חד שקיל וטרי בהדי רביה, ואידך מצלי אודניה לגמרא", איינער דעבא־טירט מיט'ן רבין און דער אנדערער לייגט דערווייל צו זיין אויער צו הערען דעם אויספיהר, „תלתא", דאנגעגען אבער דריי, „חד שקיל וטרי בהדי רביה, והנך תרי שקלי וטרו בהדי הדדי", איינער וועט דעבאטירען מיט זיין רבין, וועהרענד די אנדערע צוויי, וועלען דעבאטירען צווישען זיך, „ולא ידעו" און וועלען ניט הערען דעם אויספיהר פון זייער רבי'ן, „ואתו למישרי איסורא בעריות", און אזוי ארום וועט ער מתיר זיין אן איסור אין עריות, פרעגט די גמרא, „אי הכי", אויב אזוי, „כל התורה נמי ? " איז דאך די גאנצע תורה אזוי, זאל ער קיין דין ניט קענען דרש'ענען מיט דריי תלמידים ? ענטפערט די גמרא, „עריות שאני", עריות איז אנדערש, „דאמר מר", דען דער תנא האט געזאגט אז „גזל און עריות נפשו מחמדתן ומתאוה", גלוסט א מענש צו זיי, „אי הכי גזל נמי ? " אויב אזוי, זאל מען גזל אויך ניט טארען דרש'ענען מיט דריי ? ענטפערט די גמרא, „עריות בין בפניו בין שלא בפניו", עריות נעמט איהם דער באגעהר סיי אין גענענווארט סיי ניט, אבער גזל נעמט איהם דער באגעהר, נאר ווען ער זעהט, עס וועט געלינגען די זאך צו גזל'ן דאמאלסט, „נפיש יצריה", ווערט גרעסער זיין יצר הרע, דאריבער איז נאר עריות וואס מען טאר ניט דרש'ענען מיט דריי. ווי עס קען קומען צו מתיר זיין א איסור דורך סודות התורה ? איז ווייל אלע מצות האבען אויך זייערע ווארצלען און סודות הקבלה וואס איז איבערענטפערט גע־ווארען דורך די נביאים און אזוי ארום האבען די אבות הקדושים געזעהן די

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד 25:**

יצריה שלא בפניו לא נפיש יצריה. י"ב) ולא במעשה בראשית בשנים: מנא הני מילי? דתנו רבנן (דברים ד') כי שאל נא לימים ראשונים, יחיד שואל ואין שנים שואלין, יכול ישאל אדם קודם שנברא העולם? תלמוד לומר למן היום אשר ברא אלקים אדם על הארץ, יכול לא ישאל אדם מששת ימי בראשית תלמוד לומר, לימים ראשונים אשר היו לפניך, יכול ישאל אדם מה למעלה ומה למטה מה לפנים ומה לאחור? תלמוד לומר ולמקצה השמים ועד קצה השמים, מלמקצה השמים ועד קשה השמים אתה שואל ואין אתה שואל מה למעלה מה למטה מה לפנים מה לאחור (דף י"ב ע"א) א) **השתא** דנפקא ליה ולמקצה השמים ועד קצה השמים, למן

---

ליכט און מקיים געווען די גאנצע תורה, און ווייל פילע פון די דרשות זיינען פארגעסען געווארען, האבען די תנאים און אמוראים, א סך פון זיי אויסגעפונען דורך סודות הקבלה דאריבער האבען דריי צוזאמען ניט געטארט לערנען ביים רבי'ן די סתרי עריות, דען צוויי פון די דריי קענען נאך פארהערען וואס דער רבי האט געזאגט, קענען זיי שלעכט פסק'ענען, מעשה יצר קען דאביי ווירקען. י"ב) „ולא במעשה בראשית בשנים: מנא הני מילי?" פון וואנען זיינען די רייד געדרונגען? דען די רבנן האבען געלערנט, „כי שאל נא לימים ראשונים", פרעג אויף די ערשטע טעג פון בריאת עולם, עס וואלט בעדארפט שטעהן „כי שאלו", אין מעהרצאהל? נאר עס קומט לאזען וויסען, „יחיד שואל ואין שנים שואלין", דאס נאר איינער מעג פרעגען זיין רבי'ן אין מעשה בראשית, ניט צוויי צוזאמען, „יכול ישאל אדם קודם שנברא העולם?" איך וואלט מיינען דאס א מענש מעג פרעגען וואס עס איז געווען פאר וועלטשאפונג? „תלמוד לומר אשר ברא אלקים אדם על הארץ", דאריבער זאגט דער פסוק, פון דעם טאג ווען ג-ט האט באשאפען דעם מענש אויף דער וועלט, איז נאר פון דער צייט פון וועלטשאפונג, „יכול לא ישאל אדם מששת ימי בראשית?" וואלט איך ווידער מיינען דאס מען טאר ניט פרעגען פון די זעקס טעג פאר דעם מענש וואס איז באשאפען געווארען פרייטאג פארנאכט? „תלמוד לומר לימים ראשונים אשר היו לפניך", דאריבער זאגט דער פסוק, די ערשטע טעג וואס זיינען געווען נאך פאר דיר, „יכול ישאל אדם מה למעלה מה למטה מה לפנים ומה לאחור?" איך וואלט מיינען דאס א מענש מעג פרעגען אויף אלע זייטען פון די וועלט איבער די הימלען וואס דארט טהוט זיך? עס איז דא אין וועלטרוים זעקס זייטען, פיער זייטען ווערען אריינגענומען אין די ווערטער „מה לפנים מה לאחור", דען וואו נאר א מענש שטעלט זיך האט ער א פראנט זייט און הינטער זייט, און די לעצטע צוויי זייטען זיינען אויבען און אונטען, און צו דער זעלבער צייט נעמט עס אויך אריין די פארגאנגענהייט פון פאר דער וועלט ענטשטעהונג און די צוקונפט פון וועלט ענדונג, וואס א מענש טאר ניט פרעגען, ווי דער פסוק זאגט „ולמקצה השמים ועד קצה השמים", דו קענסט נאר פרעגען אויפ'ן וועלטרוים ביז צו די הימלען.

א) **פרעגט** די גמרא, „השתא", יעצט אז דו לערנסט שוין דעם פסוק „ולמקצה השמים", וואס טהוסטו מיט'ן פסוק „למן היום אשר ברא אלקים

היום אשר ברא אלהים אדם על הארץ למה לי? כדר' אלעזר דאמר רבי אלעזר אדם הראשון מן הארץ עד לרקיע שנאמר למן היום אשר ברא אלהים אדם על הארץ וכיון שסרח, הניח הקב"ה ידיו עליו ומיעטו שנאמר (תהלים קל"ט) אחור וקדם צרתנו ותשת עלי כפך, אמר רב יהודה אמר רב אדם הראשון מסוף העולם ועד סופו היה שנאמר למן היום אשר ברא אלהים אדם על הארץ ולמקצה השמים ועד קצה השמים, כיון שסרח, הניח הקב"ה ידו עליו ומיעטו שנאמר ותשת עלי כפך, אי הכי קשי קראי אהדדי? אידי ואידי חד שיעורא הוא. ב) ואמר רב יהודא אמר רב עשרה דברים נבראו ביום ראשון ואלו הן שמים וארץ

---

אדם על הארץ?" ענטפערט די גמרא „כדרי אלעזר", ווי ר'אלעזר זאָגט אז אדם הראשון איז געווען גרויס פון דער ערד ביז צום רקיע, „שנאמר", צוליב דעם פסוק, „אשר ברא אלקים אדם על הארץ ולמקצה השמים", דער פסוק איז צובעהאפטען צו ולמקצה השמים, צו לאָזען הערען דאָס אדם הראשון איז געווען ביז צום רקיע, וואָס איז אין יחזקאל „רקיע שעל ראשי החיות", דער געדאנק איז, דען אדם הראשון פאַר דעם חטא פון עץ הדעת, איז זיין נשמה ניט געווען אויסגעמישט מיט'ן גוף, נאָר זי האָט אלעס געזעהן ביז צו דעם רקיע, און דער זעלבער פאָרם ווי דער גוף איז בעשאַפען, נאָר איז געווען לויטער וואָס האָט ניט פארשטעלט דער נשמה צו זעהן מיט א שטארק ליכט אין אספקלריא המאירה, און זי האָט אויך ניט געדארפט ארומשטרייטען מיט דעם גוף, דען פאַר דעם חטא האָבען די יעצטיגע אייגענשאפטען ניט געוועלטיגט איבער דער נשמה, אויך איז אין דעם גוף דאָ אַלע אייגענשאַפטען פון אַלע חיות, וואָס א מענש קען זיי אויסארבייטען אפילו היינט, ווי זריזות ביי נמלה און צניעות ביי החתול, און אדם האָט געוועלטיגט איבער די אַלע מדות אָהן א שטרייט, אָט דאָס זאָגט ר' אלעזר אז אדם איז געווען גרויס פון דער ערד ביז צום רקיע, דאָס הייסט אַלע מדות פון בעשאפונג און אַלע השגות און זעהונגען ביז צום רקיע. און רב יהודא אָמר רב זאָגט עס אין אַן אנדער לשון, וואָס נעמט אויך ארום דעם גאנצען וועלט־רוים, דאָס רופט ער אָן „מסוף העולם ועד סופו", אום צו באמערקען אויך דאָס די גאנצע מענשהייט מסוף העולם ועד סופו איז דער אבשטאַם פון איהם, „כיון שסרח", נאָר נאָכ'ן חטא האָט איהם הקב"ה קלענער געמאכט, ווי דער פסוק זאָגט, „אחור וקדם צרתנו", דו האָסט אונז באשאַפען, ווי מיר זאָלען אויסקוקען פאַר דעם חטא און נאָך דעם חטא, „ותשת עלי כפך", און דו האָסט ארויפגעטאָן דיין האנד אויף מיר און מיך קלענער געמאכט, פרעגט די גמרא, „אי הכי", אויב די צוויי דרשות זיינען דאָ, „קשו קראי אהדדי?" זיינען דאָך די צוויי דרשות געגען איינע די אנדערע לויט די שעורים? ענטפערט די גמרא, „אידי ואידי חד שעורא הוא",ביידע סאַי ר' אלעזר סאַי רב יהודא זאָגען איין שיעור גרויסקייט פון אדם'ן נאָר יעדער זאָגט אין אַן אנדער לשון, ווי איך האָב אויבען בעשייד, פאַר דעם ענטפער פון די גמרא. ב) נאָך דעם האָט רב יהודא געזאָגט פון רב'ס וועגען, צעהן זאכען זיינען בע־שאַפען געוואָרען דעם ערשטען טאָג, „ואלו הן", און די זיינען זיי, „שמים

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד:25**

תהו ובהו אור והשך רוח ומים מדת יום ומדת לילה, שמים וארץ דכתיב בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, תהו ובהו דכתיב והארץ היתה תהו ובהו, אור והשך חשך דכתיב וחשך על פני תהום, אור דכתיב ויאמר אלהים יהי אור, רוח ומים דכתיב ורוח אלקים מרחפת על פני המים, מדת יום ומדת לילה דכתיב ויהי ערב ויהי בקר יום אחד. ג) תנא תהו קו ירוק שמקיף את כל העולם כולו שממנו יצא חשך שנאמר (תהלים י"ח) ישת חשך סתרו סביבותיו, בהו אלו אבנים המפולמות המשוקעות בתהום שמהן יוצאין מים, שנאמר (ישעי' ל"ד) ונטה עליה קו תהו ואבני בהו. ד) ואור ביום ראשון איברי? והכתיב ויתן אותם

---

וארץ", אלע כדורים און עולמות אין שמים און כדור הארץ, „תוהו און בוהו", דער אויסוויינינגסטער געשטאלט צום ביישפיל צו קוואדראט צו רונד, און אויב עס האט קיין האפט ניט הייסט עס תהו, אינוויינינגסטער צושטאנד ווי צום ביישפיל גיסיג אדער הארט, און אויב עס האט קיין סדר ניט הייסט עס בהו, „אור וחושך", ליכט און פינסטערנים, דער פינסטערנים מיינט אזא זאך וואס הקב"ה האט באשאפען עס זאל פארשטעלען די ליכט פון, אין סוף ברוך הוא, וואס קיינער וואלט ניט געקענט אויסהאלטען פון איהר, „רוח ומים", לופט און וואסער, „מדת יום ומדת לילה", די מאס פון טאג און נאכט, דאס איז איידער די ליכט איז איינגעפאסט געווארען אין דער זון, האט אן אנדער באשאפונג געטיילט טאג און נאכט, די אלע זאכען שטעהען אין די ערשטע פסוקים פון בראשית, די אלע עלעמענטען זיינען געווען אויסגעמישט, לופט מיט וואסער פון אויבען און וואסער מיט ערד פון אונטען, און דאס איז וואס ער זאגט, „ורוח אלקים מרחפת על פני המים", די לופט האט ארומגעשוועבט איבער'ן וואסער, און דער השך איז אויך געווען אויפ'ן תהום (גרונד) דאס הייסט די ערד האט זיך געמישט מיט'ן וואסער דאריבער איז דארט געווען טונקעל שווארץ און וואסער פון תהום, דאס הייסט „תהו ובהו" אהן א האפט, סדר און סיסטעם. ג) מיר האבען געלערנט, „תהו קו ירוק שמקיף את כל העולם כולו", תהו מיינט ווי אויבען בעשייד דער אויסוויינינגסטער צושטאנד האט קיין ממש ניט, דאס וואסער איז געווען געמישט מיט די לופט, געוועהנליך א בוי־מייסטער ווען ער געהט אנפאנגען א בנין ציהט ער א שנור צו בויען די שטיינער גלייך, און דא איז געווען א „קו תהו", אן אונהאפטבארער שנור געצויגען ארום כדור הארץ, א טונקעלער גרינקייט האט זיך געזעהן פון די צומישטקייט פון די דריי יסודות, „רוח, מים, עפר", דער פסוק זאגט עס, „ישת חשך סתרו וכו' ", „בהו אלו אבנים המפולמות המשוקעות בתהום, שמהן יוצאין מים", דאס איז אויך פארגעשטעלט ווי א מייסטער פאסט אריין די שטיינער אין בנין, דאריבער זאגט ער דא, אז בהו מיינט ער דא, עס איז געווען אהן א סיסטעם ווייכע שטיינער איינגעפאסט אין דער ערד געמישט מיט וואסער וואס געהט ארויס פון די שטיינער פון תהום, אויף דעם ברענגט ער דעם פסוק „ונטה עליה קו תהו", דער קו וואס איז געווען געצויגען אויבען איז געווען תהו, „ואבני" און די שטיינער פון בנין אינוויינינג איז געווען בהו. ד) פרעגט די גמרא, „ואור ביום

אלהים ברקיע השמים וכתיב ויהי ערב ויהי בקר יום רביעי? כדר' אלעזר דאמר ר"א אור שברא הקב"ה ביום ראשון, אדם צופה בו מסוף העולם ועד סופו, כיון שנסתכל הקב"ה בדור המבול ובדור הפלגה וראה שמעשיהם מקולקלים עמד וגנזו מהן, שנאמר (איוב ל"ח) וימנע מרשעים אורם, ולמי גנזו לצדיקים לעתיד לבוא, שנאמר וירא אלקים את האור כי טוב, ואין טוב אלא צדיק שנאמר (ישעי' ג') אמרו צדיק כי טוב, כיון שראה אור שגנזו לצדיקים שמח, שנאמר (משלי י"ג) אור צדיקים ישמח. ה) כתנאי, אור שברא הקב"ה ביום ראשון אדם צופה ומביט בו מסוף העולם ועד סופו, דברי רבי יעקב וחכמים אומרים הן הן מאורות שנבראו ביום ראשון ולא נתלו עד יום רביעי, אמר רב זוטרא בר טוביא, אמר רב, בעשרה דברים נברא העולם בחכמה ובתבונה ובדעת ובכח ובגערה ובגבורה בצדק ובמשפט בחסד וברחמים. ו) בחכמה ובתבונה דכתיב

---

ראשון איברי?" איז דען די ליכט באשאפען געווארען אין ערשטען טאג, „והכתיב", עס שטעהט דאך אין פסוק, „ויתן אותם ברקיע השמים", ג־ט האט געגעבען די ליכט אין כדור השמש אין הימעל, און עס שטעהט „ויהי ערב ויהי בקר יום רביעי", אז דאס איז געווען אין פיערטען טאג? ענטפערט די גמרא, כדר' אלעזר, ווי ר"א זאגט, „אור שברא הקב"ה אדם צופה בו מסוף העולם ועד סופו", די ליכט וואס הקב"ה האט באשאפען דעם ערשטען טאג האט א מענש געקענט זעהן מיט דעם פון עק וועלט ביז עק וועלט, „כיון שנסתכל בדור המבול", ווי קב"ה האט זיך געקלוגט אין דור פון מבול און הפלגה, „וראה שמעשיהם מקולקלים", און ער האט געזעהן ווי זייערע מעשים זיינען קאליע, „עמד וגנזו מהן", איז ער אויפגעשטאנען און באהאלטען דאס ליכט פון זיי „שנאמר", ווי דער פסוק זאגט „וימנע מרשעים אורם" ג־ט האט פארמידען די ליכט פון די רשעים, „ולמי גנזו?" און פאר וועמען האט ער עס בעהאלטען? פאר צדיקים לעתיד לבא, ווען די צייט וועט קומען, ווי דער פסוק זאגט, ג־ט האט געזעהן דעם אור ווי גוט ער איז, „ואין טוב אלא צדיק", טוב מיינט נאר א צדיק, ווי דער פסוק זאגט, „אמרו צדיק כי טוב, כיון שראה אור שגנזו לצדיקים שמח", ווי דער אור האט דערזעהן דאס ער איז בעהאלטען געווארען פאר צדיקים, האט ער זיך געפרעהט, ווי דער פסוק זאגט, „אור צדיקים ישמח". ה) „כתנאי", אין דער זאך קריגען תנאים, „אור שברא הקב"ה ביום ראשון אדם צופה", דעם ליכט וואס ג־ט האט באשאפען דעם ערשטען טאג קען א מענש קוקען דורך אים פון עק וועלט ביז עק וועלט, „דברי", דאס זיינען די רייד פון רבי יעקב, און די חכמים זאגען „הן הן מאורות שנבראו ביום ראשון ולא נתלו עד יום רביעי", די זיינען די זעלבע ליכט וואס זיינען באשאפען געווארען אין ערשטען טאג נאר זיינען ערשט אויפגעהאנגען געווארען אלס שמש און לבנה דעם פיערטען טאג, רב זוטרא בר טוביא האט געזאגט פון רב'ס וועגען, מיט צעהן זאכען איז די וועלט באשאפען געווארען מיט „חכמה" מיט פאר־שטענדעניס, מיט וויסען, מיט קראפט, מיט א געשריי, מיט שטארקייט, מיט ריכטיגקייט, מיט גערעכטיגקייט, מיט חסד און מיט דערבארימקייט. ו) אז ער

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד:**

(שם ג') ה' בחכמה יסד ארץ כונן שמים בתבונה בדעת דכתיב בדעתו תהומות נבקעו בכח וגבורה דכתיב (תהלים ס"ה) מכין הרים בכחו נאזר בגבורה, בגערה דכתיב (איוב כ"ו) עמודי שמים ירופפו ויתמהו מגערתו, בצדק ומשפט דכתיב (תהלים פ"ט) צדק ומשפט מכון כסאך, בחסד ורחמים דכתיב (שם כ"ה) זכור רחמיך ה' והסדיך כי מעולם המה. ז) ואמר רב יהודה אמר רב בשעה שברא הקב"ה את העולם, היה מרחיב והולך כשתי פקעיות של שתי, עד שגער בו הקב"ה והעמידו שנאמר עמודי שמים ירופפו ויתמהו מגערתו, והיינו דאמר ריש לקיש מאי דכתיב (בראשית ל"ה) אני אל שדי, אני הוא שאמרתי לעולם די, אמר ריש לקיש בשעה שברא הקב"ה את הים היה מרחיב והולך, עד שגער בו הקב"ה ויבשו, שנאמר (נחום א') גוער בים ויבשהו וכל הנהרות החריב.

---

האָט די וועלט באשאפען מיט חכמה און תבונה, ווערט אין פסוק געזאָגט, „ה' בחכמה יסד ארץ", ג־ט האָט געגרינדעט די ערד מיט חכמה, „כונן שמים בתבונה", ער האָט איינגעריכטעט דעם הימעל מיט תבונה, בדעת, זאָגט דער פסוק „בדעתו תהומות נבקעו", מיט זיין דעת זיינען די תהומות געשפּאָלטען געוואָרען, „בכח וגבורה", זאָגט דער פסוק „מכין הרים בכחו", ער האָט צוגעגרייט די בערג מיט זיין כח, „נאזר בגבורה", אָנגעגארט מיט שטארקייט, „בגערה", זאָגט דער פסוק „עמודי שמים ירופפו ויתמהו מגערתו", די זיילען פון הימעל האָבען געציטערט, און זיך פארוואונדערט פון זיין געשריי, „בצדק ובמשפט" זאָגט דער פסוק, „צדק ומשפט מכון כסאך", דיין שטוהל וואָס מיינט די וועלט, איז איינגע־ריכטעט אויף צדק ומשפט, „בחסד ורחמים", זאָגט דער פסוק „זכור רחמיך ה' וחסדיך כי מעולם המה", געדענק דיין דערבארימקייט אָ ג־ט און דיין חסד, דען זיי זיינען אייביג, דאָס הייסט זיי זיינען באשאפען געוואָרען מיט די וועלט. ז) נאָך האָט רב יודא געזאָגט פון רב'ס וועגען, אין דער צייט ווען ג־ט האָט באשאפען די וועלט, ווען ער האָט געגעבען א באפעהל עס זאָלען ווערען די כדורים און וועלט־רוים, „היה מרחיב והולך כשתי פקעיות של שתי", האָט זיך אַלעס געהאַלטען אין איין ברייטערען ווי צוויי קנוילען פעדים וואָס האַלטען זיך אין איין וויקלען, „עד שגער בו הקב"ה והעמידו", ביז ג־ט האָט א געשריי געטאָן און עס אָבגעשטעלט, ווי דער פסוק זאָגט, „עמודי שמים ירופפו", די זיילען פון הימעל האָבען זיך געשאָקעלט פון באוועגונג און זיינען געוואָרען פארוואונדערט פון ג־ט'ס געשריי, „והיינו דאמר", און דאָס איז וואָס ריש לקיש האָט געזאָגט „מאי דכתיב אני אל שדי" וואָס מיינט דער פסוק, „אני הוא שאמרתי לעולם די", איך בין דער וואָס האָב געזאָגט צו דער וועלט, גענוג. ריש לקיש האָט אויך געזאָגט, „בשעה", אין דער צייט ווען ג־ט האָט באשאפען דעם ים, „היה מרחיב והולך", האָט ער זיך געהאַלטען אין איין אויסברייטען „עד שגער בו", ביז ג־ט האָט איהם אָבגעשריען, „ויבשו", ער האָט איהם צוריק קלענער געמאכט און איהם איינגעטריקענט, ווי דער פסוק זאָגט, „גוער בים ויבשהו", ער האָט א געשריי געטאָן אויף דעם ים, און איהם איינגעטריקענט „וכל הנהרות החריב", און אַלע טייכען איינגעשרימט, (שתי מיינט דער פעדים אין דער לענג

## פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 25

ח) תנו רבנן בית שמאי אומרים שמים נבראו תחלה ואחר כך נבראת הארץ שנאמר בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, ובית הלל אומרים ארץ נבראת תחלה ואחר כך שמים שנאמר ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים, אמר להם ב"ה לב"ש לדבריכם אדם בונה עלייה ואחר כך בונה בית שנאמר (עמוס ט') הבונה בשמים מעלותיו ואגודתו על ארץ יסדה, אמר להם ב"ש לב"ה לדבריכם אדם עושה שרפרף ואח"כ עושה כסא שנאמר (ישעי' ס"ו) כה אמר ה' השמים כסאי והארץ הדום רגלי. ט) וחכמים אומרים זה וזה כאחת נבראו שנאמר (שם מ"ה) אף ידי יסדה ארץ וימיני טפחה שמים קורא אני אליהם יעמדו יחדיו, ואידך? מאי יחדיו דלא משתלפי מהדדי, קשו קראי אהדדי? אמר ריש לקיש כשנבראו ברא שמים ואח"כ ברא הארץ, וכשנטה נטה הארץ ואחר כך

---

ווארע). ח) די רבנן האבען געלערענט די בית שמאי זאגען, די הימלען זיינען באשאפען געווארען פריהער, „ואחר כך", און נאכהער איז באשאפען געווארען די ערד, ווי דער פסוק בראשית רעכענט צוערשט שמים און נאכהער ארץ, און די בית הלל זאגען, „ארץ נבראת תחלה", די ערד איז פריהער באשאפען געווארען, און נאכהער די הימלען, ווי אן אנדער פסוק אין בראשית רעכענט צוערשט ארץ און נאכהער שמים. האבען די בית הלל געזאגט צו בית שמאי, „לדבריכם", נאך אייערע רייד נאך, „אדם בונה עלייה ואחר כך בית", קומט אויס אז א מענש זאל בויען צוערשט אן אויבערשטוב און נאכהער דאס הויז, און מיר זעהען אין פסוק דאס דער הימל הייסט א אויבערשטוב, ווי דער פסוק זאגט, „הבונה בשמים מעלותיו", האבען די בית שמאי געזאגט צו בית הלל „לדבריכם", נאך אייערע רייד נאך, „אדם עושה שרפרף ואחר כך כסא", קומט אויס דאס א מענש זאל צוערשט מאכען א פוסבענקעל און נאכהער די שטוהל, און אין פסוק הייסט די ערד א פוסבענקעל, „שנאמר", ווי דער פסוק זאגט „כה אמר ה' השמים כסאי והארץ הדום רגלי", דער הימעל איז מיין שטוהל און די ערד איז מיין פוסבענקעל. ט) די חכמים זאגען, „זה וזה כאחת", דאס ביידע זיינען באשאפען געווארען אין איינעם, „שנאמר", ווי דער פסוק זאגט, „אף ידי", אויך מיין לינקע האנד האט געגרינדעט די ערד און מיין רעכטע האנד האט געשפרייט דעם הימעל, „קורא אני אליהם", איך האב אויסגערופען צו זיי, „יעמדו יחדיו", זיי זאלען שטעהן צוזאמען, פרעגט די גמרא „ואידך?" ווי טייטשען די ב"ש און ב"ה דעם פסוק? ענטפערט די גמרא, „מאי יחדיו?" ווייסטו וואס עס מיינט יחדיו? „דלא משתלפי מהדדי", זיי זאלען ניט ווערען אוועקגעטאן איינער פון אנדערען, פרעגט די גמרא ווידער „קשו קראי אהדדי?" די פסוקים זיינען דאך שווער איינער אויפ'ן אנדערען, די פסוקים אין בראשית צייגט איינער דאס דער הימעל איז צוערשט באשאפען געווארען, און דער צווייטער פסוק צייגט פארקערט? האט ריש לקיש געזאגט, „כשנבראו", ווען זיי זיינען באשאפען געווארען האט ער צוערשט באשאפען דעם הימעל און נאכהער די ערד, „וכשנטה", און ווען ער האט זיי באוועגט אין פלאץ, איז געווען די ערשטע די ערד און נאכהער דער הימעל. פרעגט די גמרא וואס מיינט שמים?

**פירוש רש״י על הגמו״א ראה בצד: 25**

נטה שמים, מאי שמים אמר ר׳ יוסי בר חנינא ששם מים במתניתא תנא אש ומים מלמד שהביאן הקב״ה וטרפן זה בזה ועשה מהן רקיע. י) שאל ר׳ ישמעאל את ר״ע כשהיו מהלכין בדרך, אמר ליה אתה ששמשת את נחום איש גם זו כ״ב שנה שהיה דורש כל אתין שבתורה את השמים ואת הארץ מה היה דורש בהן? אמר ליה אילו נאמר שמים וארץ הייתי

---

האט ר׳ יוסי בר חנינא געזאגט, „ששם מים״, שמים איז צוזאמענגעשעטלט פון צוויי ווערטער „שם מים״ דארט איז וואסער, דאס הייסט דער הימעל איז פון וואסער, „במתניתא תנא״, אין א ברייתא האבען מיר געלערענט, דאס שמים איז פון די צוויי ווערטער, „אש ומים״, דער הימעל איז פון פייער מיט וואסער, „מלמד שהביאן הקב״ה וטרפן״, דאס קומט לערנען דאס ג־ט האט אויסגעמישט פייער מיט וואסער און געמאכט דערפון דעם רקיע, דאס הייסט פון סטיעם איז געמאכט דער רקיע, דער נאמען רקיע אין אלגעמיין ווערט גענוצט פאר אלע העכערע הימלען, אבער דער עיקר מיינט מען די אטמאספערע וואו די וואלקענס שטעלען זיך אב, זיי ווערען גערופען רקיע, וואס מיינט אויסשפריי־טונג, דאס הייסט דער גאנצער רעגען סיסטעם, וואס דורך ווארימקייט שעפט עס פארטוועהרענד און געהט ארויף און נידערט צייטענווייס אראב אין פארם אלס רעגען, דען עס וואלט געווען א געוואלדיגער וואונדער דאס אין גאנץ בראשית רעדט ער קיין ווארט ניט וועגען דעם רעגען און שנעע אדער האגעל? נאר דער אמת איז, דאס רקיע שטעלט מיט זיך דאס פאר. אויף דעם ווערט געזאגט, „בכל יום תמיד מחדש מעשה בראשית״, יעדען טאג באנייט ג־ט די מעשה בראשית, דען דער רעגען סיסטעם ארבייט פון באשאפונג אין דער זעלבער פארם. די טהעאריע ברענגט דער מלבי״ם ז״ל פון פילע ראשונים. — דער מדרש רבה זאגט נאך א גימטריא אויף שמים, „שא מים״, אין צוזאמענאהנג, די ווארימקייט קומט צום מים איז אש ומים, דאן הויבען זיי זיך ארויף, איז שא מים, ביז עס קומט דארט אין דער אטמאספערע איז עס שוין שם מים. י) ר׳ ישמעאל האט געפרעגט רבי עקיבא׳ן, „כשהיו מהלכין בדרך״, ווען זיי זיינען געגאנגען אונטערוועגס, ער האט צו איהם געזאגט, „אתה ששימשת״ דו האסט דאך באדינט ר׳ נחום איש גם זו פאר צוויי און צוואנציג יאהר, „שהיה דורש כל אתין שבתורה״, ער האט גע׳דרש׳ענט אלע אתין אין דער תורה, „את השמים ואת הארץ מה היה דורש בהן?״ וואס האט ער גע׳דרש׳ענט פון די צוויי את׳ן, די פראגע איז דא, די זאכען וואס זיינען באוואוסט, ווערען באצייכענט מיט׳ן ווארט את און ה׳ הידיעה, ווי צום ביישפיעל „את השמים ואת הארץ״, דא אבער ווען זיי זיינען באשאפען געווארען, זיינען די יסודות עפר מים רוח געווען אלע געמישט דאס הייסט תהו ובהו, (ווי אויבען שוין בעשייד), אין דעם גע־שטאלט זיינען זיי אונז ניט באוואוסט דען ערשט שפעטער זיינען זיי פארענדיגט און פארענדערט געווארען, האט ער דאך געדארפט זאגען „בראשית ברא אלקים שמים וארץ״, אנפאנג האט ג־ט באשאפען הימעל און ערד, ניט, דעם הימעל און די ערד, עס איז דאך ניט אזא הימעל און אזא ערד וואס מיר זעהען יעצט? „אמר ליה״, האט ער איהם געענטפערט, „אילו נאמר״, ווען עס וואלט געשטאנען

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 26**

אומר שמים (וארץ) שמו של הקב"ה, עכשיו שנאמר את השמים ואת הארץ שמים שמים ממש ארץ ארץ ממש (**דף י"ב ע"ב**) את הארץ למה לי להקדים שמים לארץ, והארץ היתה תהו ובהו, מכדי בשמים אתהיל ברישא מאי שנא דקא השיב מעשה ארץ? תנא דבי ר' ישמעאל משל למלך בשר ודם שאמר לעבדיו השכימו לפתחי, השכים ומצא נשים ואנשים למי משבח למי שאין דרכו להשכים והשכים. י"א) תניא ר' יוסי אומר אוי להם לבריות שרואות ואינן יודעות מה רואות עומדות ואינן יודעות על מה הן עומדות, הארץ על מה עומדת על העמודים שנאמר (איוב ט') המרגיז ארץ ממקומה ועמודיה יתפלצון, עמודים על המים שנאמר (תהלים קל"ו) לרוקע הארץ על המים, מים על ההרים שנאמר (שם ק"ד) על הרים יעמדו מים הרים ברוח שנאמר (עמוס ב') כי הנה

---

שמים וארץ אָהן דעם וואָרט את, „הייתי אומר", וואָלט איך זאָגען דאָס שמים וארץ זיינען ג־ט'ס נאָמען, „עכשיו", יעצט מיט'ן וואָרט את, בין איך זיכער אז עס מיינט ריכטיג איינפאך הימעל און ערד, פרעגט די גמרא „את הארץ למה לי?" צו וואָס שטעהט נאָך „את הארץ", פון בלויז „את השמים" וועל איך דאָך שוין דאָס וויסען? ענטפערט די גמרא, „להקדים שמים לארץ", דאמיט צו בעפאָרצוגען שמים פאר ארץ, דען פון בלויז וארץ וואָלט איך זאָגען דאָס די וי"ו פון וארץ איז וי"ו הביאור, דאָס די ערד איז שוין באַשאַפען פון פריהער, „והארץ היתה תהו ובהו", פרעגט די גמרא, „מכדי בשמים אתחיל ברישא", צוערשט האָט ער דאָך געזאָגט שמים, „מאי שנא דקא חשיב מעשה ארץ", וואָרום־זשע רעכענט דער פסוק די ווערק פון דער ערד? „תנא דבי ישמעאל", האָט ר"י געלערענט אין זיין בית המדרש, „משל למלך", דער מלך האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט, „השכימו לפתחי", פעדערט אייך צו מיין הויז, „למחר השכים", צומאָרגענס איז דער קעניג אויפעשטאַנען זעהן זיינע געסט, „ומצא נשים ואנשים", האָט ער געפונען פרויען און מענער, „למי משבח?" וועמען זאָל ער לויבען? „למי שאין דרכו להשכים והשכים", נאטירליך האָט ער געלויבט דעם וואָס האָט געפעדערט געגען זיין שטייגער, און געפעדערט האָט די ערד ווייל די וואָלקענס וואָס באַלאַנגען צום רקיע האָבען דאָך געשעוובט אויף דער ערד, און געפעדערט מיט איהר. י"א) מיר האָבען געלערענט ר' יוסי זאָגט, „אוי להם לבריות שרואות", וועה איז צו די מענשען וואָס זעהען, „ואינן יודעות מה רואות", און ווייסען ניט וואָס זיי זעהען, „עומדות" זיי שטעהען און ווייסען ניט אויף וואָס זיי שטעהען, דאָס איז געזאָגט אויף די אפיקורסים וואָס ווילען ניט זעהן און ניט פארשטעהן ג־ט'ס האנד אין אַלעס, „הארץ על מה עומדת?" אויף וואָס שטעהט די ערד און וועלט־רוים? „על העמודים", אויף די זיילען שטעהט זי, די זיילען איז די מיינונג אויפ'ן ציהונגס קראפט פון אַלע כדורים צו איהר מאַגנעט, ווי דער פסוק זאָגט, „המרגיז ארץ ממקומה ועמודיה יתפלצון", ג־ט מאכט ציטערען די ערד פון איהר פלאַץ און איהרע זיילען טוען ציטערען. אויף וואָס האלטען זיך די זיילען, עס מיינט אויף וואָס באַרוהט דער מאַגנעט, „על המים", אויפ'ן וואסער

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 26**

יוצר הרים ובורא רוח. רוח בסערה שנאמר (שם קמ"ח) רוח סערה עושה דברו, סערה תלויה בזרועו של הקב"ה שנאמר (דברים ל"ג) ומתחת זרועות עולם, וחכמים אומרים על י"ב עמודים עומדת שנאמר יצב גבולות עמים למספר בני ישראל ויש אומרים ז' עמודים שנאמר (משלי י"ט) חצבה עמודיה שבעה, ר"א בן שמוע אומר על עמוד אחד וצדיק שמו שנאמר וצדיק יסוד עולם. י"ב) אמר ר' יהודה שני רקיעים הן שנאמר (דברים י') הן לה' אלקיך השמים ושמי השמים ריש לקיש אמר שבעה ואלו הן וילון, רקיע, שחקים, זבול, מעון, מכון, ערבות, וילון אינו

---

ווי דער פסוק זאגט, „לרוקע הארץ על המים", די ערד איז אויפגעשפרייט און בערוהט אויפ'ן וואסער, „מים על ההרים", דאס וואסער האלט זיך צוזאמען דורך די בערג, דאס הייסט דורך די העכערע ערד ארום איהר, ווי דער פסוק זאגט, „על הרים יעמדו מים", דורך די בערג שטעהען די וואסערען, פון וואנען נעמען זיך די בערג? „הרים ברוח", די בערג האבען זיך געמאכט דורך ווינטען, פון וואנען נעמען זיך די ווינטען? „רוח בסערה", ווינטען נעמען זיך דורך שטורעמס, „סערה תלויה בזרועו של הקב"ה", די שטורעמס ווערען פאראורזאכט פון הקב"ה אליין ווי דער פסוק זאגט, „ומתחת זרועות עולם", אלעס איז, פון אונטער די ארעמס וועלכע האלטען אויף די וועלט, און די חכמים זאגען „על י"ב עמודים עומדת", דאס די וועלט שטעהט אויף צוועלף זיילען, דאס מיינט דורך דעם כח המושך פון די צוועלף מזלות, „שנאמר", ווי דער פסוק זאגט, „יצב גבולות עמים למספר בני ישראל", ווען ג-ט האט באשאפען די וועלט, און זי נאכהער באזעצט מיט פעלקער וועלכע זיינען אין גאנצען אונטער דער טבע, האט ער געשטעלט זייערע גרעניצען לויט דעם כח המושך פון די י"ב מזלות לויט די צאהל בני ישראל וואס האבען י"ב שבטים וואס זיינען איבער דער טבע, „ויש אומרים", און א טייל זאגען זיבען עמודים, דאס איז דער כח המושך פון די שבעה כוכבי לכת, ווי דער פסוק זאגט „חצבה עמודיה שבעה", ער האט אויסגעהאקט איהרע זיילען זיבען, די זיינען געגען די זיבען טעג אין דער וואך, און די י"ב מזלות געגען די י"ב חדשי השנה, די אלע זיינען דער מקור און השפעה פון דער טבע פון כדור, ר' אלעזר בן שמוע זאגט, „על עמוד אחד וצדיק שמו", ר"א ענדיגט דא דעם לעצטען פונקט ארום וועלכען אלעס איז אבהענגיג, דאס איז די ערשטע און לעצטע זייל וואס האלט אלעס אויף דאס איז הקב"ה וואס ווערט אנגערופען צדיק ווי דער פסוק זאגט „צדיק יסוד עולם", ג-ט איז דער יסוד פון דער וועלט. י"ב) רבי יהודא האט געזאגט „שני רקיעין הן", צוויי רקיעים זיינען פאראנען. ר' יודא טיילט איין אין צוויי-ערליי מחיצות, איין רקיע וואס איז אין פלאץ וואו עס זאמלען זיך די וואל-קענס, און זיי זיינען ווי א פרוכת וואס אונטערשיידעט צווישען אויבען און אונטען, און די אנדערע מין מחיצה איז דער רקיע פון די העכערע וועלטען ווי אין יחזקאל שטעהט „רקיע על ראשי החיות", אויף דעם ברענגט ער דעם פסוק „השמים ושמי השמים", ריש לקיש זאגט, „שבעה", זיבען און רעכענט זיי אויס און בעשייד זיי, „וילון אינו משמש כלום אלא נכנס שחרית ויוצא

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 26**

משמש כלום אלא נכנס שחרית ויוצא ערבית ומחדש בכל יום מעשה בראשית, שנאמר הנוטה כדוק שמים וימתחם כאהל לשבת רקיע שבו חמה ולבנה כוכבים ומזלות קבועים שנאמר ויתן אותם אלקים ברקיע השמים, שחקים שבו רחיים עומדות וטוחנות מן לצדיקים שנאמר (תהלים ע״ה) ויצו שחקים ממעל ודלתי שמים פתח וימטר עליהם מן לאכול, זבול שבו ירושלים ובית המקדש ומזבח בנוי ומיכאל השר הגדול עומד ומקריב עליו קרבן שנאמר (מ״א ח׳) בנה בניתי בית זבול לך מכון

---

ערבית״, דאָס מיינט דעם רקיע וואָס מיר האָבען אויבען גערעדט דאָרט וואו די וואָלקענס אפּערירען און ווערען באַקעהרט צו אַ רעגען שנעע אָדער האָגעל, ווי אַלע טבעיים זאָגען קומט עס דורך די שטראַלען פון די זון, וואָס שלאָגען צו דער ערד און קעהרען זיך אום דערוואַרעמענדיג די לופט ביז אין די העכערע אַטמאָספּערע ווערט עס צוריק אָבגעקיהלט אויף רעגען, און געוועהנליך געהט עס לויט השגחה, ווען און וואו עס זאָל קומען רעגען, אָבער די וואָרימקייט שעפּט פּאַרטוועהרענד די נאַסקייטען פון אונטען, און דאָס איז וואָס ער זאָגט דאָ, „וילון אינו משמש כלום״, דאָס דער רקיע וואָס הייסט וילון טהוט גאָרניט, „אלא נכנס שחרית ויוצא ערבית״, נאָר דער שחרית קומט און דער ערבית געהט אָב, ער מיינט צו זאָגען, דאָס ריננסאום דעם ערד קוגעל יאָגט פאַרטוועהרענד דער שחרית און פאַרטרייבט דעם ערבית און אַזוי אַרום איז ער, „מחדש בכל יום מעשה בראשית״, ער באַנייט די מעשה בראשית יעדען טאָג ,ווי אַזוי ער האָט עס געטאָן אין ערשטען טאָג פון באַשאַפונג, ווען אַלעס איז געווען אויסגעמישט, ערד וואַסער און לופט, און די גרויסע היץ האָט אַלעס באַוואויגען אַרויף, דאָס הייסט דער וילון טהוט דאָס מיט'ן כח פון די זון אָבער זי אַליין איז ניט משמש, ברענגט ער דעם פסוק, „הנוטה כדוק שמים״, ג־ט שפּרייט אויס דעם הימעל ווי אַ דעק, „וימתחם כאהל לשבת״, און שפּרייט עס אויס ווי אַ געצעלט צום וואוינען. „רקיע שבו חמה ולבנה כוכבים ומזלות קבועים״, דער צווייטער הייסט רקיע וואָס דאָרט איז איינגעפאַסט די זון און לבנה אַלע שטערען און מזלות, ווי דער פסוק זאָגט, „ויתן אותם אלקים ברקיע השמים״, ער האָט זיי געגעבען אין רקיע וואָס איז שמים, „שחקים שבו רחיים עומדות וטוחנות מן לצדיקים״, דער הימעל שחקים וואָס אין דאָרט, איז דאָ מיהלען וואָס מאַהלען מן פאַר צדיקים, ווי דער פסוק זאָגט „ויצו שחקים ממעל״, ג־ט האָט געבאָטען דעם הימעל שחקים פון אויבען, „ודלתי שמים פתח״, און די טויערען פון הימעל האָט ער געעפענט, „וימטר עליהם מן לאכול״, און ער האָט געמאַכט רעגענען אויף זיי מן צום עסען, אַ כלל איז, דאָס אַ גוטע זאַך וואָס ג־ט באַשאַפט ווערט ניט בטל נאָר ער נעמט עס אַוועק פון די וואָס האָבען ניט דער ווערט, און גיט עס אַוועק צו די צדיקים, דאַריבער איז דער מן דאָרט פאַרבליבען אין זיין רוח'נישען פאָרם וואָס איז אַ געננוס פאַר נשמות הצדיקים. „זבול שבו ירושלים ובית המקדש ומזבח בנוי ומכאל השר הגדול עומד ומקריב עליו קרבן״, דער הימעל זבול, איז אין דאָרט ירושלים און דער בית המקדש און דער מזבח געבויט, און דער גרויסער מלאך מכאל שטעהט און איז מקריב אויף איהם

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 26**

לשבתך עולמים, ומנלן דאיקרי שמים דכתיב (ישעי' ס"ג) הבט משמים וראה מזבול קדשך ותפארתך. י"ג) מעון שבו כתות של מלאכי השרת שאומרות שירה בלילה וחשות ביום מפני כבודן של ישראל שנאמר (תהלים מ"ב) יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי, אמר ריש לקיש כל העוסק בתורה בלילה הקב"ה מושך עליו חוט של חסד ביום שנאמר יומם יצוה ה' חסדו, ומה טעם יומם יצוה ה' חסדו משום ובלילה שירה עמי, ואיכא דאמרי אמר ריש לקיש כל העוסק בתורה בעולם הזה שהוא דומה ללילה הקב"ה מושך עליו חוט של חסד לעולם הבא שהוא דומה ליום שנאמר יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי, אמר ר' לוי כל

---

א קרבן. דער ענין איז יעדע זאך האָט א שורש אין הימעל דאריבער איז דאָ א ירושלים און ב"ה און מזבח שלמעלה, דער ענין קרבן וואָס א מענש איז מקריב אויף א חטא, איז געהעריג וואָלט א מענש זיך אליין געדארפט מקריב זיין פאר'ן באשעפער, נאָר ער ברוך הוא איז מקבל א בהמה אויף זיין פלאץ, א גוף בהמה פאר'ן גוף אדם. אין מענש אָבער איז דאָ א נפש המשכלת פאר וועלכע די בהמה קען ניט באצאָהלען, און אויף דעם נעמט ג־ט צו די מחשבה פון דעם וואָס ברענגט דעם קרבן ווען ער טראכט דאביי דאָס איהם קומט דאָס, און ג־ט רעכענט די מחשבה ווי א מעשה, און די מחשבה איז דאָך שוין די ארבייט פון דער נשמה, אזוי ארום איז שוין דאָ ביידע דער גוף הבהמה און די כוונה פון נשמת אדם, און תוספות זאָגט טאקע דאָס דער מדרש זאָגט אז מכאל שטעהט און איז מקריב די נשמות פון צדיקים אויפ'ן מזבח, דעם גוף הבהמה איז מקריב דער כהן דאָ אויפ'ן מזבח שלמטה, און דעם מסירת נפש וואָס דער מענש האָט בעת ער ברייננט דעם קרבן טראכטענדיג דאָס ער איז ראוי אלס קרבן, דאָס איז מקריב דער שר מיכאל וואָס איז דער כהן דאָרט. (די כוונה פון יצחק אבינו דאָס ער געהט געשאָכטען ווערען פאר השי"ת איז אויך געבליבען מחשבה כמעשה, און איז תמיד געבראכט פון מלאך מכאל פאר השי"ת ווי דער פסוק זאָגט „וישם אותו על המזבח ממעל לעצים", וואָלט באדארפט שטעהן מעל העצים, און ממעל מיינט העכער, ווי דער מדרש זאָגט עס ריין ארוים). „שנאמר בנה בניתי בית זבול לך מכון לשבתך עולמים", שלמה המלך האָט געזאָגט איך האָב געבויט א בית זבול פאר דיר אן איינריכטונג פאר דיין אייביגען וואוינונג, דער דאָבעלער לשון „בנה בניתי" נאָך אמאָהל געבויט, דאָס הייסט שלמה האָט מכוין געווען מיט זיין מחשבה אויפ'ן בית המקדש שלמעלה. פרעגט די גמרא „ומנלן דאיקרי שמים?" און פון וואנען ווייסט מען דאָס זבול מיינט שמים? „דכתיב" דען דער פסוק זאָגט „הבט משמים וראה מזבול קדשך ותפארתך", מען בעט דעם השי"ת קוק פון הימעל און זעה פון זבול דיין הייליגקייט און דיין שעהנקייט. י"ג) דער הימעל „מעון שבו כתות", אין איהם איז דאָ כתות מלאכי השרת וואָס זאָגען שירה ביינאכט, „וחשות ביום", און שווייגען בייטאָג, צוליב דעם כבוד פון די אידען וואָס זאָגען שירה בייטאָג, „שנאמר", ווי דער פסוק זאָגט „יומם יצוה ה' חסדו", בייטאָג געבאָט ג־ט זיין חסד וואָס איז צוליב די שירה פון אידען, „ובלילה שירה עמי", און ביינאכט

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 26**

הפוסק מדברי תורה ועוסק בדברי שיחה מאכילין אותו גחלי רתמים שנאמר (איוב ל') הקוטפים מלוח עלי שיח ושורש רתמים לחמם, ומנלן דאיקרי שמים? שנאמר (דברים כ"ו) השקיפה ממעון קדשך מן השמים. י"ד) מכון שבו אוצרות שלג ואוצרות ברד ועליית טללים רעים ועליית

---

האב איך די שירה מיט מיר אין הימעל פון מיינע מלאכים. ריש לקיש האט געזאגט, „כל העוסק", ווער עס איז עוסק אין תורה ביינאכט, ציהט הקב"ה אויף איהם א שנור פון חסד בייטאג, און די מיינונג פון פסוק געהט אזוי ווארום טהוט ג-ט געבאטען זיין חסד בייטאג, וויל „בלילה שירה עמי", וויל ביינאכט איז זיין געזאנג פון לערנען געווען מיט מיר, דער וי"ו פון ובלילה איז וי"ו הביאור אזוי ווי, „יין ושכר", אזא וויין וואס שיכור'ט, „ויענך וירעיבך", אזא פייניגען וואס איז דורך הונגער, „ואיכא דאמרי", טייל זאגען אזוי האט ריש לקיש געזאגט, ווער עס איז עוסק אין תורה אויף דער וועלט וואס ווערט אנגערופען אין פסוק „ובלילה", ציהט ג-ט א חוט של חסד אויף איהם בייטאג וואס מיינט יענע וועלט וואס איז געגליכען צום טאג, נעגען דער וועלט, ווען די נשמה איז אין דער טונקעלקייט פון דעם גוף. ר' לוי האט געזאגט „כל הפוסק", ווער עס האקט איבער פון דברי תורה צום שמועסען, „מאכילין אותו גחלי רתמים", מאכט מען איהם עסען קוילען פון רותם בוים, „שנאמר", ווי דער פסוק זאגט „הקוטפים מלוח עלי שיח", די וואס רייסען איבער פון לערנען וואס ווערט גערופען „מלוח" פון „ממולח טהור קדש, עלי שיח", אויף א שמועס, איז „ושורש רתמים לחמם", איז זייער ברויט פון דעם וואס שטאמט פון רותם האלץ און דאס איז קוילען, דער ענין איז די גרויסע בעלי הרוח שיידען זיך פון ישוב און געהען אין מדבר צו איינזאמקייט אויסצואורבייטען זיך צו גרויסע מדרגות אזוי איז אליהו הנביא אויך נעגאנגען פאר זיין נפש, און ער האט זיך באזעצט אונטער א רותם בוים צו שפייזען זיך מיט דעם באקסער, מיר געפינען אויך ביי ר' שמעון בן יוחאי, נאר די וואס זיינען ניט מפסיק און ארבייטען זיך ארויף באשעהרט זיי השי"ת דאס דער באקסער איז גוט און ניט ווילד ווי אין דער מדבר, האקט ער אבער איבער צו א שמועס דאס מיינט צו זיין נאטירליכען געוואוינהייט, און דערפיהרט ניט צו ערהאבענקייט פון זיין נשמה, בלייבט איהם ניט מעהר נאר דאס וואס שטאמט פון רותם, און די ווילדע פרוכט האט ניט קיין בעסערען טעם ווי קוילען וואס דער פייער האט שוין פארצעהרט אלעס וואס איז געווען אין רותם, אין אלגעמיין איז עס א געדאנק, דאס דער וואס שיידט זיך אב אינגאנצען פון לערנען צום שמועס פון דער וועלט, דאס הייסט צו בלויז מאטעריעלען זין איז קיין טעם אין פרנסה אויך ניט דא, „ומנלן דאיקרי שמים"? " און פון וואנען ווייסטו אז מעון הייסט שמים, „שנאמר השקיפה ממעון קדשך מן השמים", קוק פון דיין היילינגען מעון פון שמים. י"ד) „מכון", אין איהם איז דא די אוצרות „שלג און ברד", דאס הייסט דארט איז דער מקור פון אלע נאטירליכע ערשיינונגען וואס קומען פאר לויט השגחה פון ג-ט ב"ה, ווי רעגען אדער שנעע (דאס איז איינס) האגעל, „ועליית טללים רעים ואגלים", און דאס אויפגעהן פון די טהויען און די כוואליעס פון טהוי, סאי פאר שכר

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 26**

אגלים וחדרה של סופה (וסערה) ומערה של קיטור ודלתותיהן אש, שנאמר (שם כ"ח) יפתח ה' לך את אוצרו הטוב, הני ברקיע איתנהו, הני בארעא איתנהו דכתיב (תהלים קמ"ח) הללו את ה' מן הארץ תנינים וכל תהומות אש וברד שלג וקיטור רוח סערה עושה דברו? אמר רב יהודה אמר רב דוד ביקש עליהם רחמים והורידן לארץ, אמר לפניו רבש"ע לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך (במגורך) רע, צדיק אתה ה' לא יגור במגורך רע, ומנלן דאיקרי שמים דכתיב (מלכים ח') ואתה תשמע השמים מכון שבתך. ט"ו) ערבות שבו צדק משפט וצדקה גנזי חיים וגנזי שלום וגנזי ברכה ונשמתן של צדיקים ורוחות ונשמות שעתיד להיבראות וטל שעתיד הקב"ה להחיות בו מתים, צדק ומשפט דכתיב (תהלים פ"ט) צדק ומשפט מכון כסאך צדקה דכתיב (ישעי' נ"ט) וילבש צדקה כשריון, גנזי חיים דכתיב (תהלים ל"ו) כי עמך בקור חיים, וגנזי שלום דכתיב

---

סאי פאר עונש, „וחדרה של סופה", און דער חדר פון שטורעמס „ומערה של קיטור", און א הייל פון ברענענדיגען רויך, „ודלתותיהן אש", און זייערע טירען זיינען פייערדיגע, „שנאמר", ווי דער פסוק זאגט, „יפתח ה' את אוצרו הטוב", ג-ט וועט עפענען זיין גוטען אוצר, ער רופט אלעס גוט ווייל פון הימעל איז אלעס צום גוטען, סאי וואס איז פאר שכר סאי וואס איז צו עונש, פרעגט די גמרא, „הני ברקיעא איתנהו?" דו זאגט אז זיי זיינען אין דעם רקיע וואס הייסט מכון? „הני בארעא איתנהו?" זיי זיינען דאך אין ערשטען הימעל וואס הייסט וילון) וועלכער באלאנגט צו דער ערד, ניט אין הימעל מכון וואס גרייכט שוין עולם היצירה? (ווי דו וועסט זעהן בעשייד שפעטער) ווי דער פסוק זאגט „הללו את ה' מן הארץ", לויבט ג-ט פון דער ערד, און רעכענט אוים די אלע ערשיינונגען? ענטפערט רב יודא פון רב'ס וועגען, „דוד בקש רחמים והורידו לארץ", דוד המלך האט געבעטען רחמים, און האט זיי גענידערט צו דער ערד, „אמר לפניו" ער האט געזאגט פאר ג-ט, רבש"ע „לא אל חפץ רשע אתה" א ג-ט דו ווילסט דאך ניט קיין שלעכטס, „לא יגורך רע", קיין שלעכט קען מיט דיר ניט וואוינען, ווייל „צדיק אתה ה', לא יגור במגורך רע" עס קען ניט וואוינען ביי דיר אין דיין וואוינונג שלעכטעס, „ומנלן דאיקרי שמים", און פון וואנען ווייסטו דאס מכון מיינט אויך שמים? „דכתיב", ווייל עס שטעהט, „ואתה תשמע השמים מכון שבתך", דו זאלסט הערען אין הימעל מכון וואס איז שבתך דיין וואוין ארט. ט"ו) דער העכסטער הימעל פון די זיבען איז ערבות, ווי שוין באמערקט און שפעטער וועט עס ערקלערט ווערען, גרייכען שוין די צוויי לעצטע הימלען צו עולם היצירה וואס דארט איז טוב און רע, רעכענט ער שוין דאס גוטע אין ערבות, פון דעם עולם, „שבו צדק משפט וצדקה גנזי חיים שלום און ברכה" און די נשמות פון צדיקים און די נשמות וואס זיינען אנ-געגרייט באשאפען צו ווערען און דער טל וואס ג-ט איז אנגעברייט לעבעדיג צו מאכען די טויטע, אויף צדק ומשפט זאגט דער פסוק, „צדק ומשפט מכון כסאך", צדק און משפט איז דער מכון פון כסא, און אויף צדקה איז דער פסוק „וילבש צדקה כשריון", מיט צדקה איז ער באקליידט ווי מיט א פאנצער, אויף חיים, „כי עמך מקור חיים", פון דיר שטאמט דאס לעבען, אויף שלום „ויקרא

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 26**

(שופטים ו') ויקרא לו ה' שלום, וגנזי ברכה דכתיב (תהלים כ"ד) ישא ברכה מאת ה', נשמתן של צדיקים דכתיב (שמואל א' כ"ה) והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את ה' אלקיך, רוחות ונשמות שעתיד להיבראות דכתיב (ישעי' נ"ז) כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי וטל שעתיד הקב"ה להחיות בו מתים, דכתיב (תהלים ס"ח) גשם נדבות תניף אלקים נחלתך ונלאה אתה כוננת. ט"ז) שם אופנים ושרפים

---

לו ה' שלום", און אויף ברכה, „ישא ברכה מאת ה' ", ער קריגט די ברכה פון ג-ט, נשמות פון צדיקים ווי דער פסוק זאגט „והיתה נפש אדוני צרורה", דיין נשמה זאל זיין איינגעבונדען אין לעבעדיגען בונד מיט ג-ט ב"ה, און די נשמות וואס דארפען ערשט באשאפען ווערען זאגט דער פסוק „כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי", דעם רוח אדער נשמה וואס א מענש באקליידעט איז פון מיר, און איך האב עס געטאן, און דער טל צו לעבעדיג מאכען די טויטע, ברענגט ער דעם פסוק „גשם נדבות תניף אלקים נחלתך ונלאה אתה כוננת", א גשם פון נדבות פון דעם טל תחיה, וועסטו ג-ט ב"ה אויפהויבען פאר די אידען וואס זיינען דיין ערב, „ונלאה", און די מידע פון לעבען וואס מיינט די געשטאר-בענע „אתה כוננת", וועסטו צוריק גרינדען, דער עולם היצירה וואס הייסט אויך דער עולם החיות איז דער מקור פון חיים, דאריבער קומען די אלע זאכען פון דארט, דאס איז דער איינפאכער געדאנק וואס מען איז געצוואונגען צו לערנען, עס זאל זיך לייגען אויפ'ן שכל, אבער אין אמת'ן איז אין שיעור און אין סוף צו דעם וואס די חז"ל מיינען, על כל פנים איז מען ניט פטור פון ארייצולערנען דעם פשט הפשוט וועלכעס איז צוערשט ביים לערנען, די פסוקים דא זיינען בלויז אן אנלעהן צו זייערע רייד דען זיי האבען דאס משיג געווען על פי קבלה און רוח הקדש אין דעם זין „מבשרי אחזה אלקי". ט"ז) „שם אופנים ושרפים וחיות הקדש", דארט גרייכט שוין די מרכבה, מיר געהען דאס מבאר זיין, עס איז באוואוסט פון סוד קדושים אז די מרכבה וואס יחזקאל האט געזעהן איז געווען אין עולם היצירה וואס הייסט צוגלייך עולם המלאכים, און די זעהונג איז געווען נידעריגער ווי פון ישעי' וועלכע איז געווען אין עולם הכסא, דען ישעי' האט געזעהן דעם מלך ווען די שכינה איז נאך געווען אויף איהר פלאץ און די אידען אויף זייער ערד, דאמאלסט איז געגאנגען די הנהגה פון ג-ט אליין איבער די נאטור, זיין ממשלה איז געווען איבער אלעס, דאריבער האט ישעי' געזעהן דעם מלך זיצען על „כסא רם ונשא", און די שרפים זיינען געשטאנען אין דער הויך צום כסא, אבער יחזקאל האט איהם געזעהן אין גלות אין חוץ לארץ, וואס דאמאלסט פיהרט ניט ג-ט בדרך נס איבער די נאטור, נאר ער פיהרט לויט די טבע ווי די אופנים געהען, וועלכע ווערען באוועגט דורך די מלאכים, דאריבער האט ער געזעהן די חיות הקדש און די אופנים וואס הויבען זיך צום טאקט געגען די חיות הקדש, און אייגענטליך איז דער עולם החיות וועלכע זיינען מלאכים, דער מיטעל עולם צווישען עולם הכסא וואס איז העכער פון איהם, און עולם אופנים וואס הייסט צוגלייך עולם הגלגלים וואס איז נידעריגער פון איהם, און די חיות זיינען מקבל כח און שפע פון

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 26**

עולם הכסא, און מיט דעם כח באוועגען זיך די אופנים וואס מיינט די אלע כדורים פון גאנצער נאטור באוועגונג. דער כוזרי זאגט דאס די נביאים זיינען משיג און באגרייפען דעם באשעפער דורך פארשידענע געשטאלטען וואס ענ־דערען זיך און צייגען על פי משל אויף זאכען, צום ביישפיל אין א צייט ווען ג־ט ווארפט ארונטער קעניגע און שטעלט אויף קעניגע האט דניאל געזעהן ווי שטוהלען זיינען אומגעשליידערט געווארען און ג־ט משפט די וועלט, און אין א צייט פון רייזען אונטערוועגס, ווען די שכינה האט געצויגען מיט די אידען אין גלות, האט יחזקאל געזעהן פאהרען אויף א מרכבה, ווי א שטייגער מלכים פאהרען פון פלאץ צו פלאץ, און יחזקאל האט פארגעשטעלט ווי א מרכבה אין מענשליכען זין פון דער וועלט, ווי זי ווערט געשלעפט פון פיער חיות, וועלכע באוועגען די רעדער (אופנים) פון וואגען ווי דער קעניג דער מלך הכבוד זיצט פאהרענדיג צו דער זייט וואו די מרכבה דארף געהן, און דאס איז וואס חז"ל זאגען דאס ישעי' איז געגליכען צו א שטאט מאן, וואס האט געזעהן דעם מלך און יחזקאל איז געגליכען צו א דארפסמאן וואס האט געזעהן דעם מלך, דען א שטאטמאן זעהט דעם מלך אין זיין פאלאץ זיצענדיג אויף זיין קעניגליכען שטוהל און אלע באדינער ארום איהם, אזוי האט איהם ישעי' געזעהן אין זיין הויפטשטאט און א דארפסמאן זעהט אים אין צייט ווען דער קעניג פאהרט דורך דערפער אונטערוועגנס אין א מרכבה און ער שילדערט אלעס און דערצעהלט וואס ער האט געזעהן, ער האט געזעהן די מרכבה קומענדיג פון צפון זייט, וואס דאס צייגט, דאס עס איז ניט זיין ערשטע קומונג פון ארץ ישראל, דען ארץ ישראל איז דרום זייט צו בבל, נאר די שכינה איז שוין לאנג דארט געווען מיט זיי אין גלות אין צפון זייט פון טייך כבר, און ער האט איהם יעצט געזעהן ציהענדיג פון צפון צו דרום צוריק פון בבל צו ארץ ישראל, אבער ער האט איהם געזעהן אז ער ציהט און פאהרט אויף דער דעה צו חרוב מאכען ציון און צו פארברענען דעם בית המקדש, דען ער האט געזעהן ארום די מרכבה א שטורם ווינד און א וואלקען און א פלאקער פייער, די אלע סימנים צייגען אויף חורבן און פארדארבונג און פארברענונג, נאר אביסעל ערלייכטערונג האט אויך געצייגט דען ער האט געזעהן ארום דעם פייער א נוגה אזא ליכט וואס ברענט ניט, נוגה נעמט אויף ליכט און לייכט און ברענט ניט, דאס צייגט אויף מדת החסד וואס שיינט אין מיטען פינסטערניש צו דערלייכטען די נאכט.
אין מיטען פון די נוגה האט ער באגריפען דעם חשמל דאס איז די מחנה שכינה, וואס איז אין אש, דאס מיינט צו זאגען, אז די דאזיגע שרפה, וועט ניט זיין ווי נאטירליך, נאר דורך ג־ט אליין, און מיט איהם איז דאך אויך דא רחמים צו מאכען לייכטען אין פינסטערנים און צו רעטען די וואס קלעפען צו די קדושה ארום די נוגה, פון דארט ארויס האט זיך געזעהן די געשטאלט פון די ארבע חיות, ווי מיר האבען שוין מפרש געווען האט יחזקאל געזעהן די מרכבה ניט אין זיין שטענדיגען פלאץ, ער האט געזעהן די מרכבה אין עולם המלאכים, דען אין צייט פון גלות פיהרט ג־ט ניט על דרך הנס, אין עפענטליכען וואונדער, נאר ער פיהרט די הנהגה לויט די נאטור געהט ווי די אופנים און גלגלים די גאנצע נאטור סיסטעם, און אויב ער וויל פיהרען די נאטור לויט זיין וואונש מיט פאר־

## פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 26

באַרגענע נסים עס זאָל הייסען אי טבע אי נס, באַוועגט ער איהר און פיהרט איהר דורך די חיות וואָס זיינען זיינע משרתים, וואָס שטעהען העכער פון די אופנים און פיהרען זיי, אזא גלייכונג ווי איינער פאָהרט אויף א וואָגען און פיהרט די רעדער פון דער מרכבה דורך חיות וואָס פיהרען די מרכבה, און ווייל די פיהרונג דורך דרך הטבע איז דאָך פראָמינענט אין צייט פון גלות, דען דאָמאָלסט געוועלטיגען די שרי האומות, וואָס ג־ט גיט זיי דעם כח אין צייט ווען אידען זיינען ניט אין דער מעלה, טהוט זיך ג־ט'ס כח מתלבש זיין און די שרים אויבען צו לענקען און דרייען זייער ממשלה לויט זיין וואונש. אין יענע טעג און יענע צייטען האָט אָנגעפאַנגען די ממשלה פון די פיער מלכיות פון די אומות העולם וואָס זיינען אָנגעברייט צו געוועלטיגען ביז'ן קץ, וואָס וועט צוריקעהרען די שטוהל צו איהר פלאַץ און די ערשטע ג־ט'ס מלוכה וועט צוריק קומען, זיין נאָמען און זיין שטוהל וועט זיין גאַנץ צו פיהרען דורך די שרפים וואָס שטעהען ארום זיין כסא מלכותו מיט עפענטליכע נסים. דאַריבער האָט די נבואה פאַרגעשטעלט די הנהגה אין א מרכבה מיט ארבע חיות, ווייל פון זיי ווערען אויסגעהאַלטען די שרי האומות, יעדע פון די פיער מלכיות פון א באַזונדערע חיה, פון זיי איז זייער יניקה וואָס ליפערט אַרונטער צו דער אומה וועלכע איז אין שוואוואנג אַרויף ווי אַן אופן וואָס דרעהט זיך ווען ער קומט שוין אַרויף לויפט ער ווידער און פאַלט אין גרוב, דער געשטאַלט פון די חיות איין זייט א פני אדם אין פאָרענט רעכטס א פני אריה, לינקס א פני שור און פון הינטען א פנים פון א נשר (אַן אָדלער) אזוי איז געווען יעדע חיה באַזונדער. וועגען די פליגעל וועלען מיר ריידען שפּעטער. די פיער מלכיות זיינען געווען בבל (וואָס איהר שותף איז געווען אשור) פרס ומדי, יון און רומי, בבל האָט מקבל געווען זיין כח פון אריה, פרס ומדי פון אדם, און יון פון שור, און רומי פון נשר, זיין עמבלעם איז טאַקע געווען אַן אָדלער, און אזוי פאַרבליבען ביי אַלע קריסטליכע מעכטע וואָס זיינען אָבגעטיילט געוואָרען פון רומי. יחזקאל האָט געזעהן דאָס יעדע פון די חיות האָט אַלע פנים'ער ווייל פאָרטוועהרענד האָבען זיך געפונען די פיער מלכיות נאָר צייטענווייס האָט איינע גובר געווען איבער אַלע און זי איז געגאַנגען אין פאָדערגרונד, און אַלע נאָך איהר, די לעצטע נאָך מלכות רומי וואָס זיינען אָבגעטיילט געוואָרען פון איהר, אַלע קריסטליכע מעכטע ווערען אויך פאַררעכענט אַלס מלכות רביעית, וועגען חשמל וועלען מיר נאָך רעדען. וועגען די עולמות מוזען מיר ברייגגען ווי עס איז פאָרמולירט, כאָטש בין ווייניגער ווי ווייניג צו ריידען אין די ענינים בין דאָך געצוואונגען דערצו. דאָס נפש אין מענש כאָטש איינבאר איז, פונדעסטוועגען זעהען מיר דאָס איהר ווירקונג דורך די אָרגאַנען פון גוף זיינען צוטיילט אויף דריי, דאָס ערשטע איהר ווירקונג דורך דעם מוח דעם קאָפּ, דאָס הייסט שכליות, דאָס צווייטע וואָס הייסט חיונית וואָס שטאַמט פון הארץ, וואָס ליפערט לעבען צו אַלע אברים, דאָס דריטע הייסט טבעית וואָס דער שורש איז דער מאָגען און דער אָרגאַניזם אין בויך. יעדע ווירקונג געהט פריהער דורך דעם מוח אַלס מחשבה און דאָס נפש צייגט זיך דאָרט מיט'ן כח חכמה בינה און דעת, (חכמה מיינט וואָס ער לערנט ביי יענם, בינה וואָס ער ענטנעמט איין זאַך פון דער אנדערער זאַך,

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 26**

און דעת איז וויסען וואס ער ערווערבט פון דעם) און נאך די באשטימונג פון מוח דערוועקט זיך דער כח המתעורר ביי מדות, צו האנדלען, און עס צייגט זיך דורך כח פון הארץ וועלכע מדה זי נעמט אן אין קראפט, צו חסד צו נקמה, צו אנדערע מדות וואס זיינען גוט אדער שלעכט. נאכהער פאנגט זיך אן די אויספיהרונג, דאס הייסט די מעשה קומט אין פאקט דורכ׳ן כח הטבעיים וואס באוועגען די אברים וואס טהוען, צו טהאן. און ווייל דאס נפש איז פריי אין איהר האנדלונג ווי נאר זי וויל, דאריבער איז מעגליך ביי יעדע האנדלונג צוויי ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען און א מיטעלפונקט צווישען זיי, צום ביישפיל אין מדות איז פאראנען גאוה און נידעריגקייט און צווישען זיי באשיידענקייט. מילדקייט און קארגשאפט און צווישען באוויליגקייט, חסד רוגז און צווישען זיי רחמים, און אזוי געהט עס ווען עס קומט צו מעשה, צו גוט צו שלעכט אדער מיטעלמעסיג, און אזוי איז אין מחשבה, ארבייטען חכמה און בינה, און דעת וואס איז אויסגעמישט פון ביידע, און די אלע זאכען ווערען באווירקט פון כח הבהירה וואס דער מענש האט, ווי א מושל און א מלך איז ער איבער זיך מיט׳ן כח פון דער נשמה, די ממשלה איז אויסגעשפרייט פון אנפאנג מחשבה ביז ענדע מעשה, קומט דאך אויס, אז עס איז דא אין מענש צעהן מדות, דריי אין מוח, חכמה, בינה און דעת, דריי אין חיונית וואס מיינט אין הארץ און דריי אין צומחת, צוזאמען ניין, אין דער כח הבחירה **וואס הייסט מלכות וואס שטעהט פון אנפאנג ביז׳ן סוף איז צעהן, דארום איז דא א פסוק „מבשרי אחזה אלקי״, פון מיין לייב זעה איך די גאטהייט ב״ה. די חכמים האבען געזאגט,** גרויס איז דער כח פון די נביאים וואס פארגלייכען די גבורה פון אויבען צו א צורת אדם, אין מדרש רבה זאגט דעם לשון, זיי פארגלייכען דאס באשאפענע צום באשעפער, זיי מיינען דערמיט, דאס מיר מענשליכע וועזענס קענען ניט האבען קיין באגריף אין באשעפער אלס אליין, נאר פון דער זייט וואס ער פיהרט די וועלטען זעהענדיג ווי זיי זיינען באשאפען פון איהם, און די גאנצע שאפונג איז אריבערגעשטעלט א גלייך בילד ווי דער מענש, דען דער מענש איז אן עולם קטן, א קליין וועלטעל, וועלכער ענטהאלט די אלע כחות וואס זיינען פאראנען אין דער גרויסער וועלט, אזוי זאגט דער זהר הקדש, ע״ח אין דער מורה, און פונקט ווי ג־ט ברוך הוא איז פול אין אלע וועלטען, אזוי די נשמה איז פול אין גאנצען גוף, כאטש ניט זעהענדיג איז עס אין שכל א פאקט, און די גלייכונג פון אויבען ארונטער קען זיך אנפאנגען פון מוח, (כאטש אויבען איז עס אהן א גרעניץ) די וועלטען ווערען פארגעשטעלט ווי א גוף און ג־ט ב״ה איז די נשמה פון אלע וועלטען וועלכע זיינען איינגעטיילט אין דריי טהיילען, געגען מוח איז דער עולם הכסא און געגען הארץ פון מענש ווערט פארגעשטעלט אויבען עולם החיות, און געגען דעם נידעריגען ארגאניזם וואס איז בלויז קערפער, איז דער עולם האופנים, דאס הייסט אלע גלגלים און כדורים וואס זיינען בלויז קערפערס, און מיט׳ן כח פון השי״ת וואס פערפאלט אלעס און באפעהלט צו באוועגונג, די צעהן מדות גיט אויך א פארשטעלונג פון אויבען כביכול צו פיהרען די וועלטען, זיי הייסען חכמה בינה דעת, חסד גבורה תפארת, נצח הוד יסוד, און מלכות וואס איז בראש ובסוף „בסוד אני ראשון ואני אחרון״.

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 26**

**וחיות הקדש ומלאכי השרת וכסא הכבוד מלך אל חי רם ונשא שוכן עליהם (בערבות) שנאמר (תהלים ס"ח) סולו לרוכב בערבות ביה שמו, ומנלן דאיקרי שמים? אתיא רכיבה רכיבה כתיב הכא סולו לרוכב בערבות**

---

דאָס נפש פון מענש וואָס איז א חלק אלקי, איז דאָך אן אונטערשיעד ווען זי איז נאָך געווען אויבען באהעפט צו דער קדושה, דאמאָלסט איז זי געווען שכל אָהן א חומר, און האָט גיקליגט אָהן אַ סוף און איהר גייסטיגקייט איז געווען אונענדליך אָהן א גרעניץ אָדער אָבהאלט, ניט אַזוי איז ווען זי איז געקומען אין קערפּער דורכ'ן געבורט וואָס ג־ט האָט איהר ארונטערגעשיקט, און אריינ־געזעצט צווישען פלייש דאמאָלסט זיינען איהרע הענד געבונדען, איהרע כחות פארשלאָסען, און קען זיך ניט אָבווערען פון גוף נאָר אביסעל דורך איהר דענ־קונגס־קראפט, אין דעם איז דאָ פאַרשידענע מדרגות, דורכ'ן הארץ נאָך וויניגער, אָבער פּאָרט אביסעל, אָבער די אַנדערע טבעיים פון קערפּער קענען גאָרניט העלפען, נאָר זי מוז זיי אויסאַרבייטען און ארומארבייטען, און מוז זיך תמיד ארומרייסען מיט די אַלע כחות וואָס האלטען איהר אין גלות ווי אין אַ קרימינאַל, נאָר דאמאָלסט איז זי פּטור פון זיי, ווען זי טוט אוים די אלמנה קליידער (דעם גוף) דאָס הייסט ווען זי פארלאָזט דעם גוף, און דאָס קען פּאָרקומען ווען די נשמה קריגט נבואה אָדער רוח הקודש דאמאָלסט ווערען בטל די כחות פון גוף, אָדער ווען זי פארלאָזט אינגאנצען דעם גוף און געהט צוריק צו איהר פטאָער'ס הויז, דער חלק געהט צום גאנצען דאמאָלסט איז זי פריי אין רוחני אָהן אן אָבהאלט און ג־ט'ס קרוין איז אויף איהר קאָפּ. אזוי איז די זאַך אין ענין פון דער שכינה מדת מלכות, איז פאראנען, ווען אידען זיינען ניט גוט, מוז זי פיהרען לויט די כלים פון די וועלטען, אין דערין איז פארשידענע מדרגות אמאָהל דורכ'ן כסא, נאָך קלענער דורכ'ן עולם החיות, נאָך קלענער איז דורך די אופנים וועלכעס איז בלויז דרך הטבע וואָס פאַר אידען איז דאָס זעהר ניט גוט, דאָס הייסט גלות השכינה ,און ווען באפרייט זיך די שכינה, ווען אידען באפרייען זיך און באהערשען זייער גוף ביז זיי קומען צו רוח הקדש דאמאָלסט באפרייט זיך הקב"ה און פיהרט אליין איבער די טבע, און פון העכער נאָך פון עולם הכסא,, און די גענצליכע באפרייאונג איז עת קץ: יעצט קומען מיר צוריק צו די גמרא וואָס זאָגט, „שם אופנים ושרפים וחיות הקדש", אייגענטליך וואָלט באדארפט שטעהן „שם אופנים וחיות הקדש ושרפים", לויט ווי דער סדר איז, נאָר דאמיט באמערקט ער אונז דאָס דער זיבעטער הימעל וואָס הייסט ערבות גרייכט שוין דעם עולם היצירה וואָס הייסט צוגלייך עולם החיות אָדער עולם המלאכים, און דער וואָרט „שם" איז ניט פינקטליך דען שרפים זיינען דאָך זיכער פון העכערען עולם נאָר ער מיינט צו זאָגען דאָס דאָרט איז שוין די מרכבה, דאריבער כאפּט ער אָן צוערשט די אופנים וועלכע זיינען נידעריגער און די שרפים וועלכע זיינען העכער, און דאַן ערשט וואו ער האלט, וחיות הקדש, ומלאכי השרת וכסא הכבוד, און דער אל חי רם ונשא איז שוכן עליהם, ווי דער פסוק זאָגט, „סולו לרוכב בערבות ביה שמו", מאכט אַ וועג פאַר דעם וואָס רייט אין ערבות ביה שמו, „ומנלן דאיקרי שמים?" און פון וואנען

וכתיב התם (דברים ל"ג) רוכב שמים בעזרך, וחשך וענן וערפל מקיפין אותו שנאמר (תהלים י"ח) ישת חשך סתרו סביבותיו סוכתו חשכת מים עבי שחקים, ומי איכא חשוכא קמי שמיא והכתיב (דניאל ב') הוא גלא עמיקתא ומסתרתא ידע מה בחשוכא ונהורא עמיה שרי? לא קשיא הא (**דף י"ג ע"א**) בבתי גואי, הא בבתי בראי.

א) **ואמר** רב אחא בר יעקב עוד רקיע אחד יש למעלה מראשי החיות דכתיב (יחזקאל א') ודמות על ראשי החיה רקיע כעין הקרח הנורא, עד כאן יש לך רשות לדבר מכאן ואילך אין לך רשות לדבר, שכן

---

ווייסטו אז ערבות מיינט שמים? ענטפערט די גמרא, „אתיא רכיבה רכיבה", איך לערען ארויס פון א גזרה שוה פון צוויי גלייכע ווערטער דאס בײדע זיינען גלייכע ענינים, „כתיב הכא סולו לרוכב בערבות וכתיב התם רוכב שמים בעזרך", זעהסטו דאך דאס ערבות הייסט אויך שמים, „וחשך וענן וערפל מקיפין אותו", און א פינסטערניש און וואלקען און נעפעל רינגלען ארום איהם, „שנאמר", ווי דער פסוק זאגט, „ישת חושך סתרו סביבותיו סוכתו חשכת מים עבי שחקים", ג-ט מאכט דעם פינסטערנים וואס פארבארגט איהם און עס איז ווי א סוכה ארום איהם, ווי א וואלקען אין די הימלען וואס הייסט חשכת מים, דען א וואלקען איז פון וואסער און מאכט פינסטער, ג-ט רינגעלט זיך ארום מיט אן ענן ווייל מען וואלט אליז ניט אויסגעהאלטען זעהענדיג דעם אור ה', מיר געפינען אין דער מדבר אויך דאס כבוד ה' איז געווען פאר־שטעלט מיט אן ענן און ערפל, אין בית המקדש פון שלמה ווען די שכינה איז אריינגעקומען האבען די כהנים געמוזט ארויסלויפען, ניט קענענדיג אויסהאלטען, רבי עקיבא האט גע'דרש'ענט אויף דעם פסוק „כי לא יראני האדם וחי" דאס א מענש און אויך א מלאך וואס ווערט גערופען וחי, קענען מיך ניט זעהן, על פי מליצה מיינט עס אויך אזא מין מחיצה געגען די מלאכים זיי זאלען איהם ניט זעהן. פרעגט די גמרא, „ומי איכא חשוכא קמי שמיא?" איז דען דא פינסטערנים פאר השי"ת? „והא כתיב", עס שטעהט דאך „הוא גלא עמיקתא ומסתרתא", ג-ט דעקט אויף דאס טיפע און פארבארגענע, „ידע מה בחשוכא ונהורא עמיה שרי", ער וויס וואס אין דער פינסטער און ליכט רוהט מיט איהם, ענטפערט די גמרא „לא קשיא, הא בבתי גואי", אין אינוויינגסטע איז „נהורא עמיה שרי, הא בבתי בראי", דא וואס זאגט זיך וועגען חשך מיינט מען אין אויסווייניג.

א) **און** רב אחא בר יעקב האט געזאגט, „עוד רקיע אחד יש", נאך איין הימעל איז דא איבער די הויך פון חיות, עס מיינט ניט דוקא נאר איין הימעל, דען אלע דריי עולמות האבען הימלען ווי באוואוסט נאר ער מיינט צו זאגען דאס אויסער די זיבען הימלען איז פאראנען נאך הימלען אין די מרכבה און ער ברענגט דעם הימעל וואס איז ריין אין פסוק וואס יחזקאל האט געזעהן, דער געשטאלט האט אויסגעקוקט ווי אן אויסערגעוועהנליכער ריזיגער אייז, „עד כאן יש לך רשות לדבר", ביז דעם הימעל מעגסטו ריידען פון דארט ווייטער האסטו קיין רשות צו ריידען, דען עס איז פארהוילען, אזוי זאגט אין ספר בן

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד :27**

כתוב בספר בן סירא במופלא ממך אל תדרוש ובמכוסה ממך אל תחקור, במה שהורשית התבונן אין לך עסק בנסתרות. ב) תניא אמר ר׳ יוחנן בן זכאי מה תשובה השיבתו בת קול, לאותו רשע בשעה שאמר (ישעי׳ י״ד) אעלה על במתי עב אדמה לעליון יצתה בת קול ואמרה לו רשע בן רשע, בן בנו של נמרוד הרשע שהמריד כל העולם כולו עליו במלכותו, כמה שנותיו של אדם שבעים שנה שנאמר ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה, והלא מן הארץ עד לרקיע מהלך חמש מאות שנה ועוביו של רקיע מהלך חמש מאות שנה, וכן בין כל רקיע ורקיע למעלה מהן חיות הקודש ורגלי החיות כנגד כולם קרסולי החיות כנגד כולן, שוקי החיות כנגד כולן, רכובי החיות כנגד כולן ירכי החיות כנגד כולן גופי החיות כנגד כולן, צאורי החיות כנגד כולן, ראשי החיות כנגד כולן קרני החיות כנגד כולן, למעלה מהן

---

סירה, „במופלא ממך״, אין דעם וואס איז פארהוילען פון דיר זאלסטו ניט פארשען, „ובמכוסה״, און דאס וואס איז פארדעקט פון דיר זאלסטו ניט קלערען, „במה שהורשית״, אין דעם וואס דו ביסט ערלויבט, „התבונן״, מעגסטו פאר־שטענדליך מאכען, „אין לך עסק בנסתרות״, דו קענסט דיך ניט באשעפטיגען מיט פארבארגעניסען, דעם רשות צו ריידען מיינט ער דא, לויט דעם פסוק „מבשרי אחזה אלקי״, ווי אויבען ערוועהנט. די יודעי חן האבען א באגריף אויף אויבען לויט דעם אבבילד פון מענש, וו ג־ט האט געזאגט „נעשה אדם בצלמנו כדמותנו״, וועלכער גרייכט ביז עולם הכסא, ווי דער מוח ביים מענש, אבער העכער האט ג־ט פארדעקט אפילו פאר מלאכים וואס זאגען, „איה מקום כבודו״ ? " וואו איז ג־ט׳ס כבוד ? ב) מיר האבען געלערענט ר׳ יוחנן האט געזאגט, „מה תשובה״, וואס פאר אן אנטווארט האט דער בת קול פון הימעל געענטפערט צו נבוכדנצר הרשע, „בשעה״, אין דער צייט ווען ער האט זיך געריהמט, „אעלה״ איך וועל ארויפגעהן אויף די וואלקענס און איך וועל גלייך זיין צום אויבערשטען, איז ארויס א בת קול פון הימעל און געזאגט צו איהם דו רשע בן רשע, דער אייניקעל פון נמרוד הרשע, „שהמריד״, וואס האט גע־מאכט ווידערשפעניגען די גאנצע וועלט געגען איהם, וויפיל יאהרען פארמאגט דאס א מענש, זיבעציג יאהר און אויב שטארק שוין, איז אכציג יאהר, „והלא מן הארץ עד לרקיע מהלך חמש מאות שנה״, פון דער ערד ביז צום רקיע איז פינף הונדערט יאהר גאנג, און אזוי איז דער דיאמעטער פון רקיע, (ביי די בעלי הסוד איז געווען אזא מאס פאר די ספערען) און אזוי פון איין רקיע ביז׳ן צווייטען רקיע, און איבער זיי די חיות הקודש, די רגלי החיות, געגען אלע צוזאמען, דאס מיינט די פוס ביז צו די קנעכלעך, און די קנעכלעך אליין געגען אלע, „ושוקי החיות״. פון די קנעכלעך ביז צו די קני איז אזוי הויך געגען אלעמען צוזאמען, און די קני געגען אלעמען צוזאמען, די דוך געגען אלעמען צוזאמען דער קערפער צווישען דוך און האלז זיינען הויך געגען אלעמען צוזאמען, די העלזער געגען אלעמען צוזאמען, די קעפ געגען אלעמען צוזאמען, „וקרני החיות״, און די הערנער פון די זעלבע הויך געגען אלעמען צוזאמען פון דער ערד ביז צו די קרני החיות, „ולמעלה מהן כסא הכבוד״, און העכער פון זיי

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 27**

כסא כבוד רגלי כסא הכבוד כנגד כולן, כסא הכבוד כנגד כולן, מלך אל חי וקיים רם ונשא שוכן עליהם, ואתה אמרת אעלה על במתי עב אדמה לעליון אך אל שאול תורד אל ירכתי בור: ג) ולא במרכבה ביחיד: תנא רבי חייא אבל מוסרין לו ראשי פרקים, אמר רבי זירא אין מוסרין ראשי פרקים אלא לאב בית דין ולכל מי שלבו דואג בקרבו. איכא דאמרי והוא שלבו דואג בקרבו, אמר רבי אמי אין מוסרין סתרי תורה אלא למי שיש בו חמשה דברים (ישעי' י') שר חמשים ונשוא פנים ויועץ וחכם הרשים ונבון להש ואמר רבי אמי אין מוסרין דברי תורה לעובדי כוכבים שנאמר לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידעום. ד) אמר ליה ר' יוחנן לרבי אלעזר, תא אגמרך במעשה המרכבה אמר ליה, לא קשאי, כי קש נח נפשיה דר' יוחנן, אמר ליה רב אסי תא ואגמרך במעשה מרכבה, אמר ליה אי זכאי גמירתא מר' יוחנן רבך, רב יוסף הוה גמיר מעשה המרכבה, סבי דפומבדותא הוו תנו במעשה בראשית, אמרו ליה ליגמור

---

איז דער כסא הכבוד, די פוס פון דעם כסא הכבוד געגען אלעמען צוזאמען, און דער כסא הכבוד אליין געגען אלעמען צוזאמען, „מלך אל חי וקים רם ונשא שוכן עליהם", און דער באשעפער רוהט אויף זיי, און די באריהמסט זיך „אעלה" „אך אל שאול תורד, אל ירכתי בור", אבער צום שאול פון גיהנם וועסטו נידערען צום ענדע פון גרוב. ג) פון דער משנה „ולא במרכבה ביחיד". האט ר' חייא געלערנט, „אבל מוסרין לו", אבער מען מעג איהם איבערגעבען די אנפאנג ענינים, דאס איבעריגע זאל ער אליין פארשטעהן. ר' זירא האט געזאגט דאס מען גיט ניט די ראשי פרקים נאר צו א הויפט פון א בית דין, און צו אזא איינעם, „שלבו דואג בקרבו", וואס זיין הארץ איז שטארק באזארגט, „ואיכא דאמרי", און א טייל זאגען, „והוא", ווען זאג איך, דאס מען גיט איבער די ראשי פרקים צו אן אב בית דין, דער וואס זיין הארץ אין איהם איז באזארגט, רבי אמי האט געזאגט מען איבערענטפערט ניט קיין סתרי תורה, „אלא למי שיש בו חמשה דברים", נאר צו דעם וואס באזיצט די פינף זאכען, ער מוז זיין א שר חמשים און א נשוא פנים, א יועץ און א חכם חרשים און נבון לחש, שפעטער וועט עס ערקלערט ווערען, נאך האט ר' אמי געזאגט, מען גיט ניט איבער קיין דברי תורה צו א גוי, „שנאמר", ווייל דער פסוק זאגט, „לא עשה כן לכל גוי", ג-ט האט ניט געטאן אזוי צו קיין שום פאלק, צו געבען זיי א תורה, „ומשפטים בל ידעום", דאריבער זאל מען זיי די משפטים פון דער תורה ניט צו וויסען געבען. ד) ר' יוחנן האט געזאגט צו ר' אלעזר, „תא אגמרך", קום איך וועל דיר לערנען מעשה מרכבה, האט ער איהם געזאגט, „לא קשאי", איך בין נאך ניט גענוג אלט, „כי קש", ווען ער איז אלט געווארען, „נח נפשיה", איז ר' יוחנן געשטארבען. האט רב אסי געזאגט צו ר' אלעזר קום און איך וועל דיר לערנען מעשה מרכבה, האט ער איהם געזאגט, „אי זכאי", ווען איך וואלט געווען דער ווערט, „גמירתא מרי יוחנן רבך", וואלט איך געווען געלערנט ביי דיין רבי'ן ר' יוחנן. רב יוסף האט געלערנט מעשה מרכבה, די תלמידי חכמים פון פומבדיתא, „הוו תנו", האבען געלערנט אין מעשה בראשית, האבען זיי געזאגט צו רב

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 27**

לן מר מעשה מרכבה, אמר להו אגמרון לי מעשה בראשית, בתר דאגמרון אמרו ליה ליגמרון מר במעשה מרכבה, אמר להו תנינא בהו (שיר ד׳) דבש וחלב תחת לשונך דברים המתוקין מדבש וחלב יהו תחת לשונך, ר׳ אבוה אמר מהכא (משלי י״ב) כבשים ללבושך דברים שהן כבשונו של עולם יהיו תחת לבושך. ה) אמרו ליה תנינן בהו עד (יחזקאל ב׳) ויאמר אלי בן אדם, אמר להו הן הן מעשה המרכבה, מיתיבי עד היכן מעשה המרכבה? רבי אומר עד וארא בתרא, ר׳ יצחק אומר עד החשמל, עד וארא גמרינן מכאן ואילך מסרינן ראשי פרקים, איכא דאמרי עד וארא מסרינן ראשי פרקים מכאן ואילך אם הוא חכם מבין מדעתו, אין, אי לא, לא. ומי דרשינן בחשמל? והא ההוא ינוקא דדרש בחשמל ונפקא נורא ואכלתיה? שאני ינוקא דלאו מטי זימניה, אמר רב יהודה ברם זכור אותו האיש לטוב והנניא בן חזקיה שמו אלמלא הוא נגנז

---

יוסף, „ליגמור לן מר״, לערען דו מיט אונז מעשה מרכבה, האט ער זיי געזאגט לערענט איהר מיט מיר מעשה בראשית, „בתר דאגמרון״, נאכהער ווי זיי האבען שוין מיט איהם אבגעלערענט, האבען זיי צו איהם געזאגט, „ליגמרון מר״, יעצט לערען דו מיט אונז מעשה מרכבה, האט ער צו זיי געזאגט, „תנינא בהו״, מיר האבען דערביי געלערענט, „דבש וחלב תחת לשונך״, האניג און מילך זאלען זיין אונטער דיין צונג, טייטש איך, „דברים המתוקין״, זאכען וואס זיינען זיסער פון האניג און מילך, „יהו תחת לשונך״, זאלען זיין אונטער דיין צונג, דאס הייסט באהאלטען, ר׳ אבוה זאגט פון דעם פסוק, זאכען וואס זיינען באהאלטענע אין דער וועלט, „יהיו תחת לבושך״, זאלען זיין פארדעקט אונטער דיין קלייד, כבשים מיינט אריינגענומען און באהאלטען. ה) האבען זיי געזאגט צו רב יוסף, „תנינן בהו״, מיר האבען געלערענט ביז „ויאמר אלי בן אדם״, האט ער צו זיי געזאגט, „הן הן״, די פסוקים טאקע „וארא כעין החשמל״, זיינען מעשה מרכבה, זאגט די גמרא, „מיתיבי״, איך וועל דיר א קשיא פרעגען, „עד היכן מעשה מרכבה?״ ביז וואו איז מעשה מרכבה? רבי זאגט ביז דעם אנדערען וארא און וארא אליין נים, ר׳ יצחק זאגט „עד החשמל״, דאס מיינט וארא אויך, אבער ניט חשמל, זעהסט דאך דאס ווייטער טאר מען ניט לערנען? ענטפער, „עד וארא מגמרינן״, ביז וארא לערענט מען, „מכאן ואילך״, פון וארא און ווייטער מעג מען איבערגעבען די ראשי פרקים. „איכא דאמרי״, א טייל זאגען, „עד וארא מסרינן ראשי פרקים״, ביז וארא מעג מען איבערגעבען ראשי פרקים, פון וארא און ווייטער, „אם הוא חכם מבין מדעתו״, אויב ער איז א חכם וואס פארשטעהט אליין, „אין״, מעג מען יא איבערגעבען, „אי לא״, אויב ער איז ניט קיין חכם מבין מדעתו, „לא״, טאר מען ניט איבערגעבען. פרעגט די גמרא, „ומי דרשינן בחשמל?״ מעג מען דען פארשען אין חשמל? „והא ההוא ינוקא דדריש בחשמל ונפקא נורא ואכלתיה?״ עס איז דאך געווען א געוויסער אינגעל וואס האט גע׳דרש׳ענט אין חשמל, איז ארויס א פייער און איהם פאר־ברענט? ענטפערט די גמרא, „שאני ינוקא דלא מטי זימניה״, א אינגעל איז אנדערש, דען זיין צייט איז נאך ניט געקומען איז ער נאך ניט רייף צו דעם. ר׳ יודא האט געזאגט, „ברם זכור אותו לטוב״, אה זאל דער מאן געדענקט

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד 27:**

ספר יחזקאל שהיו דבריו סותרין דברי תורה מה עשה העלו לו ג' מאות גרבי שמן וישב בעלייה ודרשו, תנו רבנן מעשה בתינוק אחד שהיה קורא בבית רבו בספר יחזקאל והיה מבין בחשמל ויצאה אש מחשמל ושרפתו ובקשו לגנוז ספר יחזקאל אמר להם חנניא בן חזקיה אם זה חכם? הכל חכמים? ו) מאי חשמל אמר רב יהודה (דף י"ג ע"ב) חיות אש

---

ווערען צום גוטען, חנניא בן חזקיה איז זיין נאמען, „אלמלא הוא נגנז ספר יחזקאל", ווען ניט ער, וואלט ספר יחזקאל באהאלטען געווארען, ווייל זיינע רייד, „סותרין דברי תורה", זיינען פארקעהרט און צורודערען די רייד פון דער תורה, ער ברייננגט אנדערע קרבנות אין יחזקאל, „מה עשה", וואס האט ער געטאן צו דעם, „העלו לו ג' מאות גרבי שמן", האט מען איהם ארויפגעבראכט דריי הונדערט פעסלעך אויל צו לייכטען אין בית המדרש „וישב בעלייה ודרשו", און ער האט זיך געזעצט אין אן אויבער שטיבעל און גע'דרש'ענט, און די אלע פראגעס אויסגעגליכען. די רבנן האבען געלערענט, א מעשה ביי אן אינגעל וואס האט געלערענט פסוק אין יחזקאל ביי א רבי'ן, „והיה מבין בחשמל", האט ער פארשטאנען אין חשמל, „ויצאה אש מחשמל ושרפתו", איז ארויס א פייער פון חשמל און איהם פארברענט, „ובקשו לגנוז", האבען זיי געוואלט גונז זיין דעם ספר יחזקאל, האט צו זיי געזאגט חנניא בן חזקיה „אם זה חכם הכל חכמים?" אויב דער אינגעל איז געווען א חכם זיינען אלע חכמים? איז דען דאס א געוועהנליכע ערשיינונג? דעם ענין חשמל וועלען מיר אי"ה ערקלערען. ו) „מאי חשמל?" וואס איז דער ענין חשמל? „אמר", האט רב יודא געזאגט, „חיות אש ממללות", חשמל מיינט די חיות פון דער מרכבה וואס זיינען אין עולם היצירה זיי ווערען גערופען די מחנה שכינה, דאס ווארט חשמל, חש איז שטיל און מל איז רעדען, דאס מיינט דאס ביי די חיות איז „קול דממה דקה", א שטיל קול, דען לויט „מבשרי אחזה אלקי", איז דער אבבילד פון הארץ דער עולם היצירה וואס דארט פאנגט זיך אן דאס קול, זיי קריגען די שפע פון העכערען עולם הבריאה וואס דארט איז בלויז שכל און דממה, ניט קיין קול גלייך ווי דער אבבילד פון דעם מוח, דאן מיט דעם כח השפעה באוועגען די חיות די אופנים דאס מיינט די אלע כדורים און גלגלים דעם גאנצען עולם עשיה, אונזער ערד אויך בכלל, די אלע געהען שוין ברעש גדול, נאר מיר הערען ניט דען א קול קען ניט געהערט ווערען נאר דורך לופט, ווען א כח ארבייט געגען איהר, דאס האט ג-ט ברוך הוא אזוי געטאן דער מענש זאל קענען עקזיסטירען, ווי שוין באמערקט אין די עשר מדות, איז אין עולם הבריאה חכמה בינה ודעת אלעס גוט און לויטער קיין רע אין דעריין, דען שכל אויב ניט דיקטירט פון דער שלעכטער זייט פון הארץ איז דער שכל אינ-גאנצען גוט דען אמת איז נאר איין וועג, אבער אין עולם היצירה חסד גבורה תפארת, איז שוין אויך דא א לינקע נייגונג צום שלעכטען, און דער צווייטער מראה וואס יחזקאל האט געזעהן, האט ער משיג געווען דעם חשמל מיט דער השפעה פון עולם הבריאה. אויבען האט ער געזעהן „כמראה זוהר", א לויטערער געשטאלט, „לא אש" ניט קיין פייער, ניט אזוי אין דער ערשטער מראה, דארט האט ער משיג

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 28**

ממללות במתניתא תנא עתים חשות עתים ממללות, בשעה שהדיבור יוצא מפי הקב"ה חשות, ובשעה שאין הדיבור יוצא מפי הקב"ה ממללות,

---

געווען, „ממראה מתניו ולמטה", פון עולם היצירה אראפּ, וואו די שפע געהט שוין צו דער וועלט, דאָרט האָט ער געזעהן, „כמראה אש שורף", א געשטאַלט פון פייער וואָס ברענט, דאָס איז געווען א השגה אין מדת הדין, ווי דער פייער געהט פאַרברענען ג־ט'ס הויז דורך נבוכדנצר, נאָר אין דעם נוגה האָט ער אויך באַמערקט רחמים, דאריבער האָבען די חכמים זעהר הויך באמערקט דאָס אין עולם היצירה איז דער עץ הדעת טוב ורע ווייל די שלעכטע נייגונג פון מענש קומט דאָך פון עץ הדעת, וואָס איז דער שטאָם פון שלעכטען און דאָרט טאַקע איז דער שורש דין וואָס מען משפּט יעדען, האָט ג־ט דער בעל הרחמים געזעצט דעם מלאך מט"ט צו שרייבען די זכיות און מצות פון אידען, ווי באוואוסט איז ער חנוך וועלכער האָט אויך נעהאט די אלע שוואכקייטען, און גוט אויף מלמד זכות צו זיין, ער הייסט מטט די צוויי טתי"ן פון טוב ורע נאָר ער וויל ניט ערוועגען די רי"ש פון רע. דער ענין ווארום די חכמים האָבען אזוי געוואָרענט וועגען חשמל איז אזוי, דאָס איז באוואוסט דאָס די פארצייטיגע פעלקער האָבען געגלויבט איז מעהרערע געטער, אין א פועל טוב און א פועל רע, דען זיי האָבען ניט געקענט פארשטעהן ווי שלעכטס און גוטס קען ארויסגעהן פון איין מקור, ביז משה רבנו איז געקומען און האָט אונז דאָס ערקלערט אין דער תורה דאָס סאי גוטעס און סאי דאָס שלעכטע איז פון ג־ט ברוך הוא, נאָר דאָס שלעכטע איז באמת גוט דען אלעס וואָס ג־ט טהוט איז צום גוטען, אי וואָס דער מענש האָט דערוויל יסורים, ווען ג־ט וואָלט איהם געעפענט זיינע אויגען צו זעהן דעם אמת אויבען, וואָלט ער זיכער מיט צופרידענהייט געליטען, און צוליב דעם גרונט פאַלען א סך אריין אין אפיקורסוס, זיי זעהען אזוי פיעל צרות אויף אידען פון די אומות העולם, און די וואָס פאַרשען אין חשמל אין עולם היצירה דורך דעם באגריף פון „מבשרי אחזה אלקי", קומען זיי צו קשיות וועגען טוב ורע, די פעלקער פון פארצייטענס האָבען טאַקע צוליב דעם גרונד געדינט פאַרשידענע אָבגעטער, און מאַנכע פון אידען זיינען אריינגעפאַלען אין ספקות חס ושלום, שתי רשויות. און די היינטיגע וועלט פון אפיקורסוס פאַלען מאנכע אריין אין מינות דאָס חלילה לית דין ולית דיין, דאָס חלילה אלעס איז בלויז נאַטור ווי עס פאַלט אויס, דאָס איז געווען דער טעות פון אחר, מיר וועלען דאָס ערקלערען, און דאָס איז וואָס ער זאָגט דאָס א פייער איז ארויס פון חשמל און פאַרברענט דאָס קינד וועלכעס איז נאָך ניט געווען שטאַנדהאַפט, און ארונטער פון גלייכען וועג. געהען מיר צוריק צו דער גמרא, „תנא", מיר האָבען געלערענט אין א ברייתא אַז אין צייט ווען הקב"ה רעדט, זיינען די חיות אש שטיל, דאָס מיינט ווען דער באַשעפער פיהרט פון עולם הבריאה למעלה מן הטבע דאמאָלסט זיינען די חיות גאַנץ שטיל דאָס הייסט ג־ט פיהרט אליין, די נאַטור האָט גאָרניט צו זאָגען, אָבער ווען הקב"ה רעדט ניט נאָר ער לאָזט איבער צו די עולמות דאמאָלסט רעדען די חיות, דאָס הייסט דאמאָלסט פאַנגט אָן די דעה און דער קול פון דרך הטבע וואָס איז זעהר ניט גוט פאַר אידען, אין

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד:28**

והחיות רצוא ושוב כמראה הבזק, מאי רצוא ושוב? אמר רב יהודה כאור היוצא מפי הכבשן, מאי כמראה הבזק? אמר ר' יוסי בר חנינא כאור היוצא מבין החרסים. ז) וארא והנה רוח סערה באה מן הצפון ענן גדול ואש מתלקחת ונוגה לו סביב ומתוכה כעין החשמל מתוך האש, להיכן אזל? ז) אמר רב יהודה אמר רב שהלך לכבוש את כל העולם כולו תחת נבוכדנצר הרשע, וכל כך למה? שלא יאמרו אומות העולם ביד אומה שפלה מסר הקב"ה את בניו, אמר הקב"ה מי גרם לי שאהיה שמש לעובדי פסילים, עוונותיהם של ישראל הן גרמו לי. ח) וארא החיות והנה אופן אחד בארץ אצל החיות, אמר ר' אלעזר מלאך אחד שהוא עומד בארץ וראשו מגיע אצל החיות, במתניתא תנא סנדלפון שמו הגבוה

---

א וועלט וואס רשעי עולם באהערשען איהר, „מאי רצוא ושוב?" וואס מיינט רצו ושוב, האט רב יהודא געזאגט, „כאור היוצא מפי הכבשן", אזוי ווי דער פייער וואס זעצט ארויס פון א קאלכאויוועז, וואס זעצט ארויס און אריין דורך די שפאלטען פון די ציגעל, „מאי כמראה הבזק?" וואס מיינט מראה הבזק? האט ר' יוסי געזאגט „כאור היוצא מבין החרסים", אזוי ווי דער פייער וואס זעצט ארויס און אריין פון אזא כלי וואו מען לויטערט גאלד, דער פייער זעצט ארויס אין פארשידענע קאלירען דורך שפאלטען, ווייל צו גאלד לייטערען מוז זיין א שטארקער פייער וועלכער בילדעט פארשידענע קאלירען, און שפרינגט באלד צוריק צו צייגען דאס דער עונש וועט ניט אימער דויערען, דען גאט וויל חסד. ז) דער פסוק ווי אויבען דערקלערט, „וארא", און איך האב געזעהן ווי א שטורם ווינד קומט פון צפון זייט, א גרויסער וואלקען און א פלאקערענד פייער, און ארום דעם א נוגה, און פון מיטען ארויס א געשטאלט וואס הייסט חשמל, פרעגט די גמרא, „להכין אזל?" ווי קומט ער צו זיין אין צפון וועלכער איז בבל און וואוהין איז ער אין גאנג? האט רב יודא געענטפערט פון רב'ס וועגען, „שהלך לכבוש את כל העולם כולו תחת נבוכדנצר", ער איז געגאנגען איינעמען די גאנצע וועלט אונטער נבוכנדצר הרשע, „וכל כך למה?" און צו וואס אזוי פיעל? עס איז דאך גענוג דאס אידען זיינען ביי איהם אין גלות? ענטפערט די גמרא, שלא יאמרו אומות העולם", די וועלט זאל ניט זאגען, „ביד אומה שפלה מסר הקב"ה את בניו", דאס אונטער א נידעריג פאלק האט ג-ט איבערגעגעבען זיינע קינדער, „מי גרם שאהיה שמש לעובדי פסילים?" ווער האט פעראורזאכט איך זאל דינען צו גליק צו די עובדי זרה? „עוונותיהם של ישראל הן גרמו לי", די זינד פון די אידען האבען גורם געווען דאס צו מיר. ה) „וארא", און איך האב געזעהן ווי איין אופן שטעהט אויף דער ערד נעבען די חיות, איז דאך די פראגע די אופנים זיינען דאך אן עולם נידעריגער ווי קומט דער אופן נעבען די חיות? אויף דעם זאגט ר' אלעזר „מלאך אחד שהוא עומד בארץ וראשו מגיע אצל החיות" עס איז דא איין מלאך וואס שטעהט אויף דער ערד, וואס ער גיט איבער די שבחים פון אידען צו השי"ת, און זיין קאפ גרייכט נעבען די חיות, „במתניתא תנא", אין א ברייתא האבען מיר געלערענט סנדלפון איז זיין נאמען, פון לשון סנדל, דען ער מוז שטעהן און האבען אן אחוזה אין עולם עשיה צו מקבל זיין די שבחות פון ישראל, „הגבוה מחברו מהלך חמש מאות שנה", ער איז העכער

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 28**

מחברו מהלך חמש מאות שנה, ועומד אחורי המרכבה וקושר כתרים לקונו, איני? והכתיב ברוך כבוד ה' ממקומו? מכלל דמקומו ליכא דידע ליה? דאמר שם אתגא ואזל ויתיב ברישיה. ט) אמר רבא כל שראה יחזקאל ראה ישעי', למה יחזקאל דומה לבן כפר שראה את המלך, ולמה ישעיה דומה לבן כרך שראה את המלך, אמר ריש לקיש מאי דכתיב (שמות ט"ו) אשירה לה' כי גאה גאה, שירה למי שמתגאה על הגאים, דאמר מר מלך שבחיות ארי מלך שבבהמות שור, מלך שבעופות נשר, ואדם מתגאה עליהן והקב"ה מתגאה על כולן ועל כל העולם כולו. י) כתיב אחד אומר ודמות פניהם פני אדם ופני אריה אל הימין לארבעתם ופני שור מהשמאל לארבעתן וגו' וכתיב (שם י') וארבעה פנים לאחד פני האחד פני הכרוב ופני השני פני אדם והשלישי פני אריה והרביעי

---

פון אן אנדער מלאך מיט פינף הונדערט יאָהר גאנג, דען פון דער ערד ביז'ן רקיע איז פינף הונדערט יאָהר גאנג און מיט דער צאָהל איז ער גרעסער, „ועומד אחורי המרכבה", ער שטעהט אונטער דער מרכבה, „וקושר כתרים לקונו", און ער קניפט צוזאמען די קרוינען פאַר דעם באשעפער, פון די שבחות און תפילות ישראל, פרעגט די גמרא, „איני"? עס איז דאָך ניט אזוי? „והכתיב ברוך כבוד ה' ממקומו?" דער פסוק זאָגט דאָך געלויבט איז ג-ט'ס כבוד פון זיין פּלאַץ, „מכלל", ווייזט דאָך אויס, „דמקומו ליכא דידע ליה?" אז ג-ט'ס פּלאַץ ווייס קיינער ניט? ענטפערט די גמרא, „דאמר שם אתגא", דער מלאך זאָגט א שם אויף דער קרוין, „ואזל ויתיב ברישיה", און די קרוין געהט אליין און זעצט זיך „ברישיה", און דאָס איז דער כתר אין דער תפילת מוסף „כתר יתנו מלאכים מעמך ישראל". ט) רבא האָט געזאָגט, „כל שראה יחזקאל ראה ישעיה", אלעס וואָס יחזקאל האָט געזעהן האָט געזעהן ישעי', דאָס הייסט כאָטש ישעי' רעדט נאָר פון עולם הבריאה, האָט ער אויך געזעהן אלע עולמות נידעריגער ווי יחזקאל, נאָר וואָס דען שטעלט יחזקאל פאָר, „למה יחזקאל דומה?" צו וואָס איז יחזקאל גלייך, „לבן כפר שראה את המלך", צו א דאָרפס־מאן וואָס זעהט דעם מלך אונטערוועגס, און דאָ איז די שכינה געווען אין גלות אונטערוועגס, האָט יחזקאל דאָס געמאָלען, „ולמה ישעיה דומה", און צו וואָס איז ישעיה גלייך, „לבן כרך", צו א שטאָטמאן וואָס זעהט דעם מלך אין דער־היים אין זיין פּאלאַץ, ווי אויבען ערקלערט. ריש לקיש האָט געזאָגט וואָס מיינט דער פסוק „גאה גאה" אין דאָבעלען לשון? „שירה למי שמתגאה על גאים" זינג צו ג-ט ווער עס איז א באהערשער איבער באהערשער, „דאמר מר", דען דער תנא האָט געזאָגט, מלך שבחיות", דער קעניג פון די חיות איז דער לייב, פון בהמות איז דער שור, פון די עופות איז דער נשר, „ואדם מתגאה עליהן", און דער מענש באהערשט זיי און הקב"ה באהערשט זיי אלעמען און די גאנצע וועלט, און דאָס בילד זעהט זיך אויך אין די מרכבה, די פיער פנים'ער. י) א פסוק אין יחזקאל „ופני שור מהשמאל", אז פון דער לינקער זייט איז געווען דער פנים פון שור, און א צווייטער פסוק זאָגט, „פני האחד פני הכרוב", אז דער פנים איז פני כרוב? „ואילו שור לא קא חשיב?" און א

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 28**

פני נשר, ואילו שור לא קא השיב ? אמר ריש לקיש יחזקאל ביקש עליו רחמים והפכו לכרוב, אמר לפניו רבש״ע קטיגור יעשה סניגר ? י״א) מאי כרוב אמר רבי אבהו כרביא שכן בבבל קורין לינוקא רביא, אמר ליה רב פפא לאביי אלא מעתה דכתיב פני האחד פני הכרוב ופני השני פני אדם והשלישי פני אריה והרביעי פני נשר, היינו פני כרוב היינו פני אדם ? אפי רברבי ואפי זוטרי, כתוב אחר אומר (ישעי׳ ו׳) שש כנפים שש כנפים לאחד, וכתוב אחד אומר וארבעה פנים לאחת וארבע כנפים לאחת מהם ? לא קשיא כאן בזמן שבית המקדש קיים, כאן בזמן שאין בית המקדש קיים כביכול שנתמעטו כנפי החיות. י״ב) הי מינייהו אימעוט אמר רב חננאל אמר רב אותן שאומרות שירה בהן כתיב הכא (ישעי׳ ו׳) ובשתים יעופף וקרא זה אל זה ואמר, וכתיב (משלי כ״ג)

---

פני שור רעכענט ער ניט ? האט ריש לקיש געזאגט, „יחזקאל ביקש רחמים והפכו לכרוב״, יחזקאל האט געבעטען רחמים און האט איהם איבער געאנ־דערשט אויף א כרוב, דען אין דער צורה פליהען זיי צו פיהרען על פי נס פאר רחמים, „אמר לפניו, רבש״ע קטגור נעשה סניגור ? ״ יחזקאל האט געזאגט אה האר פון דער וועלט, ווי קען א באשולדיגער ווערען א פארטיידיגער דען דאס עגל איז געווען פני שור און דער מדרש זאגט טאקע דאס זיי האבען אראפגענומען די צורה פון דארט וועלכע צייגט זיך אין צייט פון דרך הטבע אהן רחמים. י״א) וואס מיינט דערווארט כרוב ? האט ר׳ אבהו געזאגט, „כרביא״ שכן בבבל קורין לינוקא רביא״, דען אזוי רופט מען א אינגעל אין בבל, האט רב פפא געזאגט צו אביי, „אלא מעתה״, לויט דער מיינונג נאך, „דכתיב״, דער פסוק זאגט צווישען די פנים׳ער, פני כרוב און פני אדם, קומט דאך אויס, „היינו פני כרוב היינו פני אדם?״ אז עס איז דא צוויי גלייכע פנים׳ער ? ענטפערט די גמרא, „אפי רברבי ואפי זוטרי״, עס איז געווען א גרויס פנים און א קליין פנים, „כתוב אחד אומר״, איין פסוק זאגט זעקס פליגעל און איין פסוק זאגט פיער פליגעל ? זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא, „כאן בזמן שבית המקדש קיים״, ישעי׳ וואס שטעלט פאר די מלאכים צו זעקס פליגעל שמועסט אין צייט פון בית המקדש ווען ג־ט פיהרט למעלה מן הטבע על פי נס, די הנהגה פון עולם הבריאה דורך שרפים וואס האבען זעקס פליגעל, צוויי פליגעל דעקען צו זייער פנים צו צייגען דאס דעם נאכהעכערען עולם אצילות קענען זיי ניט זעהן און ניט באגרייפען, נאר פרעגען, „איה מקום כבודו״, וואו איז זיין מקום כבודו, און נאך צוויי פליגעל דעקען זיי צו זייערע פיס צו פארשטעלען זייער השפעה צו די חיות וועלכע האבען קיין השגה אין מהות פון כסא, און צוויי פליגעל צו פליהען אין שליחות פון באשעפער, „כאן בזמן שאין בית המקדש קיים״, יחזקאל וואס שטעלט פאר בלויז פיער פליגעל שמועסט אין צייט פון חורבן ווען אידען זיינען ניט גוט און כביכול איז געצוואונגען צו פיהרען בדרך הטבע דורך עולם החיות וואס האבען נאר פיער פליגעל, „שנתמעטו כנפי החיות״, מיינט די כנפי החיות זיינען וויינינגער ווי די כנפי השרפים. י״ב) די גמרא פרעגט „הי מינייהו אימעוט ? ״ וועלכע פליגעל זיינען דאס וויינינגער ביי די חיות וואו ביי די שרפים זיינען זיי יא געווען ? האט רב חננאל געזאגט פון רב׳ס וועגען, „אותו שאומרות שירה בהן״, דאס זיינען די פליגעל וואס די שרפים האבען געזאגט מיט

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 28**

התעיף עיניך בו ואיננו, ורבנן אמרי אותן שמכסות בהן רגליהם שנאמר ורגליהם רגל ישרה ואי לאו דאימעוט מנא הוה ידע, דלמא דאיגלאי וחזיא ליה דאי לא תימא הכי ודמות פניהם פני אדם הכי נמי דאימעוט אלא דאיגלאי והזיא ליה הכא נמי דאיגלאי והזי ליה ? הכי השתא בשלמא אפיה אורח ארעא לגלויי קמיה רביה, כרעיה לאו אורח ארעא לגלויי קמיה רביה. י"ג) כתוב אחד אומר (דניאל ז') אלף אלפין ישמשוניה ורבו רבבן קדמוהו יקומון, וכתוב אחד אומר (איוב כ"ה) היש מספר לגדודיו ? לא קשיא כאן בזמן שבית המקדש קיים, כאן בזמן שאין בית

---

זיי שירה, „כתיב הכא ובשתים יעופף", עס שטעהט ביי די שרפים דאס מיט צוויי טהוט ער פליהען פאר שירה, „וכתיב התעיף עיניך בו ואיננו", עס איז א רמז דאס אויף די פליגעל צום פליהען האסטו אה ג־ט געטאן דיינע אויגען און איז צונישט געווארען, „ורבנן אמרי אותן שמכסות בהן רגליהם", די רבנן זאגען דאס זיינען די פליגעל וואס די שרפים האבען געדעקט זייערע פיס, אט די פליגעל האבען געפעהלט ביי די חיות, „שנאמר ורגליהם רגל ישרה", ווי דער פסוק זאגט דאס זייערע פיס זיינען גלייך פון איין שטיק נים קיין גלידער, „ואי לאו דאימעוט מנא הוה ידע", און ווען דארט וואלט נים געפעהלט די פליגעל, פון וואנען וואלט ער געוואוסט ווי די פיס זעהען אויס, פרעגט די גמרא, „דילמא דאיגלאי וחזיא", פיליכט האט ער געזעהן דורך אופדעקונג, „דאי לא תימא הכי", אויב דו ווערסט אזוי נים זאגען ? עס איז אין פסוק, „ודמות פניהם פני אדם, הכי נמי דאמעוט ? " ווערסטו אויך זאגען דאס די פליגעל וואס האבען צו־געדעקט דעם גוף מיט'ן פנים, האבען געפעהלט ? ווען נים וואלט ער דעם פנים נים געזעהן ? קענסט דאך אזוי נים זאגען, דען זא ווי זא האבען זיי דאך פיער פליגעל געהאט, אלא, נאר מוסטו זאגען, „דאיגלאי וחזיא", דאס דורכ'ן אויפדעקען האט ער געזעהן, „הכא נמי" אזוי אויך ביי די פיס, ווענדט די גמרא אב, „הכי השתא ? " וואס פאר א פארגלייכונג איז דאס ? „בשלמא אפיה", אנדערש דער פנים, „אורח ארעא לגלויי קמיה רביה", איז דער שטיינער צו ענטפלעקען פאר'ן בעל הבית, אבער, „כרעיה", די פיס איז נים דער שטיינער צו ענטפלעקען, דאריבער נים דער שכל מיט, דאס די פלינעל צו דעקען די פיס וואס די שרפים האבען געהאט, האבען נעפעהלט ביי די חיות. י"ג) איין פסוק זאגט דאס טויזענד און טויזענדער באדינען איהם, און צעהן טויזענד און צעהנער טויזענדער שטעהען פאר איהם, און איין פסוק זאגט „היש מספר לגדודיו", איז דען דא א צאהל צו זיינע מחנות ? ענטפערט די גמרא, „לא קשיא" עס איז נים קיין פראגע, „כאן בזמן שבית המקדש קיים", דא וואו עס זאגט זיך, עס איז קיין צאהל, שמועסט ווען דער בית המקדש שטעהט און אידען זיינען גוט, פיהרט ג־ט דורך עולם הכסא וועלכער הייסט אויך עולם הבריאה וואו אלעס געהט אין וועג פון נס און פלא, דארט איז אין מספר לגדודיו, „כאן", דא וואס זאגט זיך ווענען א צאהל משמשים, שמועסט נאכ'ן חורבן הבית ווען עס איז געפיהרט דורך עולם היצירה דארט איז אלעס מיט א צאהל, דאס איז וואס ער זאגט דא, כביכול **איז געצוואונגען דורך די מעשים פון אידען צו פיהרען**

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 28**

**המקדש קיים כביכול שנתמעטה פמליא של מעלה, תניא רבי אומר משום אבא יוסי בן דוסאי אלף אלפין ישמשוניה מספר גדוד אחד, ולגדודיו אין מספר, ור׳ ירמי׳ בר אבא אמר אלף אלפין ישמשוניה לנהר דינור שנאמר (דניאל ז׳) נהר דינור נגד ונפק מן קדמוהי אלף אלפין ישמשוניה ורבו רבבן קדמוהו יקומון, מהיכן נפיק? מזיעתן של חיות. י״ד) ולהיכן שפיך אמר רב זוטרא בר טוביא אמר רב על ראש רשעים בגיהנם שנאמר (ירמיה כ״ג) הנה סערת ה׳ חמה יצאה וסער מתחולל על ראש רשעים יחול, ורב אהא בר יעקב אמר על אשר קומטו שנאמר (איוב כ״ב) אשר קומטו ולא עת נהר יוצק יסודם, תניא אמר רבי שמעון החסיד אלו תשע**

---

דורך אזא עולם וואס פיהרט אלעס דרך הטבע וועלכע איז מיט א צאהל, נאך פון ששת ימי בראשית, מיר האבען געלערענט רבי זאגט פון אבא יוסי וועגען דאס וואס שטעהט מיט א מספר, מיינט עס, „גדוד אחד״, איין גדוד, „ולגדודיו״, אבער גדודים איז אהן א צאהל. ר׳ ירמי׳ בר אבא זאגט דאס וואס שטעהט, „אלף אלפין ישמשוניה״, מיט א צאהל מיינט עס די וואס באדינען דעם נהר דינור, ווי דער פסוק זאגט „נהר דינור נגד ונפוק מן קדמוהי״, דער טייך דינור ציהט און געהט ארויס, „מן קדמוהו״, פון פאר דעם כסא און טויזענד און טויזענדער באדינען דעם נהר דינור, „מהיכן נפיק?״ פון וואנען געהט ער ארויס? פון דעם שוויס פון די חיות. י״ד) „ולהיכן שפיך״, און וואוהין ווערט דער נהר דינור אויסגעגאסען? האט רב זוטרא בר טוביא געזאגט פון רב׳ס וועגען „על ראש רשעים״, אויף די קעפ פון רשעים אין גיהנום, „שנאמר״ ווי דער פסוק זאגט א רמז, אז דער שטורם ווינד פון ג־ט, פון צארען איז ארויסגעגאנגען, און דער שטורם רינגסאום פאלט אויף די קעפ פון רשעים, רב אחא בר יעקב זאגט, „על אשר קומטו״, אויף די וואס זיינען פרשניטען געווארען אין מבול, „שנאמר״, ווי דער פסוק זאגט, „אשר קומטו״, די וואס זיינען פארשניטען געווארען, „ולא עת?״ און זיי האבען געלייקענט עס אלס עונש, זאגענדיג, איז דען די צייט ניט פון פארשוועמונג? „נהר יוצק יסודם״, דאס וואסער איז דאך אזוי אין יסוד פון בראשית. „תניא״, מיר האבען געלערנט ר׳ שמעון החסיד האט געזאגט, „אלו״, דאס זיינען די ניין הונדערט און פיער און זיבעציג דורות, „שקומטו להיבראות קודם שנברא העולם״, די דורות זיינען נאך באשטימט געווארען פאר בריאת עולם זיי זאלען באשאפען ווערען, דורכ׳ן ארויסקומען פון דור המבול, „ולא נבראו״, נאר זיי זיינען ניט באשאפען געווארען און זיינען ניט געקומען אויף דער וועלט ווייל דער דור המבול איז דערטרונקען געווארען, „עמד הקב״ה ושתלו בכל דור ודור״, איז אויפגעשטאנען ג־ט און האט זיי געפלאנצט ביסלעכוויים אין יעדען דור, „והן הן עזי פנים שבדור״, און די די זיינען דאס די פרעכע פון דור, און דער פשט, „אשר קומטו״, וואס זיינען געווען אנגעברייט צו קומען פון דור המבול, „ולא עת״, אבער אין די צייט ניט, „נהר יוצק יסודם״, ווייל אין וואסער וואס הייסט נהר יוצק, ער איז אויסגעגאסען און פארמירט פון ימי בראשית, „יסודם״, איז זייער יסוד, דער דור המבול וואס פון איהם האבען געזאלט ארויסקומען אט די דורות, זיינען דער־

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 29**

מאות ושבעים וארבע דורות שקומטו להיבראות (**דף י״ד ע״א**) קודם שנברא העולם ולא נבראו עמד הקב״ה ושתלן בכל דור ודור, והן הן עזי פנים שבדור, ור׳ נחמן בר יצחק אמר אשר קומטו לברכה הוא דכתיב אלו תלמידי חכמים שמקמטין עצמן על דברי תורה בעולם הזה, הקב״ה מגלה להם סוד לעולם הבא שנאמר נהר יוצק יסודם.

א) **אמר** ליה שמואל לחייא בר רב בר אריא, תא אימא לך מילתא מהני מילי מעליותא דהוה אמר אביך, כל יומא ויומא נבראין מלאכי השרת מנהר דינור ואמרי שירה ובטלי שנאמר (איכה ג׳) חדשים לבקרים רבה אמונתך, ופליגא דר׳ שמואל בר נחמני דאמר ר׳ שמואל בר נחמני אמר ר׳ יונתן כל דיבור ודיבור שיוצא מפי הקב״ה נברא ממנו מלאך אחד שנאמר בדבר ה׳ שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם. ב) כתוב אחר אומר (דניאל ז׳) לבושיה כתלג חיור ושער ראשיה כעמר נקא, וכתיב קוצותיו תלתלים שחורות כעורב? לא קשיא כאן בישיבה כאן

---

טרונקען געווארען. רב נחמן בר יצחק לערענט „אשר קומטו", צום גוטען, אלס א ברכה איז עס געשריבען, „אלו", די זיינען די תלמידי חכמים, „שמקמטין עצמן", זיי פלאגען זיך פאר דברי תורה אויף דער וועלט, און הקב״ה איז זיי מגלה סוד אויף עולם הבא ווי דער פסוק זאגט, „נהר יוצק", די תורה וואס איז געגליכען צו וואסער, איז, „יסודם", זייער יסוד, זיי פארשטעהען דעם גרונד פון דער תורה, „נהר דינור", מיינט מלאכים וואס ציהען פייער אלס אן עונש פאר די עוברי רצונו של מקום, וואס זייער שורש צום שלעכטען נעמט זיך פון חיות פון הארץ וואס נויגט אוועק, און ווי אויבען געלערענט איז דער אבבילד, דער עולם החיות, דער נהר דינור וואס ציהט פון זייער שוויים, וואס די מענשען זיינען גורם, פאלט אויף זייערע קעפ, דאס הייסט דער חטא אליין ברייגנט דעם עונש.

א) **שמואל** האט געזאגט צו חייא בר רב בר אריא, „תא אימא לך מלתא מהני מילי מעליותא", קום וועל איך דיר זאגען א זאך, פון די גוטע זאכען, „דהוה אמר אביך", וואס דיין פאטער פלעגט זאגען, „כל יומא ויומא", יעדען טאג ווערען באשאפען מלאכי השרת פון דעם נהר דינור, (דען פון יעדע טהאט ווערט באשאפען א מלאך, און אויב א מענש טהוט א שלעכטע טהאט און האט חרטה דאס הייסט ער איז מודה און זאגט שירה צום באשאפער ווערט דער חטא בטל) „ואמרי שירה ובטלי", די מלאכים זאגען שירה און ווערען בטל, ווי דער פסוק זאגט, „חדשים לבקרים", נייע יעדען אין דער פריה, „ופליגא דרי שמואל בר נחמני", און ער קריגט מיט ר׳ שמואל בר נחמני וואס זאגט פון ר׳ יונתן וועגען, דאס נאר פון ג־ט פון זיין יעדען דיבור ווערען באשאפען מלאכים, ווי דער פסוק זאגט „בדבר ה׳ שמים נעשו", מיט ג־ט׳ס ווארט איז באשאפען געווארען דער הימעל, „וברוח פיו כל צבאם", און מיט זיין רוח פה אלע מלאכים. ב) „כתוב אחד", איין פסוק זאגט זיינע קליידער זיינען ווייס ווי שנעע און זיינע האר ווייס ווי ריינע וואל, און נאך א פסוק, „קוצותיו תלתלים", זיינע הויכע האר זיינען שווארץ ווי א ראב? ענטפערט

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 29**

במלחמה דאמר מר אין לך נאה בישיבה אלא זקן ואין לך נאה במלחמה אלא בחור, כתוב אחד אומר כרסיה שביבין דינור וכתוב אחד אומר עד די כרסון רמיו ועתיק יומין יתיב: לא קשיא אחד לו ואחד לדוד, כדתניא אחד לו ואחד לדוד, דברי ר׳ עקיבא, אמר לו ר׳ יוסי הגלילי, עקיבא עד מתי אתה עושה שכינה חול אלא אחד לדין ואחד לצדקה קיבלה מיניה או לא קיבלה מיניה, תא שמע אחד לדין ואחד לצדקה דברי ר׳ עקיבא אמר לו ר״א בן עזריא עקיבא מה לך אצל הגדה כלך מדברותיך אצל נגעים ואהלות אלא אחד לכסא ואחד לשרפרף כסא לישב עליו שרפרף להדום רגליו שנאמר השמים כסאי והארץ הדום רגלי. ג) כי אתי רב דימי אמר שמונה עשרה קללות קילל ישעי׳ את ישראל ולא נתקררה דעתו עד שאמר להם המקרא הזה, (שם ג׳) ירהבו הנער בזקן והנקלה

---

די גמרא „לא קשיא, כאן בישיבה", דער פסוק וואס שטעלט פאר כביכול מיט ווייסע האר, שמועסט ביי א געזעס וואו ער האנדעלט אין הלכה, „כאן במלחמה", און דער פסוק וואס שטעלט פאר שווארצע האר שמועסט ביי א מלחמה, „דאמר מר", דען דער תנא האט געזאגט, „אין לך נאה בישיבה אלא זקן", עס איז ניט דא קיין שעהנערס אין א ישיבה ווי א זקן, „ואין לך נאה במלחמה אלא בחור", און עס איז אויך קיין שעהנערס אין א מלחמה ווי א יונגער מאן. פרעגט ווייטער די גמרא, איין פסוק זאגט, „כרסיה שביבין די נור", פון זיין שטוהל בליצען פייער, און איין פסוק זאגט, „עד די כרסון רמון ועתיק יומין יתיב", ביז די שטוהלען ווערען געהויבען, און ג־ט וואס איז איבער צייט, זיצט? די פראגע איז דא דאס איין פסוק רעדט פון איין שטוהל און א צווייטער רעדט פון מעהר שטוהלען, ענטפערט די גמרא „לא קשיא, אחד לו ואחד לדוד", איין שטוהל פאר הקב״ה און איין פאר דוד, און דארט רעדט זיך פון משיח בן דוד, אזוי האלט ר׳ עקיבא. האט ר׳ יוסי געזאגט צו ר׳ עקיבא, „עקיבא עד מתי אתה עושה שכינה חול", ביז ווי לאנג נאך, וועסטו פארשטעלען אזוי די שכינה? „אלא אחד לדין ואחד לצדקה", נאר איינשטוהל איז לדין, און איין, אויף צדקה, פרעגט די גמרא „קיבלה מיניה או לא?" האט ר׳ עקיבא אנגענומען אדער ניט? „תא שמע", איך וועל דיר ענטפערען קום און הער, „אחד לדין ואחד לצדקה דברי ר׳ עקיבא, אמר לו ר״א בן עזריא", האט צו איהם געזאגט ר״א בן עזריא, „עקיבא מה לך אצל הגדה", ווי קומסטו צו הגדה, „כלך מדברותיך", פארנעם דיין ריידען, „אצל נגעים ואהלות", אין הלכות טומאה און טהרה, „אלא נור, אחד לכסא ואחד לשרפרף", א שטוהל און א פוסבענקעל, ווי דער פסוק זאגט „השמים כסאי והארץ הדום רגלי", און דאס איז די מרכבה וואס די נביאים האבען געזעהן. ג) ווי רב דימי איז געקומען האט ער געזאגט, דאס אכצעהן קללות האט ישעי׳ הנביא געשאלטען די אידען, „ולא נתקררה דעתו", און ער האט זיך ניט געקיהלט „עד שאמר", ביז ער האט געזאגט די קללה פון דעם פסוק, „ירהבו הנער", דער יונגער וועט זיך גרויסהאלטען געגען דעם אלטען, „והנקלה בנכבד", און דער פארשעמטער געגען דעם געעהרטען. „שמונה עשרה קללות מאי נינהו?" וועלכע זיינען דא די אכצעהן קללות? „דכתיב"

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 29**

בנכבד, שמונה עשרה קללות מאי נינהו? דכתיב כי הנה האדון ה' צבאות מסיר מירושלים ומיהודה משען ומשענה כל משען לחם וכל משען מים גבור ואיש מלחמה שופט ונביא וקוסם וזקן שר חמישים ונשוא פנים ויועץ וחכם חרשים ונבון לחש, ונתתי נערים שריהם ותעלילים ימשלו בם וגו', משען אלו בעלי מקרא משענה אלו בעל משנה כגון ר' יהודה בן תימא וחבריו, פליגי בה רב פפא ורבנן חד אמר שש מאות סדרי משנה וחד אמר שבע מאות סדרי משנה, כל משען לחם אלו בעלי תלמוד שנאמר (משלי ט') לכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי, וכל משען מים אלו בעלי אגדה שמושכין לבו של אדם כמים באגדה, גבור זה בעל שמועות, ואיש מלחמה, זה שיודע לישא וליתן במלחמתה של תורה, שופט זה דיין שדן דין אמת לאמיתו, נביא כמשמעו, קוסם זה מלך שנאמר (שם ט"ז) קסם על שפתי מלך, זקן זה שראוי לישיבה, שר חמשים אל תקרי שר חמשים אלא שר חומשין, זה שיודע לישא וליתן

---

ווי דער פסוק רעכענט אויס, „כי הנה האדון ה' צבאות", דען ג־ט דער האר, וועט אַבטהאָן פון ירושלים און פון יהודה דעם אונטערלעהנער און די אונטער־לעהנערין, יעדען ברויט אונטערלעהנער און וואסער אונטערלעהנער, דעם גבור און איש מלחמה, דעם ריכטער און נביא, און דעם קוסם און זקן, שר חמשים, און דעם רעספעקטפולען מענשען און יועץ, און חכם חרשים, און נבון לחש, „ונתתי נערים שריהם", און איך וועל זיי געבען די יונגען פאר עלטסטע, „ותעלולים ימשלו בם", און תעלולים וועלען געוועלטיגען איבער זיי, „וגומר" און ווי דאָס איבעריגע פון פסוק איז, און איצט איז ער מפרש, משען איז מרמז אויך אויף די בעלי מקרא, וואָס האָבען געלערענט גוט פסוק, משענה מיינט אויך די בעלי משנה, וואָס זי לערנט אונטער די אידען, „כגון", אזא אַרט ווי ר' יהודה בין תימא און זיינע חברים, „פליגי בה", עס קריגט אין דעם רב פפא און די רבנן, איינער האַלט דאָס ביי זיי איז געווען זעקס הונדערט סדרי משנה, און איינער זאָגט זיבען הונדערט סדרי משנה, „כל משען לחם", מיינט די בעלי גמרא ווי דער פסוק זאָגט, „לכו לחמו בלחמי", געהט עסט מיין ברויט, „ושתו ביין מסכתי", און טרינקט וויין וואָס איך האָב געשטעלט, דאָס איז א מליצה אויף חכמה, און דאָס איז גמרא, און משען מים מיינט די בעלי אגדה איינטייטשונגען אויסער הלכה, „שמושכין לבו", עס ציהט דאָס הארץ פון מענש אין אגדה ווי געהענדיגע וואסער, „גבור זה בעל שמועות", דער וואָס געדענקט אלע הלכות וואָס ער האָט געהערט פון זיינע רבי'ס, „איש מלחמה", דער וואָס ווייסט ווי צו אַרגומענטירען אין מלחמה פון תורה, שופט מיינט א דיין וואָס פסק'ענט אמת דעם דין, נביא איז איינפאַך די מיינונג, קוסם מיינט א מלך, ווי דער פסוק זאָגט „קסם על שפתי מלך", אויף די ליפּען פון מלך איז ווי א כישוף וואָס ווייסט אַלצדינג, דעריבער ווערט ער גערופען קוסם, „זקן זה שראוי לישיבה", זקן הייסט א תלמיד חכם וואָס איז ווירדיג צו פיהרען א ישיבה און ענטפערען אַלע פראגעס און לערנען, שר חמשים, מיינט דער וואָס קען האנדלען אין חמשה חומשי תורה, „אל תקרי שר חמשים

בהמשה חומשי תורה, דבר אחר שר המשים כדר' אבהו דאמר רבי אבהו מכאן אין מעמידין מתורגמן על הצבור פחות מחמשים שנה, ונשוא פנים זה שנושאין פנים לדורו בעבורו, למעלה כגון רבי חנינא בן דוסא, למטה כגון ר' אבהו בי קסר, יועץ שיודע לעבר שנים ולקבוע חדשים, וחכם זה תלמיד המחכים את רבותיו, חרשים בשעה שפותח בדברי תורה הכל נעשין כחרשין, ונבון זה המבין דבר מתוך דבר, לחש, זה שראוי למסור לו דברי תורה שניתנה בלחש. ד) ונתתי נערים שריהם, מאי ונתתי נערים שריהם? אמר ר' אלעזר אלו בני אדם שמנוערין מן המצות, ותעלילים ימשלו בם אמר רב (פפא) בר יעקב תעלי בני תעלי, ולא נתקררה דעתו עד שאמר להם ירהבו הנער בזקן (והנקלה בנכבד) אלו

---

אלא שר חומשין", דו קענסט ניט לייענען חמשים, דען וואס עפעס פופציג, נאר לייען חומשין, די תורה, וואס איז איינגעטיילט אין פינף, עס איז א רמז געווען דאס די תורה איז איינגעטיילט אין אן ערך פופציג סדרות, „דבר אחר", נאך א מיינונג ווי ר' אבוה זאגט, „מכאן שאין מעמידין מתורגמן", פון דעם פסוק איז געדרונגען דאס מען שטעלט ניט א בעשיידער פון דער תורה פאר'ן ציבור ווייניגער פון פופציג יאהר אלט, „ונשוא פנים, זה שנושאין פנים לדורו בעבורו", א נשוא פנים מיינט דעם וואס מען רעספעקטירט און מען איז מוחל זיין דור צוליב איהם, „למעלה", מען איז נושא פנים אויבען צוליב אזא מענש ווי ר' חנינא בן דוסא, „למטה", און אונטען, „כגון", ווי א שטייגער ר' אבוה וואס איז געווען אנגענומען ביים קיסר פון רוים, „יועץ, שיודע לעבר שנים ולקבוע חדשים", א יועץ מיינט צו קענען אויסשטעלען די צייטרעכענונג לויט דעם אידישען דין, „וחכם", מיינט אזא תלמיד וואס מאכט קלוג זיינע רביים, „חרשים", מיינט דאמאלסט ווען ער פאנגט אן שמועסען אין לערנען ווערען אלע ווי שטום, „ונבון", מיינט דער וואס פארשטעהט איין זאך פון דער אנ־דערער, „לחש", מיינט דעם וואס איז ווירדיג מען זאל אים איבערגעבען סודות התורה ווי מעשה מרכבה, „שניתנה בלחש", וואס איז איבערגעגעבען געווארען אין דער שטיל. ד) וואס מיינט „ונתתי נערים?" האט ר' אלעזר געזאגט, „אלו בני אדם שמנוערין מן המצות", די זיינען די מענשען וואס זיינען אויס־געלעהרט פון מצות, „ותעלולים", זאגט רב פפא בר יעקב, „תעלי בני תעלי", פיקסען וואס זיינען נאך קליינע פיקסלעך, דאס איז א משל דאס קליינע מענ־שעלעך ווילען געוועלטיגען איבער זיי. „ולא נתקררה דעתו עד שאמר להם ירהבו הנער בזקן", ישעי' הנביא האט זיך ניט געקיהלט ביז ער האט זיי (ניט) דערזאגט דאס די לעערע ווילען זיך גרויסען איבער די חכמים וואס זיינען פול מיט מצות, איז דא א ווארט פון הייליגען רבי חיים פון סאנץ, דאס ביי די ערשטע קללות האט זיך ישעי' הנביא שטארק דערשראקען דאס חלילה די תורה וועט בטל ווערען צווישען אידען, ווי ער האט דערהערט די קללה דאס די נערים ווילען זיך גרויסען געגען די תלמידי חכמים, ווילען דאך שוין תלמידי חכמים יא זיין, איז ישעי' הנביא געווארען בארוהיגט, „נקלה בנכבד", מיינט, אז עס וועט קומען דער, וואס שווערע זאכען פון דער תורה איז ביי איהם ווי

בני אדם שמנוערין מן המצות, ירהבו במי שממולא במצות כרמון והנקלה בנכבד, יבא מי שחמורות דומות עליו כקלות וירהבו במי שקלות דומות עליו כחמורות. ה) אמר רב קטינא אפילו בשעת כשלונה של ירושלים, לא פסקו מהם בעלי אמנה שנאמר כי יתפש איש באחיו בית אביו (לאמר) שמלה לך קצין תהיה לנו, דברים שבני אדם מתכסין כשמלה ישנן תחת ידך, והמכשלה הזאת, מאי והמכשלה הזאת, דברים שאין בני אדם עומדין עליהן אלא אם כן נכשל בהן ישנן תחת ידך, ישא ביום ההוא לאמר לא אהיה חובש ובביתי אין לחם ואין שמלה לא תשימוני קצין עם, ישא, אין ישא אלא לשון שבועה שנאמר (שמות כ') לא תשא את שם ה' אלקיך, לא אהיה הובש לא הייתי מחובשי בית המדרש, ובביתי אין לחם ואין שמלה, שאין בידי לא מקרא ולא משנה ולא גמרא, ודלמא שאני התם דאי אמר להו גמירנא, אמרי ליה אימא לן, הוה ליה למימר גמר ושכח, מאי לא אהיה חובש

---

גרינגע, און ער וועט זיך גרויסען געגען דעם וואס גרינגע זאכען פון דער תורה איז ביי איהם וויכטיג ווי די שווערע. ה) רב קטינא האט געזאגט, „אפילו בשעת כשלונה", זאגאר ווען ירושלים איז שוין געוועז אין איהר שטרויכלונג, „לא פסקו מהם בעלי אמנה", האבען ניט אויפגעהערט צו זיין אין איהר באגלויבטע מענשען, ווי דער פסוק זאגט, „כי יתפש", ווען איינער וועט אנכאפען זיין ברו־דער אין די פאמיליע זאגענדיג צו איהם, דו האסט א קלייד זאלסטו זיין א עלטסטער איבער אונז, טייטשט די גמרא, „דברים שבני אדם מתכסין כשמלה", דאס לערנען וואס א מענש באזיצט באקליידט איהם ווי א שמלה, „ישנו תחת ידך", און דאס איז דאך אין דיין האנד, דו קענסט דאך לערנען, און והמכשלה מיינט, „דברים שאין בני אדם עומדין עליהן אלא אם כן נכשל בהן", דאס לערנען איז פון די זאכען וואס א מענש פאסט ניט אויף ביז ער ווערט גע־שטרויכעלט דערין, דאס מיינט ווען מען פרעגט איהם א שאלה און ער געדענקט ניט, ערגערט עס איהם, ביז ער פאסט אויף פאר א צווייטען מאהל צו געדענקען, „ישנן תחת ידך", און דאס איז דאך אין דיין האנד, קענסטו דאך זיין דער פיהרער איבער אונז און פסק'ענען אלע שאלות התורה? דאמאלסט, „ישא ביום ההוא לאמור לא אהיה חובש", ישא מיינט ניט אנדערש נאר שווערען, ווי דער פסוק זאגט לא תשא, „לא אהיה חובש", מיינט, איך וועל שוין ניט זיין פון די איינגעצוימטע אין בית המדרש, ווייל איך בין דאס קיינמאהל ניט געוועזן, „ובביתי אין לחם ואין שמלה", מיינט, „שאין בידי", דאס איך באזיץ ניט, ניט קיין מקרא, ניט קיין משנה און ניט קיין גמרא, זעהסטו דאך דאס אין ירושלים זיינען געוועזן „בעלי אמנה", פרעגט די גמרא, „ודלמא שאני התם", דאי אמר להו, גמירנא", פיליכט איז דארטען אנדערש, לעולם זאג איך דאס אין ירושלים איז ניט געוועזן קיין באגלויבטע מענשען, נאר וואס דען, אויב ער וועט זיי זאגען א ליגען דאס איך האב געלערנט, „אמרי ליה", וועלען זיי צו איהם זאגען, „אימא לן", אויב דו קענסט זא זאג אונז? ענטפערט די גמרא, „הוה ליה למימר גמר ושכח", ער האט נאך געהאט א תירוץ איך האב טאקע

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 30**

כלל, איני? האמר רבא לא חרבה ירושלים עד שפסקו ממנה בעלי אמנה שנאמר (ירמי' ה') שוטטו בחוצות ירושלים וראו נא ודעו ובקשו ברחובותיה אם תמצאו איש אם יש עושה משפט מבקש אמונה ואסלח לה? לא קשיא (דף י"ד ע"ב) הא בדברי תורה, הא במשא ומתן, בדברי תורה הוו במשא ומתן לא הוו. ו) תנו רבנן מעשה ברבן יוחנן בן זכאי שהיה רוכב על החמור, והיה מהלך בדרך ור' אלעזר בן ערך מחמר אחריו אמר לו רבי שנה לי פרק אחד במעשה מרכבה, אמר לו, לא כך שניתי לכם ולא במרכבה ביחיד אלא אם כן היה חכם מבין מדעתו, אמר לו רבי תרשיני לומר לפניך דבר אחד שלמדתני, אמר לו אמור, מיד ירד ר' יוחנן בן זכאי מעל החמור ונתעטף וישב על האבן תחת הזית, אמר לו רבי, מפני מה ירדת מעל החמור? אמר, אפשר אתה דורש במעשה מרכבה ושכינה עמנו ומלאכי השרת מלוין אותנו, ואני

---

געלערנט נאר איך האב פארגעסען, און ווען ער ענטפערט „לא אהיה חובש כלל", איך האב גארניט געלערנט, איז א סימן דאס זיי זיינען געווען בעלי אמנה, פרעגט די גמרא, „איני?" עס איז דאך ניט אזוי? „והאמר", רבא האט דאך געזאגט, „לא חרבה ירושלים עד שפסקו ממנה בעלי אמנה", ירושלים איז ניט חרב געווארען ביז עס האבען אויפגעהערט צו זיין דארט בעלי אמנה, „שנאמר", ווי דער פסוק זאגט, שוטטו בחוצות", שוועבט ארום אין די גאסען פון ירושלים און זעהט נאך און ווערט ערקונדיגט, און זוכט נאך אין איהרע שטראסען, „אם תמצאו איש אם יש עושה משפט", אויב איהר וועט געפינען א מאן וועלכער אויב ער איז דא וואס ער טהוט גערעכטיגקייט, „מבקש אמונה", וועלכער זוכט באגלויבטקייט, ואסלח לה", דאמאלסט וועל איך איהר פאר־געבען, זעהסטו דאך אז עס איז ניט געווען קיין בעלי אמנה? „לא קשיא", עס איז ניט קיין פראגע, „הא בדברי תורה", דא וואו עס זאגט זיך, עס איז יא געווען בעלי אמנה שמועסט ביי תורה זאכען, „הא במשא ומתן", ביי האנדעל איז ניט געווען קיין באגלויבטקייט. ו) די רבנן האבען געלערנט, עס האט פא־סירט רבן יוחנן בן זכאי האט גערייטען אויף א חמור אונטערוועגענס, און ר' אלעזר בן ערך האט גערייטען נאך איהם, „אמר לו רבי שנה לי פרק אחד", האט ער צו איהם געזאגט רבי לערען מיט מיר א פרק אין מעשה מרכבה, האט ער איהם געענטפערט, „לא כך שניתי לכם?" האב איך דען אזוי ניט געלערענט מיט אייך, „ולא במרכבה ביחיד אלא אם כן חכם מבין מדעתו", אז אין מרכבה לערענט מען ניט אפילו מיט א יחיד סיידען ער איז א חכם און פארשטעהט אליין, האט איהם ר"א בן ערך געענטפערט, „רבי תרשיני לומר לפניך דבר אחד שלמדתני", רבי ערלויבט מיר צו זאגען פאר דיר א זאך וואס דו האסט מיט מיר געלערענט, „אמר לו אמור", האט ער איהם געזאגט זאג, „מיד ירד", באלד איז ר' יוחנן בן זכאי ארונטער פון עזעל, „ונתעטף וישב על האבן תחת הזית", און ער האט זיך איינגעהיעלט און געזעצט אויף א שטיין אונטער'ן זית, „אמר לו", האט ער איהם געזאגט, „רבי מפני מה ירדת", רבי ווארום ביסטו ארונטער פון חמור? „אמר אפשר אתה דורש במרכבה", האט ער איהם געענטפערט,

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 30**

ארכב על החמור? מיד פתח ר' אלעזר בן ערך במעשה המרכבה ודרש, וירדה אש מן השמים וסיבבה כל האילנות שבשדה, פתחו כולן ואמרו שירה. ז) מה שירה אמרו הללו את ה' מן הארץ תנינים וכל תהומות עץ פרי וכל ארזים הללויה, נענה מלאך מן האש ואמר הן הן מעשה המרכבה, עמד ר' יוחנן בן זכאי ונשקו על ראשו ואמר ברוך ה' אלקי ישראל שנתן בן לאברהם אבינו שיודע להבין ולהקור ולדרוש במעשה מרכבה, יש נאה דורש ואין נאה מקיים, נאה מקיים ואין נאה דורש, אתה נאה דורש ונאה מקיים, אשריך אברהם אבינו שאלעזר בן ערך יצא מחלציך וכשנאמרו הדברים לפני ר' יושיע, היה הוא ור' יוסי הכהן מהלכים בדרך אמרו אף אנו נדרוש במעשה מרכבה, פתח ר' יושיע ודרש, ואותו היום תקופת תמוז היה, נתקשרו שמים בעבים, ונראה כמין קשת בענן והיו מלאכי השרת מתקבצין ובאין לשמוע כבני אדם שמתקבצין ובאין

---

איז דאס ריכטיג? דו וועסט דרש'ענען מעשה מרכבה און די שכינה איז מיט אונז און „מלאכים מלוין אותנו", מלאכים באגלייטען אונז און איך וועל רייטען אויף דעם חמור? „מיד פתח", באלד האט אנגעפאנגען ר' אלעזר בן ערך אין מעשה מרכבה, „וירדה אש מן השמים", איז ארונטער א פייער פון הימעל, „וסיבבה כל האילנות שבשדה", און עס האט ארומגערינגעלט אלע בוימער אין פעלד, האבען אלע אנגעפאנגען זאגען שירה. ז) וואס פאר א שירה האבען די בוימער געזאגט „הללו את ה'", לויבט ג-ט פון דער ערד, איהר וואלפיש און אלע תהומות, פרוכט בוימער און אלע טאנענבוימער הללויה. „נענה מלאך מן האש", ר' אלעזר בן ערך איז געענטפערט געווארען, מיט דעם וואס ער האט געזעהן דעם מלאך פון פייער ווי יחזקאל האט איהם געזעהן אין די מרכבה דעם חשמל, „ואמר", האט ער געזאגט, „הן הן מרכבה, עמד ר' יוחנן בן זכאי ונשקו על ראשו", ר' יוחנן איז אויפגעשטאנען און ער האט איהם געקושט אויף זיין קאפ און ער האט געזאגט, געלויבט איז דער אידישער ג-ט וואס ער האט גע־געגעבען א זון צו אברהם אבינו, „שיודע להבין ולחקור", וואס ער וויים צו פארשטעהן און צו פארשען און גריבלען אין מעשה מרכבה, „יש נאה דורש ואין נאה מקיים", עס איז פאראן איינער דרשן'ט שעהן און איז ניט מקיים שעהן, אדער ער איז מקיים שעהן נאר ער דרש'ענט ניט שעהן, „אתה", אבער דו דרש'־ענסט שעהן און ביזט מקיים שעהן, „אשריך", וואויל איז דיר אברהם אבינו דאס אלעזר בן ערך קומט ארויס פון דיר, „וכשנאמרו הדברים", ווען די רייד זיינען איבערדערצעהלט געווארען פאר ר' יושיע, „היה הוא", זיינען ער און ר' יוסי הכהן געגאנגען אין וועג, זיי האבען געזאגט, „אף אנו נדרוש", מיר וועלען אויך דרש'ענען אין מעשה מרכבה, „פתח", האט ר' יושיע אנגעפאנגען און גע'דרש'־ענט, „אותו היום", דעם טאג איז געווען תקופת תמוז ווען עס איז ניט דער שטיינער פון רעגען, „נתקשרו שמים בעבים", און פונדעסוועגען איז געווארען דער הימעל פארוואלקענט, „ונראה כמין קשת", און עס האט זיך געוויזען ווי א קשת, אזוי ווי יחזקאל האט געזעהן אין דער מרכבה, „והיו מלאכי השרת מתקבצין", האבען זיך די מלאכים איינגעזאמעלט צו הערען, „כבני אדם שבאין

לראות במזמוטי חתן וכלה, הלך ר' יוסי הכהן וסיפר דברים לפני ר' יוחנן בן זכאי ואמר אשריכם ואשרי יולדתכם אשרי עיני שכך ראו ואף אני ואתם בחלומי מסובין היינו על הר סיני ונתנה עלינו בת קול מן השמים, עלו לכאן עלו לכאן טרקלין גדולים ומצעות נאות מוצעות לכם אתם ותלמידיכם ותלמידי תלמידיכם מזומנין לכת שלישית. ח) איני? והתניא ר' יוסי בר' יהודה אומר שלשה הרצאות הן ר' יהושיע הרצה דברים לפני ר' יוחנן בן זכאי ר' עקיבא הרצה לפני ר' יהושיע חנניא בן חכינאי הרצה לפני ר' עקיבא, ואילו ר' אלעזר בן ערך לא קא חשיב? דארצי וארצו קמיה קחשיב, דארצי ולא ארצו קמיה לא קא חשיב, והא חנניא בן חכינאי דלא ארצו קמיה וקא חשיב? דארצי מיהא קמיה מאן דארצי. ט) תנו רבנן ארבעה נכנסו בפרדס ואלו הן בן עזאי, ובן

---

לראות במזמוטי", ווי מענשען זאמלען זיך איין צו א שמחה פון חתן כלה, „הלך ר' יוסי הכהן וסיפר", איז געגאנגען ר' יוסי און דערצעהלט פאר ר' יוחנן בן זכאי, האט ער געזאגט, „אשריכם ואשרי יולדתכם", וואויל איז צו אייך און צו די וואס האבען אייך געהאט, וואויל צו מיינע אויגען וואס זעהען אזוי, „ואף אני ואתם בחלומי מסובין היינו על הר סיני", און אויך איך און איהר געדענק איך אין מיין חלום זיינען מיר געווען אנגעלעהנט אויפ'ן בארג סיני, „ונתנה עלינו בת קול", און עס איז געגעבען געווארען צו אונז א בת קול פון הימעל, „עלו לכאן", קומט ארויף דא, קומט ארויף דא, „טרקלין גדולין ומצעות נאות", גרויסע פאלאצען און שעהנע אויסבעטונגען פאר אייך, איהר און אייערע תלמידים און תלמידים פון אייערע תלמידים, „מזומנין לכת שלישית", זיינען אנגעברייט צו זיצען אין דער דריטער קאמפאניע פאר די שכינה. ח) פרעגט די גמרא, „איני?" עס איז דאך ניט אזוי? דו זאגסט דא דאס ר' אלעזר בן ערך איז געווען באוויליגט צו דרש'ענען אין מרכבה פאר ר' יוחנן בן זכאי? „והא תניא ר' יוסי ברבי יהודה אומר", מיר האבען דאך געלערענט אז ר' יוסי זאגט, „שלשה הרצאות הן", דריי באוויליגונגען צו דרש'ענען אין מרכבה איז געווען, ר' יושיע הרצה דברים", ר' יושיע איז געווען באוויליגט צו דרש'ענען אין מרכבה פאר ר' יוחנן בן זכאי, ר' עקיבא פאר ר' יושיע און חנניא בן חכינאי פאר ר' עקיבא, „ואילו ר' אלעזר בן ערך לא קא חשיב?" און ר' אלעזר בן ערך ווערט ניט גערעכענט? ענטפערט די גמרא, „דארצי וארצו קמיה קחשיב", ווער עס האט גע'דרש'ענט אין מרכבה און מען האט גע'דרש'ענט פאר איהם, רעכענט ער, „דארצי ולא ארצו קמיה לא קחשיב", ווער עס האט נאר גע'דרש'ענט אין מרכבה, אבער פאר איהם האט קיינער ניט גע'דרש'ענט, דעם רעכענט ער ניט, און ר"א בן ערך האט בלויז גע'דרש'ענט אין מרכבה אבער פאר איהם האט קיינער ניט גע'דרש'ענט. פרעגט די גמרא, „והא חנניא בן חכינאי דלא ארצו קמיה וקא חשיב?" פאר ר' חנניא האט דאך קיינער ניט גע'דרש'ענט אין מרכבה, און פונדעסטוועגען רעכענט ער איהם? ענטפערט די גמרא, „דארצי מיהא קמיה מאן דארצי", וויינגסטענס האט ער גע'דרש'ענט אין מרכבה פאר דעם, וועלכער האט גע'דרש'ענט פאר אנדערע, איז עס גליך ווי ער וואלט

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 30**

זומא, אחר, ורבי עקיבא, אמר להם ר' עקיבא כשאתם מגיעין אצל אבני שש טהור אל תאמרו מים מים משום שנאמר (תהלים ק"א) דובר שקרים לא יכון לנגד עיני. בן עזאי הציץ ומת עליו הכתוב אומר יקר בעיני ה' המותה לחסידיו, בן זומא הציץ ונפגע ועליו הכתוב אומר (משלי כ"ה) דבש מצאת אכול דייך פן תשבענו והקאתו, אחר קיצץ בנטיעות, ר' עקיבא יצא בשלום. י) שאלו את בן זומא מהו לסרוסי כלבא? אמר

---

דרש'ענען פאר איהם. ט) די רבנן האָבען געלערענט, „ארבעה נכנסו בפרדס", פיער זיינען אריין אין גאָרטען, דאָס מיינט זיי האָבען גע'דרש'ענט אין מעשה מרכבה און עץ הדעת טוב ורע, אין פרדס פון עולם היצירה, און די זיינען זיי: בן עזאי, בן זומא, אחר און ר' עקיבא, „אמר להם ר' עקיבא כשאתם מגיע'ן אצל אבני שיש טהור", האָט ר' עקיבא געזאָגט צו זיי ווען איהר וועט גרייכען ביי אבני שיש טהור „אל תאמרו מים מים", זאָלט איהר ניט זאָגען, וואסער, וואסער, „משום", צוליב דעם פסוק, דער וואָס רעדט ליגען קען ניט ריכטיג זיין געגען מיינע אויגען. „אבני שש טהור" מיינט די השפעה פון עולם הבריאה (וואָס איז ריין און אינגאנצען גוט) וועגען די זעקס מדות פון יצירה און אופנים, ווי אויבען באמערקט זיינען די מינין אריינגעפאלען אין טעות וועגען שלעכטס און גוטס ווי אזוי קענען ביידע ארויסגעהן פון איין מקור, דען אין העכערען עולם לויט דעם מוח, איז דאָך ניט דאָ קיין נייגונג אויף פאַרקעהרט חלילה, נאָר אַלעס איז ריין לויטער גוטס, פונדעסוועגען פון עולם היצירה ארונטער איז שוין דאָ ביידע וועגען שלעכטס מיט גוטס, ווען די אפיקורסים ניט פארשטעהן ווארום ג־ט שיקט אויך דאָס שלעכטע, דאריבער האָט ר' עקיבא אזוי געוואָרענט אז איהר וועט גרייכען די השפעה פון די שש מדות וואָס גרייכט אין עולם הבריאה וואָס איז טהור, יחזקאל רופט עס אבן ספיר און תורת משה רופט עס לבנת הספיר און עצם השמים לטוהר. ר' עקיבא האָט זיי געוואָרענט איהר זאָלט עס ניט רופען מים מים, דאָס מיינט איהר זאָלט ניט דענקען דאָס עס איז חלילה אן אנדער מקור, (מים מיינט א מקור פאר השפעה), דען עס איז חלילה ניט קיין שתי רשיות, דען סאַי דאָס גוט סאַי דאָס שלעכטס איז פון איין מקור ג־ט בריך הוא, און אז אפילו דאָס שלעכטס איז אויך גוט, וועט ג־ט ב"ה זאָל אונז עפענען די אויגען וואָלטען מיר דאָס גוט געזעהן, און צו זאָגען חלילה פארקערט הייסט עס דובר שקרים, און עס האָט טאקע שלעכט פאסירט, בן עזאי האָט געקוקט און געשטאָרבען, בן זומא איז גערירט געוואָרען, אויף בן עזאי זאָגט דער פסוק עס איז צו טייער ביי ג־ט דער טויט פאר חסידים, און אויף בן זומא זאָגט דער פסוק דו האָסט געפונען האָניג, עס לויט דיין בעדאַרף, דען טאָמער וועסטו עס אָנזעטאָן וועסטו עס מוזען אויסשפייען, און אחר קיצץ בנטיעות, אחר האָט נעשניטען אין די פלאַנ־צונגען, דאָס איז א מליצה דאָס ער איז ארונטער פון וועג, נאָר ר' עקיבא איז ארויס בשלום. י) די חכמים האָבען געפרעגט ביי בן זומא, „מהו לסרוסי כלבא?" צו מעג מען מאכען א כלב הים אומפרוכטבאר? דען דאָס איז זיכער, דאָס מען איז ניט געבאָטען וועגען סירוס אויף א פיש, דען דער פסוק זאָגט

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד 31:**

להם (ויקרא כ"ב) ובארצכם לא תעשו, כל שבארצכם לא תעשו, שאלו את בן זומא בתולה שעיברה מהו מי חיישינן לדשמואל דאמר שמואל (**דף ט"ו ע"א**) יכול אני לבעול כמה בעילות בלא דם, או דלמא דשמואל לא שכיחא, אמר להו דשמואל לא שכיח, וחיישינן שמא באמבטי עיברה, והאמר שמואל כל שכבת זרע שאינו יורה כחץ אינו מזרעת, מעיקרא נמי יורה כחץ הוה.

א) **תנו** רבנן מעשה ברבי יושיע בן חנניא שהיה עומד על גב מעלה בהר הבית, וראהו בן זומא ולא עמד מלפניו, אמר לו מאין ולאין בן זומא, אמר לו צופה הייתי בין מים העליונים למים התחתונים ואין בין זה לזה אלא שלש אצבעות בלבד שנאמר ורוח אלקים מרחפת על פני

---

„בארצכם", וואס מיינט נאר לאנדבאשעפענישען, אבער כלב הים איז מטמא טויטערהייט אבוואהל פיש זיינען ניט מטמא, (נאך ר"ש פרק י"ז פון כלים) צוליב וואס ער אנטלויפט צו דער יבשה, און דער רמב"ם אין זיין פירוש פסק'ענט ווי ער, אין זיין יד החזקה האט ער חרטה געקראגען פון דעם דין, און בן זומא האלט ווי ר' עקיבא דארט, דעריבער האט ער געענטפערט דעם פסוק „ובארצכם לא תעשו", טייטש איך „כל שבארצכם", אלעס וואס איז אויפ'ן לאנד זאלט איהר אזוי ניט טאן, ווען זי אנטלויפט צו דער יבשה הייסט עס שוין „בארצכם". נאך האבען זיי געפרעגט ביי בן זומא, א בתולה וואס איז שוואנגער, „מהו ?" פרעג איך דיר צו זי הייסט אלץ א בתולה און א כהן גדול מעג איהר נעמען, די אורזאכע איז, „מי חיישינן לדשמואל דאמר יכול אני לבעול כמה בעילות בלא דם", צו האב איך וואס צו בעזארגען, וואס שמואל האט געזאגט, אז עס קען פאסירען עטליכע בעולות אהן דם, דעריבער זאל זי א כהן גדול ניט טארען נעמען ? אדער זי האט עס געקראגען אין א באד טאפ, באדענדיג זיך איז די זרע אין איהר אזוי ארייגעשוואומען, און ניט דורך קיין בעולה, און א כהן גדול מעג איהר יא נעמען, ווייל וואס שמואל זאגט איז ניט גע-ווענליך ? „אמר להו", האט זיי בן זומא געענטפערט, „דשמואל לא שכיח", וואס שמואל האט געזאגט איז ניט שכיח, „וחיישינן שמא באמבטי עיברה", איך האב צו בעזארגען גיכער פון דער באד. פרעגט די גמרא, „והאמר ?" שמואל האט דאך געזאגט דאס יעדע זרע מוז זיין יורה כחץ. ענטפערט די גמרא, „מעיקרא נמי", אין דער אנפאנג ווען זי געהט ארוים איז זי געוועז יורה כחץ.

א) **די** רבנן האבען געלערענט, „מעשה", עס האט פאסירט, ר' יושיע בן חנניא איז געשטאנען אויף א פלאטפראם אין הר הבית, „וראהו", און בן זומא האט איהם געזעהן און האט זיך פאר איהם ניט אויפגעשטעלט, „אמר לו", האט צו איהם ר' יושיע געזאגט, „מאין ולאין ?" פון וואנען און וואוהין געהסטו ? האט ער איהם געזאגט, „צופה הייתי בין מים העליונים למים התחתונים ?" איך האב געקוקט און בעטראכט דעם צווישענשייד פון אויבער-וואסער און אונטערוואסער, דען די לופט אין גאנצען וועלט רוים איז געמישט מיט וואסער, „ואין בין זה לזה אלא שלש אצבעות", און עס איז ניט אין צווישען נאר דריי פינגער אבגערוקט, ווי דער פסוק זאגט, „ורוח אלקים מרחפת",

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 31**

המים כיונה שמרחפת על בניה ואינה נוגעת, אמר להם ר׳ יהושיע לתלמידיו עדיין בן זומא מבחוץ מכדי ורוח אלקים מרחפת על פני המים אימת הוה ביום הראשון, הבדלה ביום שני הוא דהואי, דכתיב ויהי מבדיל בין מים למים וכמה אמר רב אחא בר יעקב כמלא נימא, ורבנן אמרי כי גודא דגמלא, מר זוטרא ואיתימא רב אסי אמר כתרי גלימא דפריסי אהדדי, ואמרי לה כתרי כסי דסחיפי אהדדי. ב) אחר קיצץ בנטיעות עליו הכתוב אומר (קהלת ה׳) אל תתן את פיך לחטיא את בשרך, מאי היא? הזא מיטטרון דאתיהבא ליה רשותא למיתב למיכתב זכוותא דישראל, אמר גמירא דלמעלה לא הוי לא ישיבה ולא תחרות ולא עורף

---

און ג־ט׳ס לופט שוועבט אויפ׳ן וואסער, „כיונה שמרחפת" ווי א טויב וואס שוועבט אויף איהרע קינדער און רירט זיי ניט אָן, האָט ר׳ יושיע געזאָגט צו זיינע תלמידים, „עדיין בו זומא מבחוץ", בן זומא איז נאָך אויסוויינינג, דאָס מיינט ער וויס נאָך ניט, נאָך זיין גאנצען קלערען, „מכדי ורוח אלקים מרחפת, אימת הוה ביום הראשון?" דער פסוק איז דאָך געזאָגט געוואָרען דעם ערשטען טאָג? „הבדלה ביום שני הוא דהואי?" און דער צווישענשייד איז דאָך פאָרגעקומען אין צווייטען טאָג? ווי דער פסוק זאָגט, „ויהי מבדיל בין מים למים", עס זאָל זיין א צווישענשייד צווישען וואסער און וואסער, „וכמה? און וויפל איז דער צווישענשייד, ר׳ אחא בר יעקב האָט געזאָגט, „כמלא נימא", די פולקייט פון א האָר, און די רבנן זאָגען, „כי גודא דגמלא", ווי דער שפאַלט צווישען ברעטער אויף א בריק, מר זוטרא און טייל זאָגען ר׳ אסי זאָגט, „כתרי גלימא דפריסי אהדדי", ווי צוויי מלבושים וואָס איינע איז געשפרייט אויף די אנדערע, „ואמרי לה", און טייל זאָגען, „כתרי כסי דסחיפי אהדדי", ווי צוויי כוסות וואָס זיינען איינע אין די אַנדערע, דאָס הייסט די וואסערען ריהרען כמעט איינע די אנדערע. ב) אויבען אין דער ברייתא וואו אחר איז געווען א קוצץ בנטיעות, „עליו הכתוב אומר", אויף איהם איז געזאָגט, זאָלסט ניט געבען דיין מויל צו מאַכען זינדיגען דיין לייב, „מאי היא?" וואָס איז פאָר־געקומען? „חזא", ער האָט געזעהן מטטרון, „דאיתיבא ליה רשותא למיתב למיכתב זכוותא דישראל", וועלכען עס איז געגעבען רשות צו זיצען און שריי־בען די זכיות פון אידען, „אמר", אחר האָט זיך געזאָגט, „גמירא", מיר האָבען דאָך א באַשטעטיגטע זאך א קבלה, „דלמעלה לא הוי לא ישיבה ולא תחרית ולא עורף ולא עיפוי", ווי עס איז דיר באַוואוסט פון די פריהערדיגע זייטען דאָס עס איז ידוע, דאָס אין עולם היצירה וואָס רופט זיך אויך עולם החיות געפינט זיך דער עץ הדעת טוב ורע און דער שר איז מטט, די צוויי טת׳ן זיינען, איינע דער טוב פון עץ הדעת, די צווייטע די רע און קליפה פון רמון, ער שטעלט ניט קיין רייש צוליב כבוד געגען אויבען. עס איז אויסגעקליבען געוואָרען צו דעם חנוך וואָס איז אויך געווען אויף דער וואָגשאָל אהין אָדער אהער ווי אחר נאָר זיין כוונה איז פאָרט גוט געווען האָט איהם ג־ט צוגענומען, דער טעות איז באַשטאַנען אין דעם, דער מענשליכער שכל האָט ניט געקענט באַגרייפען ווי אזוי גוטס און שלעכטס, צוויי ענטגעגענגעזעצטע זאכען, זאָלען ארויסקומען פון

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 31**

ולא עיפוי, שמא חס ושלום ב׳ רשויות הן, אפקוהו למיטטרון ומחיוהו שיתין פולסי דנורא אמר ליה מאי טעמא כי חזיתיה לא קמת מקמיה? איתיהבא ליה רשותא למימחק זכוותא דאחר, יצתה בת קול ואמר (ירמי׳

---

איין מקור, איין שטאם, ווי מען נעמט נאָר דעם געדאנק ג־ט ברוך הוא, פאַר־שטעהט זיך שוין, דאָס דער נאָמען שטעלט מיט זיך פאָר דעם שטאם פון אל־דאָס גוטס, שטעלט זיך דאָך די פראַגע פון וואנען נעמט זיך דאָס שלעכטע, גרונדע דאָס. זיינען די אומות העולם פון פאַרצייטענס אריינגעפאַלען אין טעות צו גלויבען אין מעהרערע געטער אין א פועל טוב און אין א פועל רע, און צו דעם פועל רע האָבען זיי מקריב געווען קרבנות צו שטילען זיין צאָרען, ביז משה רבנו איז געקומען און אויפגעקלערט דאָס סאַי גוטס און סאַי שלעכטס, אלעס קומט פון איין באשעפער, אלע כחות זיינען פון איהם, אין ריכטיגען זין איז דאָס שלעכטע אויך גוט דען ווען ג־ט ב״ה זאָל אונז עפנען די אויגען צו זעהן אלעס וואָס ער טוט וואָלטען מיר גלייך געזעהן און באגריפען ווי גוט דאָס שלעכטע איז, נאָר לײדער זעהען מיר דאָס ניט, אלס מענשליכער וועזען, און אונז קומט זעהר שווער אָן, דאָס איבערצ־ומען, אָבער ג־ט ב״ה מאכט פון אלעמען גוטס, פאַר מאנכע נאָך אויף דער וועלט און מאנכע ערשט ווען עס קומט, אָבער פאַר די אומות איז דאָס ניט אָנגענומען, און אזוי ארום האָבען זיי גע־דינט די עבודה זרה, ביז די צייט איז פאַרוועהנד מאָדערניזירט געוואָרען, און עס איז איינגעטראָטען אויף דעם פלאַץ פון עבודה זרה, אפיקורסות, צוליב די אייביגע פראַגע האלטען זיי זיך ביי אפיקורסות, דאָס אלעס איז פער צופאל חלילה. און נאטירליך אויך זיינען פילע אידען בעונותינו הרבים אריינגע־פאלען אין דעם זעלבען טעות זעהענדיג ווי די רשעים פון דער וועלט הרג'ענען און שלאָגען אידען, אט אין דעם טעות איז אריינגעפאלען אחר זעהענדיג מט״ט זיצענדיג האָט ער געפרעגט, עס איז דאָך אויבען ניט פארהאַן קיין צוויי פאַר־קערטע זאכען, דאָס פארקערטע פון שטעהן איז זיצען, און פון בארוהיגונג איז פאַרדרוס, פון פנים איז די פאַרקערטע זייט דער נאקען, פון פרישקייט איז מיד־קייט, האָט ער געפרעגט אויבען איך דאָך ניטאָ ניט קיין זיצען ניט קיין פארדרוס, ניט קיין עורף און ניט קיין מידקייט, ער האָט געזעהן דעם שר מט״ט, טוב ורע, צוויי פאַרקערטע זאכען, האָט ער געענדיגט „שמא ח״ו ב׳ רשויות הן״, מען האָט גענעבען א הימלישען מלקות, צום שר מט״ט, ווייל ער האָט ניט געזאָלט געבען אזא רוח הקודש צו אחר'ן, דאָס ער זאָל זעהן דאָס פאַרקערטע אויך, דאָס איז וואָס ער זאָגט דאָ דרך משל, דאָס מען האָט געזאָגט צו מט״ט, „מאי טעמא כי חזיתיה לא קמת מקמיה?״ ווארום? דו האָסט געזעהן אחר'ן ביסטו ניט אויפגעשטאַנען פאַר איהם? „איתיבא ליה רשותא למימחק זכוותא דאחר״, עס איז געגעבען געוואָרען רשות צו מט״ט אויסצומעקען די זכיות פון אחר, „יצתה בת קול״, עס איז ארויס א בת קול פון הימל דאָס אלע קענען תשובה טהאָן אויסער אחר. דער פארדרוס אויף דעם תלמיד חכם איז געווען גרויס, זעהענדיג די הנחות פון דער תורה האָט ער באדארפט זיין שטאנדהאפטיג, די חכמים ברייגנען פארשידענע באווייזע אויף אחר'ן צום שלעכטען וועגען קן צפור און

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 32**

ג') שובו בנים שובבים חוץ מאחר. ג) אמר הואיל ואיטריד ההוא גברא מההוא עלמא ליפוק ליתהני בהאי עלמא, נפק אחר לתרבות רעה, נפק אשכח זונה תבעה אמרה ליה ולא אלישע בן אבויה את? עקר פוגלא ממישרא בשבת ויהב לה אמרה אחר הוא, שאל אחר את ר"מ לאחר שיצא לתרבות רעה, אמר ליה מאי דכתיב (קהלת ז') גם את זה לעומת זה עשה האלקים? אמר לו כל מה שברא הקב"ה ברא כנגדו ברא הרים ברא גבעות ברא ימים ברא נהרות, אמר לו ר' עקיבא רבך לא אמר כך אלא ברא צדיקים ברא רשעים ברא גן עדן ברא גיהנום, כל אחד ואחד יש לו ב' חלקים אחד בגן עדן ואחד בגיהנם, זכה צדיק נטל חלקו וחלק חברו בגן עדן, נתחייב רשע נטל חלקו וחלק חברו בגיהנם, אמר רב משרשיא מאי קראה? גבי צדיקים כתוב (ישעי' ס"א) לכן בארצם משנה יירשו, גבי רשעים כתיב (ירמי' י"ז) ומשנה שברון שברם.

---

וועגן אפיקורסישע ביכער וואָס ער פלעגט האַלטען. ג) „אמר", אחר האָט זיך געטראַכט, „הואיל ואיטריד ההוא גברא מההוא עלמא", ווייל זאָ ווי זאָ איז שוין דער מענש רואינירט פון יענער וועלט, „ליפוק ליתהני", זאָל ער שוין ארויסגעהן און געניסען אין דער וועלט, „נפק", איז אחר ארויס אין גאַנצען לתרבות רעה. „נפק אשכח זונה, תבעה", ער איז אַרויס און געטראָפען א זונה האָט ער איהר געמאָנט, „אמרה לו, ולאו אלישע בן אבויה את?" האָט זי צו איהם געזאָגט, ביסטו דען ניט אלישע בן אבויה? „עקר פוגלא ממישרא בשבת", האָט ער אין איהר געגענווארט אויסגעריסען א גרינציינג אין שבת, און איהר אָוועקגעגעבען, „אמרה אחר הוא", האָט זי זיך ארויסגעזאָגט דאָס מוז זיין אַן אנדער מאַן. פון דאַמאָלסט אָן האָט מען איהם גערופען אחר. „שאל אחר את ר' מאיר", אחר, נאָכדעם ווי ער איז ארויס לתרבות רעה", האָט גע־פרעגט ר' מאיר'ן, „מאי דכתיב?" וואָס מיינט דער פסוק, דאָס אויך איינס געגענאיבער דאָס אנדערע האָט ג־ט באַשאַפען? האָט ער איהם געזאָגט, „כל מה שברא הקב"ה ברא כנגדו", אַלעס וואָס ג־ט האָט באַשאַפען האָט ער באַשאַ־פען אין זעלבער פאָרם א קלענערע, „ברא הרים ברא גבעות", ער האָט באַשאַפען בערג האָט ער אויך באַשאַפען קליינע בערגלעך, ער האָט באַשאַפען אָקעאַנען האָט ער אויך באַשאַפען טייכען, האָט ער איהם געזאָגט, ר' עקיבא דיין רבי האָט ניט אזוי געזאָגט, „אלא ברא צדיקים ברא רשעים", נאָר אזוי איז דער טייטש, ער האָט באַשאַפען צדיקים און געגען זיי רשעים, א גן עדן און געגענ־איבער א גהינם, „כל אחד", יעדער איינער האָט צוויי חלקים, איין חלק אין גן־עדן און איין חלק אין גיהנם, „זכה צדיק נטל חלקו וחלק חברו בגן עדן", האָט דער צדיק זיך ערוואָרבען, האָט ער צוגענומען זיין חלק און זיין חבר'ס חלק אין גן עדן, „נתחייב רשע", אז דער רשע איז פארשולדיגט געוואָרען האָט ער זיין חלק, און דעם צדיק'ס חלק אין גיהנם, האָט רב משרשיא געזאָגט, „מאי קראה?" פון וואַנען איז עס געדרונגען? אָט די פסוקים זיינען מרמז, ביי צדיקים שטעהט, „לכן", דעריבער וועלען זיי דאָבעלט ירש'ענען אין זייער לאַנד, „גבי", און ביי רשעים שטעהט דאָס זייער בראָך איז א דאָבעל בראָך. ד) אחר

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 32**

ד) שאל אחר את ר׳ מאיר לאחר שיצא לתרבות רעה, מאי דכתיב (איוב כ״ח) לא יערכנה זהב וזכוכית ותמורתה כלי פז? אמר לו אלו דברי תורה שקשין לקנותן ככלי זהב וכלי פז ונוחין לאבדן ככלי זכוכית, אמר לו, ר׳ עקיבא רבך לא אמר כך, אלא מה כלי זהב וכלי זכוכית אף על פי שנשברו יש להם תקנה, אף תלמיד חכם אף על פי שסרח יש לו תקנה, אמר לו, אף אתה חזור בך, אמר לו, כבר שמעתי מאחורי הפרגוד שובו בנים שובבים חוץ מאחר. ה) תנו רבנן מעשה באחר שהיה רוכב על הסוס בשבת, והיה ר׳ מאיר מהלך אחריו ללמוד תורה מפיו, אמר לו מאיר חזור לאחריך שכבר שיערתי בעקבי סוסי עד כאן תחום שבת, אמר ליה אף אתה חזור בך, אמר ליה, ולא כבר אמרתי לך? כבר שמעתי מאחורי הפרגור שובו בנים שובבים חוץ מאחר? ו) תקפיה עייליה

---

האט געפרעגט צו ר׳ מאיר, נאך זיין ארויסגעהן לתרבות רעה, „מאי דכתיב״, וואס מיינט דער פסוק, קיין גאלד און גלאז קענען די תורה ניט אבשאצען, עס קען אויך ניט פארבייטען איהר קיין גינגאלד? האט ר׳ מאיר צו איהם געזאגט דאס מיינט דברי תורה, „שקשין לקנותן ככלי זהב וכלי פז״, זיי זיינען שווער צו קויפען, צו באזיצען זיי, ווי גאלדענע כלים, דען גאלדענע איז טייער צו קויפען, דער פסוק האט אריינגעשטעלט אין דער מיטע גלעזערנע כלים, צו צוגלייכען, דאס אויב עס געלינגט שוין יא צו באזיצען דברי תורה קען מען זיי שנעל פארלירען ווי כלי זכוכית, האט צו איהם אחר געזאגט ר׳ עקיבא דיין רבי, „לא אמר כך״, האט ניט אזוי געזאגט, אלא אזוי האט ער געזאגט, „מה כלי זהב וזכוכית״, פונקט ווי גאלד און גלאז ווען זאגאר זיי ווערען צובראכען, „יש להם תקנה״, איז דא צו זיי א הילף, אזוי אויך א תלמיד חכם „אף על פי שסרח״, ווען זאגאר ער פארזינדיגט זיך שטארק, האט ער אלץ א האפענונג. האט ער איהם געזאגט, „אף אתה חזור בך״, אויך דו ציה דיך צוריק פון דיין וועג, האט ער איהם געענטפערט, „כבר שמעתי מאחורי הפרגוד״, איך האב שוין לאנג געהערט פון אחורי הפרגוד דאס מיינט א בת קול, דעם פסוק „שובו בנים שובבים״, קערט זיך אום איהר קינדער וועלכע זיינען ראוי צו זיין שובבים, האט אחר פאר־שטאנען דאס מען מיינט איהם, אז ער איז ניט ראוי צו זיין א בעל תשובה, דאריבער זאגט ער חוץ מאחר. ה) די רבנן האבען געלערנט, „מעשה״, עס האט פאסירט, אחר הא געריטען אויף א פערד אין שבת, „והיה ר׳ מאיר מהלך אחריו ללמוד תורה מפיו״, און ר׳ מאיר איז נאכגעגאנגען צו לערנען תורה פון זיין מויל, „אמר לו מאיר חזור אחריך, שכבר שיערתי בעקבי סוסי״, האט אחר צו איהם געזאגט, מאיר קעהר דיך אום, דען איך האב אבגעשאצט אין די טריט פון מיין פערד, דאס ביז דאנען איז שוין דער תחום שבת, „אמר ליה אף אתה חזור״, האט איהם ר׳ מאיר געזאגט, אזוי דו אויך קעהר זיך אום, מיינענדיג צו זאגען טהו תשובה, האט ער איהם געזאגט, „ולא כבר אמרתי לך?״ האב איך דיר ניט שוין לאנג געזאגט, דאס איך האב שוין לאנג געהערט פון אחורי הפרגוד „שובו בנים שובבים חוץ מאחר?״ ו) „תקפיה״, ער האט איהם אנ־גענומען און אריינגענומען אין א בית המדרש, האט ער געזאגט צו א אינגעל,

לבי מדרשא, אמר ליה לינוקא פסוק לי פסוקך, אמר לו (ישעי' מ"ח) אין שלום אמר ה' לרשעים, עייליה לבי כנישתא אחריתי אמר ליה לינוקא פסוק לי פסוקך, אמר לו (ירמי' ב') כי אם תכבסי בנתר ותרבי לך בורית נכתם עונך לפני, עייליה לבי כנישתא אחריתי, אמר ליה (דף ט"ו ע"ב) לינוקא פסוק לי פסוקך אמר ליה (שם ד') ואת שדוד מה תעשי כי תלבשי שני כי תעדי עדי זהב כי תקרעי בפוך עיניך לשוא תתיפי וגו', עייליה לבי כנישתא אחריתי, עד דעייליה לתליסר בי כנישתא כולהו פסקי ליה כי האי גוונא, לבתרא אמר ליה פסוק לי פסוקך אמר ליה (תהלים נ') ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי וגו', ההוא ינוקא הוה מגמגם בלישניה, אשתמע כמה דאמר ליה ולאלישע אמר אלקים איכא דאמרי סכינא הוה בהדיה וקרעיה ושדריה לתליסר בי כנישתי, ואיכא דאמרי אמר אי הואי בידי סכינא הוה קרענא ליה. ז) כי נח נפשיה דאחר, אמרי לא מידן לידייניה, ולא לעלמא דאתי ליתי, לא מידן לידייניה, משום דעסק באורייתא, ולא לעלמא דאתי ליתי, משום דחטא, אמר ר' מאיר

---

זאג מיר דיין פסוק וואס דו האסט געלערענט? האט ער איהם געזאגט, „אין שלום", קיין שלום האט ג־ט געזאגט צו די רשעים, „עייליה לבי כנישתא אחריתי", האט ער איהם אריינגענומען אין אן אנדערע שוהל, האט ער אזוי געפרעגט צו א אינגעל „פסוק לי פסוקך"? " האט ער איהם געזאגט, „כי אם תכבסי", ווען דו וועסט אפילו וואשען מיט נתר (אזא ערד וואס רייניגט) און דו וועסט דיך מעהר וואשען מיט בורית, איז אלץ דיין זינד איינגעפרעגט אין א פלעק פאר מיר, האט ער איהם אריינגענומען אין אן אנדער שוהל, און ווייטער אזוי גע־פרעגט, האט איהם דאס אינגעל געזאגט, „ואת שדוד", און דו בארויבט פון דיין ציהרונג, וואס וועסטו אויפטאן דערמיט אז דו וועסט דיך שוין אנקליידען אין רויטען און וועסט דיך באצירען אין גאלד, „כי תקרעי בפוך עיניך", אז דו וועסט שוין פארבען דיינע אויגען מיט פוך, „ולשוא תתיפי", אומזיסט וועסטו דיך שעהן מאכען, דו וועסט אזוי אויך ניט געפינען קיין חן, ער האט איהם אזוי גענומען צו דרייצעהן שוהלען, „כולהו פסקי ליה כי האי גוונא", אלע האבען איהם געגעבען אלץ עהנליכע פסוקים, „לבתרא", ביז דער לעצטער האט איהם געענטפערט דעם פסוק, „ולרשע אמר אלקים", צום רשע האט ג־ט געזאגט, וואס האסטו צו ערצעהלען אין מיינע געזעצען, „ההוא ינוקא הוה מגמגם בלישניה", דער אינגעל האט געשטאמעלט אין זיין לשון, „אישתמע כמה דאמר", האט זיך געדאכט ווי ער וואלט זאגען „ולאלישע אמר אלקים, איכא דאמרי," טייל זאגען, „סכינא הוה בהדיה וקרעיה ושדריה", א מעסער האט ער געהאט ביי זיך, האט ער איהם צושניטען און צושיקט אין אלע דרייצעהן שוהלען, און טייל זאגען, „אמר אי הואי בידי סכינא", ער האט געזאגט ווען איך וואלט האבען א מעסער ביי מיר, וואלט איך איהם צושניטען. ז) „כי נח נפשיה", ווען אחר איז גע־שטארבען, „אמרי לא מידן לידייניה", האבען זיי געזאגט דאס מען וועט איהם ניט משפט'ן, „ולא לעלמא דאתי ליתי", און ער וועט אויך ניט צו יענער וועלט אנקומען, מען קען איהם ניט דן זיין, „משום דעסק באורייתא", ווייל ער האט

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד 32:**

מוטב דלידייניה וליתי לעלמא דאתי, מתי אמות ואעלה עשן מקברו, כי נח נפשיה דר׳ מאיר סליק קוטרא מקבריה דאחר, אמר ר׳ יוחנן גבורתא למיקלא רביה? חד הוה בינגא ולא מצינן לאצוליה, אי נקטיה ביד, מאן מרמי ליה מאן, אמר מתי אמות ואכבה עשן מקברו, כי נח נפשיה דרבי יוחנן פסק קוטרא מקבריה דאחר, פתח עליה ההוא ספדנא אפילו שומר הפתח לא עמד לפניך רבנו. ח) בתו של אחר אתיא לקמיה דרבי אמרה ליה רבי פרנסני, אמר לה בת מי את? אמרה לו בתו של אחר אני, אמר לה, עדיין יש מזרעו בעולם? והא כתיב (איוב י״ח) לא נין ולא נכד בעמו ואין שריד במגוריו, אמרה לו זכור לתורתו ואל תזכור מעשיו, מיד ירדה אש וסכסכה ספסלו של רבי, בכה ואמר רבי, מה למתגנין בה כך, למשתבחין בה על אחת כמה וכמה. ט) ור׳ מאיר היכי גמר תורה

אזוי פיעל עוסק געווען אין תורה, און קיין עולם הבא קען ער ניט האָבען, „משום דחטא״, וויל ער האָט געזינדיגט,האָט ר׳ מאיר געזאָגט, „מוטב דלידייניה וליתי לעלמא דאתי״, בעסער מען זאָל איהם יאָ משפט׳ן און זאָל קומען צו עולם הבא, „מתי אמות ואעלה עשן מקברו״, ווען איך וועל שטאַרבען וועל איך ארויס־ברייגגען א רויך פון זיין קבר, „כי נח נפשיה״, ווען ר׳ מאיר איז געשטאָרבען, „סליק קוטרא״, איז טאַקע ארויס א רויך פון אחר׳ס קבר, האָט ר׳ יוחנן געזאָגט, גבורתא למיקלא רביה?״ עס איז א שטאַרקייט צו ברענען זיין רבין? „חד הוה בינגא ולא מצינן לאצוליה״, איינער בלויז איז געווען צווישען אונז, און מיר קענען איהם ניט רעטען, „אי נקטיה ביד״, אז איך וועל איהם אָננעמען ביי דער האנד, „מאן מרמי ליה מאן״, ווער וועט איהם קענען אוועקנעמען פון מיר? „אמר מתי אמות ואכבה עשן מקברו״, ווען איך וועל שטאַרבען, וועל איך פאַרלעשען דעם רויך פון זיין קבר, „כי נח נפשיה דר״י פסק קוטרא מקוברא דאחר״, ווען ר׳ יוחנן איז געשטאָרבען האָט טאַקע אויפגעהערט דער רויך פון אחר׳ס קבר, „פתח ההוא ספדנא״, האָט אָנגעפאַנגען דער מספיד, אפילו דער היטער פון דער טיר פון גהינם, „לא עמד לפניך רבנו״, האָט ניט געקענט ביי־שטעהן פאַר דיר, אונזער רבי. ח) די טאָכטער פון אחר איז געקומען פאַר רבי, און זי האָט צו איהם געזאָגט, „רבי פרנסני״, גיב מיר פרנסה, האָט ער איהר געפרעגט, „בת מי את?״ וועמענס טאָכטער ביסטו? האָט זי איהם געזאָגט, „בתו של אחר״, די טאָכטער פון אחר, האָט ער צו איהר געזאָגט, „עדיין יש מזרעו בעולם?״ איז נאָך פאַראן פון זיינע קינדער אויף דער וועלט? „והא כתיב״, דער פסוק זאָגט דאָך, דאָס קיין קינד און ניט קיין אייניקעל אין זיין פאָלק קען בלייבען פון רשע, „ואין שריד במגוריו״, און קיין איבערבלייבעכטס אין זיין וואוינונג? האָט זי געזאָגט צו רבי „זכור תורתו״, געדענק זיין תורה און זאָלסט ניט געדענקען זיינע מעשים, „מיד ירדה אש וסכסכה ספסלו״, באַלד איז אַרונטער א פייער און פאַרברענט די באנק פון רבי, האָט רבי געוויינט זאָגענדיג, ומה למתגנין״, מה דאָך די וואָס שענדען די תורה, נעמט זיך ג־ט אָן פאַר זייער כבוד, „למשתבחין בה״ איז דאָך געווים פאַר די וואָס לויבען איהר א סך מאָהל מעהר. ט) פרעגט די גמרא, „והיכי גמר תורה מפימיה״. ווי אזוי

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד:32**

מפומיה דאחר? והאמר רבה בר בר חנא אמר ר׳ יוחנן מאי דכתיב (מלאכי ב׳) כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ה׳ צבאות הוא, אם דומה הרב למלאך ה׳ צבאות, יבקשו תורה מפיהו, ואם לאו אל יבקשו תורה מפיהו? אמר ריש לקיש ר׳ מאיר קרא אשכח ודרש (משלי כ״ב) הט אזנך ושמע דברי חכמים ולבך תשית לדעתי, לדעתם לא נאמר אלא לדעתי, רב חנינא אמר מהכא (תהלים מ״ה) שמעי בת ראי והטי אזנך ושכחי עמך ובית אביך וגו׳ קשו קראי אהדדי? לא קשיא הא בגדול הא בקטן, כי אתי רב דימי אמר, אמרי במערבא ר׳ מאיר אכל תחלא ושדא שיחלא לברא. י) דרש רבא מאי דכתיב (שה״ש ו׳) אל גנת אגוז ירדתי לראות באבי הנחל וגו׳, למה נמשלו תלמידי חכמים

---

האָט ר׳ מאיר געמעגט לערנען תורה פון דעם מויל פון אחר? רבה בר בר חנא האָט דאָך געזאָגט פון ר׳ יוחנן וועגען, „מאי דכתיב" וואָס מיינט דער פסוק, „כי שפתי כהן", די ליפּען פון כהן טהוען היטען דעת, „ותורה יבקשו מפיהו", די מענשען זאָלען זוכען און פאַרלאַנגען תורה פון זיין מויל ווייל ער איז א מלאך ה׳ צבאות, טייטש איך, „אם הרב דומה למלאך", אויב דער רבי איז גלייך צו א מלאך, דאָס מיינט אויב מען זעהט ביי איהם היילינקייט, „יבקשו תורה", זאָל מען זוכען ביי איהם תורה און אויב ניט זאָל מען ניט לערנען קיין תורה פון זיין מויל? „אמר", האָט ריש לקיש געענטפערט, „ר׳ מאיר קרא אשכח", ר״מ האָט געפונען א פסוק און גע׳דרש׳ענט, „הט אזנך ושמע", נייג צו דיין אויער און הער די רייד פון חכמים „ולבך תשית לדעתי", און דיין הארץ זאָלסטו צוטאָן צו מיין דעה, עס וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן לדעתם א לשון רבים,, עס געהט דאָך אַרויף אויף דעם וואָרט חכמים? נאָר מוז זיין אז עס שמועסט ביי חכמים וואָס זיינען רשעים, איז א דבר חכמה זאָלסטו זיי הערען און די דעה זאָלסטו האַלטען מיינע, רב חנינא זאָגט, „מהכא", פון דעם פסוק הער צו טאָכטער און זעה נייג צו דיין אויער, „ושכחי עמך ובית אביך", און פארגעסט דיין פאָלק און דיין פאָטער׳ס הויז, ווייל זיי זיינען רשעים, אָבער די קלוגע רייד הער צו, זעהסטו דאָך ווען איינער קען איבערקלייבען רייד מעג ער זיי הערען אַפילו פון א רשע. פרעגט די גמרא, „קשו קראי אהדדי", עס זיינען דאָך שווער די פסוקים איינע אויף די אַנדערע, פון ערשטען פסוק ציינט דאָך דאָס מען טאָר ניט לערנען פון אַ רשע? ענטפערט די גמרא, „לא קשיא, הא בגדול", די פסוקים וואָס ציינען אז מען מעג יאָ, שמועסען ביי א גרויסען וועל־כער איז פעהיג צו איבערקלייבען, „הא בקטן", דער פסוק וואָס ציינט אז מען טאָר ניט שמועסט ביי א קטן וואָס איז ניט פעהיג צו אונטערשיידען. ווען רב דימי איז געקומען האָט ער געזאָגט, „אמרי במערבא", מען האָט געזאָגט אין ארץ ישראל, „ר׳ מאיר אכל תחלא ושדא שיחלא לברא", ר״מ האָט געגעסען ביי אחר׳ן וואָס איהם האָט געטויגט, אָבער די קערענדעל וועלכע איז דער משל אויף אפיקורסות האָט ער אַרויסגעוואָרפען. י) רבא האָט גע׳דרש׳ענט, „מאי דכתיב", וואָס מיינט דער פסוק, „אל גנת אגוז", איך בין אריין אין נוסענבוים גאָרטען צו זעהן די שפּראָצונג נעבען טייך, דער אגוז איז א משל אויף תלמידי

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 32**

לאגוז? לומר לך מה אגוז זה אף על פי שמלוכלך בטיט ובצואה, אין מה שבתוכו נמאס, אף תלמיד חכם אף על פי שסרח, אין תורתו נמאסת, אשכחיה רבה בר שילא לאליה', אמר ליה מאי קעביד הקב"ה? אמר ליה קאמר שמעתא מפומייהו דכולהו רבנן ומפומיה דר' מאיר לא קאמר, אמר ליה אמאי? משום דקא גמר שמעתא מפומיה דאחר, אמר ליה אמאי? ר"מ רמון מצא תוכו אכל קליפתו זרק? אמר ליה השתא קאמר מאיר בני אומר בזמן שאדם מצטער שכינה מאי לשון אומרת קלני מראשי קלני מזרועי, אם כך הקב"ה מצטער על דמן של רשעים, קל וחומר על דמן של צדיקים שנשפך. י"א) אשכחיה שמואל לרב יהודא דתלי בעיברא דדשא וקא בכי, אמר ליה שיננא מאי קא בכית? אמר ליה מי זוטרא מאי דכתיב בהו ברבנן (ישעי' ל"ג) איה סופר איה שוקל איה סופר את המגדלים, איה סופר שהיו סופרים כל אותיות שבתורה, איה

---

חכמים. פרעגט ער דא, „למה נמשלו תלמידי חכמים לאגוז?" ווארום זיינען געגליכען תלמידי חכמים צו אן אגוז? „לומר לך מה אגוז אף על פי שמלוכלך בטיט ובצואה", פונקט ווא אן אגוז, ווען זאגאר ער איז פארשמירט מיט ליים און צואה, „אין מה שבתוכו נמאס", ווערט דאך דער אינווייניג ניט פאר'-מאוס'ט, „אף" אזוי אויך א תלמיד חכם, „אף על פי שסרח אין תורתו נמאסת", כאטש ער איז פארשולדיגט, פונדעסטוועגען ווערט זיין תורה ניט פאר'מיאוס'ט. „אשכחיה", רבה בר שילא האט געטראפען אליהו, „אמר ליה מאי קעבד הקב"ה", האט ער איהם געפרעגט וואס טהוט קב"ה, „אמר ליה קאמר שמעתא מפומייהו דכולהו רבנן", האט ער איהם געזאגט ער זאגט די הלכות פון אלע רבנן, „ומפומיה דרי מאיר לא קאמר", און פון ר' מאיר'ן זאגט ער ניט, „אמר ליה אמאי?" האט ער איהם געפרעגט ווארום? „משום", צוליב וויל ער לערענט הלכות פון אחר'ס מויל, „אמר ליה אמאי, ר' מאיר רמון מצא תוכו אכל קליפתו זרק?" האט ער איהם געפרעגט ווארום? ר' מאיר האט דאך געפונען א רימון, דעם אינווייניג האט ער געגעסען און די שאל אוועקגעווארפען? ווארום האט ג-ט ניט געלערענט זיין הלכה? „אמר ליה", האט אליהו געזאגט צו איהם, „השתא קאמר, מאיר בני אומר בזמן שאדם מצטער שכינה מה לשון אומרת", אט יעצט זאגט ג-ט מיין זון מאיר זאגט, אין צייט ווען א מענש האט צער (ער וויל ניט זאגען גענען אויבען) זאגט די שכינה, „קלני מראשי קלני מזרועי", ווי א מענש זאל זאגען עס איז מיר שווער דער קאפ עס איז מיר שווער די הענד, דאס מיינט דער צער ווען א איד געהט אוועק לתרבות רעה, „אם כך הקב"ה מצטער על דמן של רשעים", אויב אזוי פיעל צער איז דא אויפ'ן בלוט פון רשעים, „קל וחומר", איז דאך א געוויס דער גרויסער צער אויפ'ן בלוט פון צדיקים וואס ווערט פארגאסען. י"א) „אשכחיה", שמואל האט באגעגענט רב יודא'ן, „דתלי בעיברא דדשא וקא בכי", ער איז געשטאנען אנ-געלעהנט אויף דער זייט פון דער טיר, און געוויינט, „אמר ליה שיננא מאי קא בכית?" האט ער צו איהם געזאגט שיננא דו שארפער לערנער ווארום וויינסטו? „אמר ליה מי זוטרא מאי דכתיב", האט ער איהם געזאגט איז דען

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 32**

שוקל שהיו שוקלין קלין והמורין שבתורה, איה סופר את המגדלין שהיו שונין ג' מאות הלכות במגדל הפורח באויר, ואמר רבי אמי תלת מאה בעיי בעו דואג ואחיתופל במגדל הפורח באויר, ותנן ג' מלכים וארבעה הדיוטות אין להם חלק לעולם הבא, אנן מה תהוי עלן? אמר ליה שיננא טינא היתה בלבם, אחר מאי? זמר יווני לא פסק מפומיה. אמרו עליו על אחר בשעה שהיה עומד מבית המדרש הרבה ספרי מינין נושרין מחיקו, שאל נימוס הגרדי את ר' מאיר כל עמר דנחית ליורה סליק? אמר ליה כל מאן דהוה נקי אגב אימיה סליק כל דלא הוה נקי אגב אימיה לא סליק.

---

דאָס ווינציג דער פסוק, „איה סופר", וואו איז דער סופר, וואו איז דער שוקל, „איה סופר המגדלים", וואו איז דער וואָס צעהלט די פעסטונג טורמס, דער פסוק איז געזאָגט געגען דער מלחמה צווישען מלך אשור און יחזקיהו, פאר וועלכע דאָס פאָלק האָט זעהר מורא געהאט, זיי האָבען געמאכט א פארגלייך צווישען בײדע מלוכות און געזאָגט ווי קען זיך יחזקיה פארגלייכען געגען אשור, וואו איז די ארמיי, וואו איז דער סופר וואָס וויים די צאָהל פון די חיילות? וואו איז דער שוקל וואָס קען וועגען צווישען די כחות פון בײדע צדדים? וואו איז דער סופר פון די פעסטונגען, דאָס הייסט וואו איז דער הויפט וואָס ווייסט פון אלע מגדלים צו באשיצען, געוועהנליך זיינען ג-ט'ס רייד געזאָגט אין צווייען, און א מלחמה איז אויך א משל אויף מלחמתה של תורה, דעריבער טייטשט דאָ די גמרא לויט דעם משל, סופר הייסט, זיי האָבען געצעהלט אלע אותיות פון דער תורה, זיי האָבען געוואוינען אלע גרינגע און שווערע זאכען אין דער תורה, ווי אזוי מען זאָל קענען אָבשלאָגען אָדער ארויסלערנען איינס פון אנדערען, און סופר המגדלים מיינט עס זיינען פאראן אזוינע פעסטע הלכות וואָס פליהען אין דער לופט, דאָס הייסט הלכות וואָס האָבען ווייניג פסוק און א סך הלכות, עס זיינען געווען חכמים וואָס האָבען געלערענט, „ג' מאות הלכות", דריי הונ־דערט הלכות אין דעם חלק פון מגדל הפורח באויר. רבי אמי האָט געזאָגט, „תלת מאה בעיי בעו", דריי הונדערט פראַגען האָבען דואג און אחיתופל גע־פרעגט אין מגדל הפורח באויר, „ותנן" און מיר האָבען געלערענט אויף זיי דאָס דריי מלכים און פיער הדיוטים האָבען ניט קיין חלק אויף יענער וועלט, פרעג איך דיך, „אנן מה תהוי עלן?" וואָס וועט ערשט זיין מיט אונז? האָט ער צו איהם געזאָגט, „שיננא! טינא היתה בלבם", א שלעכטע נייגונג איז געווען אין זייער הארץ, „אחר מאי?" וואָס איז געווען ביי אחר? „זמר יווני", א גריכישער געזאנג האָט ניט אויפגעהערט פון זיין מויל וועלכעס האָט געפיהרט צו אפיקורסות, „אמרו עליו", מען האָט געזאָגט אויף אחר'ן דאָס אין צייט ווען ער פלעגט אוועקגעהן פון בית המדרש, „הרבה ספרי מינין נושרין מחיקו", פלעגען פילע אפיקורסישע ביכער ארויספאלען פון זיין שויס. „שאל", נימוס הגרדי האָט געפרעגט ר' מאיר'ן, „עמר דנחית ליורה", וואָל וואָס איז אריין אין פארבקעסעל צו ווערען געפארבט, פרעג איך דיך, „סליק?" צו די פארב געלינגט ביי יעדע וואָל, עס איז געמיינט די לומדים וואָס געהען לערנען פאר די חכמים, צו געלינגט ביי יעדען דאָס לערנען? „אמר ליה כל מאן דהווה נקי אגב אימיה,

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 32**

י״ב) ר׳ עקיבא עלה בשלום וירד בשלום ועליו הכתוב אומר משכני אחריך נרוצה, ואף ר׳ עקיבא בקשו מלאכי השרת לדוחפו, אמר להם הקב״ה הניחו לזקן זה שראוי להשתמש בכבודי, (דף ט״ז ע״א) מאי דרש, אמר רבה בר בר חנא אמר ר׳ יוחנן ואתה מרבבות קודש, אות הוא ברבבה שלו ורבי אבהו אמר (שיר ה׳) דגול מרבבה, דוגמא הוא ברבבה שלו, וריש לקיש אמר (ישעי׳ מ״ח) ה׳ צבאות שמו אדון הוא בצבא שלו,

---

סליק״, יעדע וואָל וואָס איז געווען ריין אַלס רויע וואָל ווי מען נעמט איהר ארונטער, העלפט איהר די פארב, אָבער ווען זי איז צוטרעטען און פאַרשמירט אַלס רויהער צושטאַנד און נאכהער גיט מען איהר צום פאַרבען, „לא סליק״, העלפט איהר ניט, דאָס מיינט אַז די יראה איז פאַר דער חכמה געלינגט דאָס לערנען און פאַרקערט ניט. י״ב) ר׳ עקיבא איז אַרויף בשלום און ארונטער־געקומען בשלום, „ועליו הכתוב אומר״, אויף איהם זאָגט דער פסוק, „משכני״, ציה מיך אַוועק פון די כחות החומר, איך זאָל קומען צו רוח הקדש, איך זאָל משיג זיין דיך, „אחריך נרוצה״, וועלען מיר אַלע כחות השכל לויפען נאָך דיר, „ואף ר׳ עקיבא בקשו מלאכי השרת לדוחפו״, ר״ע האָבען די מלאכים אויך געוואָלט אבשטויסען, „אמר להם הקב״ה״, האָט ג־ט געזאָגט צו זיי, „הניחו לזקן זה״, לאָזט רוהיג דעם זקן, „שראוי להשתמש בכבודי״, ער איז ווירדיג צו דינען מיין כבוד, „מאי דרש ?״ וואָס האָט ר״ע גע׳דרש׳ענט ? דאָס הייסט פון וואנען האָט ער געוואוסט ווי זיך צו באַגעהן, ניט אריינצופאלען אין טעות ? האָט רבה בר בר חנא געזאָגט פון ר׳ יוחנן וועגען, פון פסוק „ואתה מרבבות קדש״, ג־ט קומט פון די צעהנדליגע טויזענדער כחות, דאָס מיינט ג־ט ברוך הוא איז קענטיג אַלס דער באַשעפער פון אַלע כחות פון דער נאַטור אין וועלט־רוים, דען איהם אַליין קען אַפילו — די מחנה שכינה וועלכע זיינען די שרים איבער די כחות — ניט דערקענען, דעריבער ווערט נאָר גערעדט וועגען די כחות הטבע און זייערע שרים, צוליעב שיינקייט טייטש ער „ואתא״ אַלס צייכען, ג־ט ברוך הוא איז דער צייכען פון די פאַרשידענע צעהנער טויזענד כחות וואָס איז פאַראַן אין דער וועלט, דאָס הייסט ג־ט איז דער שורש פון אַלע שרשים, אַלע כחות סאַי די וואָס פעראורזאַכען גוטעס און סאַי די וואָס פער־אורזאַכען שלעכטעס איז אַלץ פון איהם, דאָס שלעכטעס איז אויך גוטס, לויט א כוונה פון אויבען, פון דעם האָט ר׳ עקיבא פאַרשטאַנען דאָס ג־ט ב״ה איז איי־נער וואָס האָט באַשאַפען אַלע פאַרשידענע אנטגעגענזעצטע כחות, דאריבער האָט ער זיך ניט טועה געווען ווי אחר, רבי אבהו זאָגט אויך דאָס זעלבע נאָר פון פסוק דגול מרבבה, „דוגמא ברבבה שלו״, ער איז דער זאמלונג פון אַלע כחות, דאָס הייסט ער איז דער שטאַם און מקור פון אַלצדינג, דוגמא מיינט ער איז באַוואוסט אַלס מקור און שורש פון יעדען כח, און צוליב דעם הייסט ער אלקים. און ריש לקיש זאָגט אויך דאָס פון פסוק „ה׳ צבאות שמו, אדון הוא בצבא שלו״, ג־ט איז דער האַר פון זיין צבא, וואָס מיינט די זאמלונג פון אַלע כחות הטבע. ר׳ חייא בר אבא זאָגט פון ר׳ יוחנן וועגען, פון דעם פסוק, ווען אליהו האָט געזעהן די מרכבה האָט ער צוערשט געזעהן דעם רוח סערה,

**ור' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן (מלכים א' י"ט) לא ברוח ה' ואחר הרוח רעש לא ברעש ה' ואחר הרעש אש לא באש ה' ואחר האש קול דממה דקה והנה ה' עובר.**

**א) תנו רבנן ששה דברים נאמרו בשדים שלשה כמלאכי השרת ושלשה כבני אדם, שלשה כמלאכי השרת, יש להם כנפים כמלאכי השרת וטסין מסוף העולם ועד סופו כמלאכי השרת, ויודעין מה שעתיד להיות כמלאכי השרת, יודעין סלקא דעתך? אלא שומעין מאחורי הפרגוד כמלאכי השרת, ושלשה כבני אדם, אוכלין ושותין כבני אדם, פרין ורבין כבני אדם ומתין כבני אדם, ששה דברים נאמרו בבני אדם, שלשה כמלאכי השרת, שלשה כבהמה, שלשה כמלאכי השרת, יש להם דעת כמלאכי השרת ומהלכין בקומה זקופה כמלאכי השרת ומספרים בלשון הקדש כמלאכי השרת, שלשה כבהמה אוכלין ושותין כבהמה, ופרין ורבין כבהמה ומוציאין רעי כבהמה: ב) כל המסתכל בד' דברים רתוי לו שלא**

---

אבער לא ברוח ה', אין רוח איז נאך ניט דא די שכינה, „ואחר הרוח רעש", נאכ'ן ווינד איז דונערען אבער ניט די שכינה, נאכ'ן רעש איז אש, „לא באש ה'", אבער אלץ ניט די שכינה, „ואחר האש", נאכ'ן פייער קומט ערשט „קול דממה דקה", וואס מיינט די מחנה שכינה, (ווי שוין ערקלערט ביי יחזקאל), און דאן ערשט „והנה ה' עובר", איז ג־ט פארבייגעגאנגען, און דער זעלבער ארט האט יחזקאל געזעהן די מרכבה ווי ג־ט געהט מעניש זיין די אידען און **חרוב מאכען דעם בית המקדש, אט דער עונש איז אויך געווען לטובה,** דען לויט מדת הדין וואלט געווען חלילה פערלענדונג, נאר ג־ט האט אויסגעגאסען זיין צארען אויף האלץ און שטיינער פון בית המקדש, פון דעם האט ר"ע פאר־שטאנען אז אלץ וואס ג־ט טהוט איז צום גוטען, און ניט אז דאס שלעכטע שטאמט חלילה פון אן אנדער רשות, דעריבער האט ער זיך ניט טועה געווען.

א) **די** רבנן האבען געלערענט, זעקס זאכען זיינען געזאגט ביי שדים, מיט דריי זאכען זיינען זיי גלייך צו מלאכים, און מיט דריי זאכען גלייך צו מענשען, איז די גמרא מפרש דריי זאכען צו מלאכים, „יש להם כנפים", זיי האבען פליגעל ווי מלאכים און זיי שוועבען פון עק וועלט ביז עק וועלט ווי מלאכים, „ויודעין מה שעתיד להיות", און זיי ווייסען וואס איז בערייט צו זיין, ווי מלאכים, פרעגט די גמרא, „יודעין סלקא דעתך?" ווי קען אויפנעהן אויף דיין דעה דאס זיי ווייסען עתידות? „אלא", נאר זיי הערען פון אחורי הפרגוד ווי מלאכים, מיט דריי זאכען זיינען זיי גלייך צו מענשען, זיי עסען און טרינקען ווי מענשען, זיי מעהרען זיך ווי מענשען און שטארבען ווי מענשען, „ששה דברים", זעקס זאכען זיינען געזאגט ביי מענשען, מיט דריי זאכען זיינען זיי גלייך ווי מלאכים און דריי ווי בהמות, איז די גמרא מפרש, מיט דריי ווי מלאכים, זיי האבען דעת ווי מלאכים, „ומהלכין בקומה זקופה", זיי געהען גלייך געשטעלט ווי מלאכים, און רעדען מיט א הייליג לשון ווי מלאכים, דאס מיינט א מענש איז א כלי וואס קען קומען צו דעם, מיט דריי זאכען זיינען זיי ווי בהמות, זיי מוזען עסען ווי א בהמה, און פרוכטען זיך ווי א בהמה און אויסגאנג איז

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 33**

בא לעולם וכו׳: בשלמא מה למעלה מה למטה מה לאחור לחיי, אלא לפנים מה דהוה הוה ? ר׳ יוחנן ור׳ אלעזר דאמרי תרווייהו משל למלך בשר ודם שאמר לעבדיו בנו פלטירין גדולין על האשפה, הלכו ובנו לו אין רצונו של מלך להזכיר שם אשפה: ג) כל שלא חס על כבוד קונו רתוי לו שלא בא לעולם: מאי היא ר׳ אבא אמר זה המסתכל בקשת, רב יוסף אמר זה העובר עבירה בסתר, בקשת דכתיב כמראה הקשת אשר יהי׳ בענן ביום הגשם כן מראה הנגה סביב הוא מראה דמות כבוד ה׳, רב יוסף אמר זה העובר עבירה בסתר, כדר׳ יצחק דאמר ר׳ יצחק כל העובר עבירה בסתר כאילו דוחק רגלי שכינה שנאמר (ישעי׳

---

אויך ווי א בהמה: ב) אין בעצוג צו דער משנה וואס זאגט, „כל המסתכל וכו׳" פרעגט די גמרא, „בשלמא", אויף מה למעלה מה למטה מה לאחור, „לחיי", איז רעכט, „אלא לפנים, מה דהוה הוה ?" אבער וואס עס איז געווען פאר בריאת עולם וואס איז דא וואס צו קלערען ? וואס איז געווען איז געווען ? דער ענטפער, ר׳ יוחנן און ר״א האבען ביידע געזאגט, „משל למלך, שאמר לעבדיו בנו לי פלטורין", דער מלך האט באפעהלט זיינע עבדים בויט מיר גרויסע פא־לאצען אויפ׳ן מיסט, „הלכו ובנו לו", זיינען זיי געגאנגען און אויפגעבויט פאר איהם, „אין רצונו של מלך להזכיר שם אשפה", דער ווילען פון מלך איז דאך ניט, דאס מען זאל געדענקען די אשפה, דאס זעלבע דא, אויב מען וועט קלערען וואס פאר וועלטענטשטעהונג איז געווען, וועט דאס מיינען צו דערמאנען די צייט ווען די גוטסקייט פון ג־ט איז נאך ניט געווען, דען די וועלטשאפונג שטעלט מיט זיך פאר די גוטסקייט פון באשעפער. ג) אין באצוג צו דער משנה, „כל שלא חס וכו׳ מאי היא ?" וואס מיינט עס וואס ער זאגט אז ער איז ניט חס אויף כבוד קונו ? ר׳אבא זאגט „זה המסתכל בקשת, די גמרא וועט דאס באלד ערקלערען, רב יוסף זאגט „זה העובר", דער וואס טהוט אן עבירה אין פארבארגענהייט, וואס ר׳ אבא זאגט בקשת איז געדרונגען פון פסוק „כמראה הקשת בענן כן מראה הנגה הוא מראה דמות כבוד ה׳", די געשטאלט פון נגה וואס איז בלויז אן אבשיינונג פון אור העליון, דער באהאלטענער ליכט וואס יחזקאל האט געזעהן, דער ענין פון נגה איז עהנליך צום געשטאלט פון קשת, אזוי ווי די איינארטיגע ליכט פון די זון ווען זיווארפט איהרע שטראלען אויף דעם וואלקען ווערט געזעהן א קשת אין זיבען פארשידענע פארבען, אזוי אויך דער אור העליון וואס איז איינציג ביי השי״ת, פונדעסטוועגען אונטען ווען הקב״ה מאכט שיינען ווערט עס געזעהן אין זיבען פארבען, דאס מיינט ווי השי״ת פיהרט אונטען די זיבען ספירות, „הוא מראה", דאס איז די געשטאלט „דמות כבוד ה׳", וואס איז נאר א גלייכונג אבער ניט די איינענטליכע ליכט, און דער וואס באטראכט אריינקוקענדיג אין קשת אלס כבוד ה׳, איז ער ניט חס אויפ׳ן כבוד פון באשעפער, דען יחזקאל האט נאר צוגעגליכען די ענינים פון קשת און נגה אבער ניט ממשות, ר׳ יוסף וואס זאגט „עובר עבירה בסתר", קומט עס אויס ווי ר׳ יצחק, וואס ער זאגט, דער וואס איז עובר אין פארבארגענהייט איז, „כאילו דוחק רגלי שכינה", פונקט ווי ער זאל ענג מאכען פאר די רגלי

ס"ו) כה אמר ה' השמים כסאי והארץ הדום רגלי, איני? והאמר ר' אלעא הזקן אם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו ילך למקום שאין מכירין אותו, וילבש שחורין ויתעטף שחורין ויעשה מה שלבו חפץ ואל יחלל שם שמים בפרהסיא? לא קשיא, הא דמצי כייף ליה ליצריה הא דלא מצי כייף ליצריה. ד) דרש ר' יהודה ברבי נחמני מתורגמניה דריש לקיש, כל המסתכל בג' דברים עיניו כהות, בקשת, ובנשיא, ובכהנים, בקשת דכתיב כמראה הקשת אשר יהיה בענן ביום הגשם הוא מראה דמות כבוד ה', בנשיא דכתיב (במדבר כ"ז) ונתת מהודך עליו, המסתכל בכהנים בזמן שבית המקדש קיים שהיו עומדין על דוכנן ומברכין את ישראל בשם המפורש. ה) דרש ר' יהודה ברבי נחמני מתורגמניה דריש לקיש מאי דכתיב (מיכה ז') אל תאמינו ברע אל תבטחו באלוף, אם יאמר לך יצר הרע חטוא והקב"ה מוחל לך אל תאמן (שנאמר) אל תאמן ברע, ואין רע אלא יצר הרע שנאמר כי יצר לב האדם רע, ואין אלוף

---

השכינה, דען דער פסוק זאגט „כה אמר ה', דער וואס געהט אן עברה טהאן אין געהיים איז זיכער דאס קיינער איז ניט דא, לייקענט ער דאך אין דער אנוועזענהייט פון השי"ת וואס זאגט „והארץ הדום רגלי", דאס מיינט ער איז דוחק רגלי השכינה. פרעגט די גמרא, „איני?" עס איז דאך ניט אזוי? „והאמר ר' אלעא הזקן אם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו", ר' אלעא האט דאך געזאגט אז א מענש אויב ער זעהט דאס זיין יצר שטארקט זיך אויף איהם, „ילך למקום שאין מכירין אותו", זאל ער געהן אין א פלאץ וואו מען קען איהם ניט און זאל זיך אנטהאן שווארצען און איינהילען שווארצען, „ויעשה מה שלבו חפץ", און זאל טאן וואס זיין הארץ באגעהרט, „ואל יחלל", און זאל ניט פארשוועכען דעם שם שמים אפענבאר, זעהסטו דאך אז עס איז שוין בעסער צו טאן אן עבירה אין געהיים? ענטפער, „לא קשיא", עס איז ניט קיין קשיא, „הא דמצי כייף ליה ליצריה", ווען דער מענש קען נאך באצווינגען דעם יצר הרע, „הא דלא מצי כייף ליצריה", ר' אלעא'ס זאך שמועסט ווען ער קען שוין ניט באצווינגען דעם יצר. ד) ר' יודא ברבי נחמני דער איבערזעצער פון ריש לקיש האט גע'דרש'ענט, „כל המסתכל", ווער עס קוקט זיך איין אין די דריי זאכען ווערען זיינע אויגען טונקעל, אין קשת, נשיא, און כהנים, קשת, צוליב דעם פסוק אין יחזקאל, מען מיינט דעם וועלכער האט רוח הקדש און זעהט ברוחני איז אן איסור זיך איינצוקוקען, אזוי אויך א נשיא וואס פון הוד ה' איז אויף איהם, און אויך ווען כהנים האבען גע'דוכן'ט אין בית המקדש און די שכינה האט גערוהט אויף זייערע פינגער, וועהרענד זיי שרייען אויס דעם שם המפורש, האט מען ניט געטארט קוקען. ה) נאך האט ר' יודא גע'דרש'ענט, „מאי דכתיב", וואס מיינט דער פסוק „אל תאמינו ברע", איהר זאלט ניט גלויבען אין שלעכטען, איהר זאלט זיך ניט פארזיכערען אין האר, „אם יאמר לך יצר הרע חטוא", אויב ער וועט דיר זאגען זינדיג און ג-ט וועט דיר מוחל זיין, „אל תאמין", זאלסטו ניט גלויבען אין שלעכטען, „ואין רע אלא יצר הרע", רע מיינט נאר איהם, „שנאמר", ווי דער פסוק זאגט, „כי יצר לב האדם רע", דער יצר הרע פון מענש הייסט

אלא הקב"ה, שנאמר (ירמי' ג') אלוף נעורי אתה, שמא תאמר מי מעיד בי? אבני ביתו וקורות ביתו של אדם הם מעידין בו שנאמר (חבקוק ב') כי אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה, וחכמים אומרים נשמתו של אדם מעידה בו שנאמר (מיכה ז') משכבת חיקך שמור פתחי פיך איזו היא דבר ששוכבת בחיקו של אדם? הוי אומר זו נשמה ר' זריקא אמר שני מלאכי השרת המלוין אותו הן מעידין בו שנאמר (תהלים צ"א) כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך (וחכמים אומרים) (ויש אומרים) איבריו של אדם מעידין בו שנאמר (ישעי' מ"ג) ואתם עדי נאם ה' ואני אל. **מתני'** (יוסי) בן יועזר אומר שלא לסמוך, יוסף בן יוחנן אומר לסמוך, יהושיע בן פרחיה אומר שלא לסמוך, ניתאי הארבלי אומר לסמוך, יהודה בן טבאי אומר שלא לסמוך שמעון בן שטח אומר לסמוך, שמעיה אומר לסמוך, אבטליון אומר שלא לסמוך, הלל ומנחם לא נחלקו, יצא מנחם נכנס שמאי, שמאי אומר שלא לסמוך הלל אומר לסמוך (**דף ט"ז ע"ב**) הראשונים היו נשיאים ושניים להם אב בית דין. **גמ'.** תנו רבנן שלשה מזוגות הראשונים שאמרו שלא לסמוך, ושנים מזוגות

---

רע, „ואין אלוף אלא הקב"ה", אלוף מיינט ניט אנדערש נאר הקב"ה„ ווי דער פסוק זאגט, „אלוף נעורי אתה", דו ביסט מיין יוגענד האר, זאלסט דיר אין דער באציהונג ניט פארלאזען אויף ג־ט דאס ער וועט דיר כסדר מוחל זיין, „שמא", טאמער וועסטו זאגען, „מי מעיד בי?" ווער וועט קענען עדות זאגען? „אבני ביתו וקורות מעידין", שנאמר ווי דער פסוק זאגט, דאס דער שטיין פון וואנד וועט שרייען, און דער שטיק האלץ פון בוים וועט איינווענדען, און די חכמים זאגען די נשמה פון מענש וועט עדות זאגען, ווי דער פסוק זאגט, „משכבת חיקך", די וואס ליגט אין דיין שוים טהוט היטען די עפענונג פון דיין מויל, „איזה דבר ששוכבת בחיקו", וועלכע זאך ליגט דאס אין שוים פון מענש? „הוי אומר", קומט אויס צו זאגען אז דאס מיינט מען די נשמה, ר' עקיבא זאגט צוויי מלאכים וואס באגלייטען אונז, „הן מעידין", זיי וועלען עדות זאגען ווי דער פסוק זאגט, „כי מלאכיו", דען זיינע מלאכים טהוט ג־ט געביעטען צו היטען דיך אויף דיין גאנצען וועג, דאס מיינט כל זמן ער איז אויף דער וועלט, און טייל זאגען די איברים פון מענש וועלען עדות זאגען דאס מיינט דער מענש אליין וועט אויף זיך עדות זאגען, ווי דער פסוק זאגט, און איהר זייט מיינע עדות, „נאם ה'", אזוי איז ג־ט'ס רייד. ו) משנה. יוסי בן יועזר זאגט דאס מען טאר ניט סומך זיין אין יום טוב, יוסף בן יוחנן זאגט אז יא. יהושיע בן פרחיה זאגט אז ניט. ניתאי הארבלי זאגט אז יא, יהודא בן טבאי זאגט אז ניט, שמעון בן שטח זאגט אז יא, שמעיה זאגט אז יא, אבטליון זאגט אז ניט, הלל און מנחם קריגען ניט, „יצא מנחם נכנס שמאי", מנחם איז ארויס און שמאי איז אריין אלס אב ב"ד. שמאי זאגט אז ניט, הלל זאגט אז יא, „הראשונים היו נשיאים", די ערשטע פון די פארענווייז זיינען געווען נשיאים, „ושניים להם אב בית דין", די צווייטע פון די פארען זיינען געווען די הויפטלינגע פון די בתי דינין, דאס איז געווען די ערשטע מחלוקה צווישען די תנאים. ז) גמ'. די רבנן

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 34**

האחרונים שאמרו לסמוך (הראשונים) היו נשיאים, ושניים להם אבות בית דין, דברי ר' מאיר וחכמים אומרים יהודה בן טבאי אב בית דין ושמעון בן שטח נשיא. ח) מאן תנא להא דתנו רבנן, אמר ר' יהודה בן טבאי אראה בנחמה אם לא הרגתי עד זומם להוציא מלבן של צדוקין שהיו אומרים אין עדים זוממין נהרגין עד שיהרג הנידון, אמר לו שמעון בן שטח אראה בנחמה אם לא שפכת דם נקי שהרי אמרו חכמים אין עדים זוממין נהרגין עד שיזומו שניהם ואין לוקין עד שיזומו שניהם,

---

האָבען געלערענט, „שלשה מזוגות הראשונים שאמרו שלא לסמוך", דריי פון די ערשטע פּאָרען וועלכע האָבען געזאָגט ניט סומך צו זיין, „ושנים מזוגות האחרונים", און צוויי פון די לעצטע פּאָרען וועלכע האָבען געזאָגט יאָ סומך צו זיין, זיינען געוועזן נשיאים, „ושניים להם", און די צווייטע צו זיי, „אבות בית דין", אזוי האַלט ר' מאיר, און די חכמים זאָגען יהודה בן טבאי איז געוועזן אַן אב ב"ד און שמעון בן שטח א נשיא. ח) „מאן תנא?" ווי ווער קען אויסקומען דאָס, וואָס די רבנן האָבען געלערענט, יודא בן טבאי האָט געזאָגט, „אראה בנחמה אם לא הרגתי עד זומם", איך זאָל זעהן אין טרייסט פון ירושלים אויב איך האָב ניט גע'הרג'עט אַן עדות וואָס איז מוזם געוואָרען, כאָטש דער דין איז דאָסביידע עדות מוזען ווערען אָבגעלייקענט דורך אַנדערע עדות, וועלכע האָבען זיי אין דער געוויסער צייט געזעהן אויף אַן אַנדער פּלאַץ, פונדעסטוועגען האָב איך דעם איינעם עדות גע'הרג'עט, „להוציא מלבן של צדוקין", דאָס איז געטאָן געוואָרען צו איבערשטרייטען די צדוקין ארויסצוציהען פון זייער הארץ, „שהיו אומרים, אין עדים זוממין נהרגין עד שיהרג הנידון", דען זיי פלעגען זאָגען אַז זוממין ווערען ניט גע'הרג'עט סיידען דער פאַראורטיילטער איז דורכגעגאַנגען די שטראָף, און לויט די תורה מוז זיין דאָס דער נידון זאָל זיין בלויז פאַראורטיילט, און נאָר דאַן קומט די זוממין צו טאָן דאָס זעלבע וואָס זיי האָבען געפּלאַנט יענעם צו טאָן, „אמר לו", האָט שמעון בן שטח געזאָגט צו איהם, „אראה בנחמה", איך זאָל זעהן אין טרייסט פון ירושלים, „אם לא", אויב דו האָסט ניט פאַרגאָסען אומזיסטע בלוט, שהרי אמרו חכמים, אין עדים זוממין נהרגין עד שיזימו שניהם", דען די חכמים האָבען דאָך געזאָגט דאָס זוממין ווערען ניט גע'הרג'עט איינציגווייז ביז די גאַנצע חברה עדות ווערען זוממין, ווייל זיי ערקלערען דעם פסוק, „והנה עד שקר העד", וואָס איז א לשון יחיד אויף איין עדות, דאָס מען מיינט צוויי עדות, בעסער געזאָגט, די גאַנצע פּאַרטי עדות, ווייל אויף איין עדות זאָגט די תורה ארויס ריין, „עד אחד", צו באמערקען דאָס איבעראַל וואו עס שטעהט דער וואָרט „עד" מיינט עס די פולע עדות'שאַפט וואָס איז קרעפטיג עדות צו זאָגען, און צו דער זאַך זיינען די צדוקין אויך ניט מודה, זיי זאָגען דאָס „עד" מיינט נאָר איין עדות, קומט דאָך אוים דאָס יהודה בן טבאי האָט דאָ גאָרניט באוואָרענט, דען ער האָט איבערגעשטרייט די צדוקין מיט איין זאַך, פאַרגעסענדיג דאָס מיט אַן אנדער זאַך האָט ער מיט זיי צוגעשטימט, דאָס זוממין איז אפילו איינער אויך א זומם צוליב דעם לשון „והנה עד שקר העד (דאָס זעלבע איז ביי מלקות און ביי געלד,

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 34**

ואין משלמין ממון עד שיזומו שניהם, מיד קבל עליו יהודה בן טבאי שאינו מורה הלכה אלא בפני שמעון בן שטח כל ימיו של יהודה בן טבאי היה משתטח על קברו של אותו הרוג והיה קולו נשמע, כסבורין העם לומר שקולו של הרוג הוא, אמר להם קולי הוא, תדעו שלמחר הוא מת ואין קולו נשמע, אמר ליה ר' אחא בריה דרבא לרב אשי ודלמא פיוסי פייסיה או בדינא תבעיה, מני הא? אי אמרת בשלמא רבי מאיר דאמר שמעון בן שטח אב בית דין ר' יהודה בן טבאי נשיא, היינו דקא מורי הלכה בפני שמעון בן שטח, אלא אי אמרת רבנן דאמרי יהודה בן טבאי אב בית דין שמעון בן שטח נשיא, אב בית דין בפני נשיא מי מורה הלכה? לא, מאי קבל עליו דקאמר לאיצטרופי, דאפילו איצטרופי נמי לא מצטריפנא. ט) יצא מנחם ונכנס שמאי כו': להיכן יצא? אביי אמר

---

„מיד קבל עליו", באלד האט יהודה בן טבאי איינגעזעהן דעם טעות, האט ער אויף זיך גענומען „שאינו מורה הלכה אלא בפני שמעון בן שטח", דאס ער זאל נים פסק'ענען ווי אימער נאר אין געגענווארט פון שמעון בן שטח, „כל ימיו היה משתטח על קברו של אותו הרוג", אלע זיינע יאהרען האט זיך יהודה בן טבאי משתטח געווען אויף דעם קבר פון דעם הרוג, „כסבורין העם לומר שקולו של הרוג הוא", דאס פאלק הערענדיג א קול פון דארט, האבען זיי געמיינט, דאס דער קול איז פון הרוג, „אמר להם קולי הוא", האט ער זיי געזאגט דאס איז מיין קול, „תדעו", א באווייז, „שלמחר הוא מת ואין קולו נשמע", ער וועט דאך שפעטער שטארבען, וועט איהר דאן זעהן, „ואין קולו נשמע", דאס זיין קול וועט שוין מעהר ניט געהערט ווערען. (דער מחר מיינט שפעטער און געמיינט האט ער עס אויף זיך). „אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי", ער האט איהם געפרעגט, „ודלמא פיוסי פייסיה או בדינא תבעיה?" פיליכט איז עס יא געווען דעם הרוג'ס קול? נאר יהודה בן טבאי האט איהם מפיים געווען, אדער ער האט איהם געמאנט צום דין. יעצט קומט די קשיא פון אנפאנג, „מני הא?" ווי ווער קען דא אויסקומען? „אי אמרת בשלמא ר' מאיר דאמר שמעון בן שטח אב בית דין יהודה בן טבאי נשיא?" וועסטו זאגען ווי ר' מאיר דאס שמעון בן שטח איז אב בית דין און יהודה בן טבאי נשיא? „היינו דקא מורי הלכה בפני שמעון בן שטח", איז רעכט וואס יהודא בן טבאי האט נאר גע'פסק'ענט אין געגענווארט פון שמעון בן שטח, „אלא" אבער, „אי אמרת רבנן דאמרי", אויב דו וועסט זאגען ווי די רבנן, אז יהודא בן טבאי איז דער אב בית דין און שמעון בן שטח נשיא, איז דאך די קשיא, „אב בית דין בפני נשיא מי מורה הלכה?" איז דען דער אב בית דין מורה הלכה פאר'ן נשיא? אב בית דין איז דאך מעהר? ענטפערט די גמרא, „לא", ניין, „מאי קבל עליו דקאמר", ווייסטו וואס מיינט, ער האט אויף זיך גענומען, לאצטרופי, דאפילו איצטרופי נמי לא מצטריפנא", יהודה בן טבאי האט געמיינט דאס ער וועט ניט פסק'ענען נאר אין געמיינשאפט מיט שמעון בן שטח, אבער פריהער האט ער גאנץ אליין גע'פסק'ענט און ניט צונעגוצט שמעון בן שטח. ט) די משנה זאגט אויבען „יצא מנחם", פרעגט די גמרא, „להיכן יצא?" וואוהין איז ער

### פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 34

יצא לתרבות רעה, רבא אמר יצא לעבודת המלך, תניא נמי הכי יצא מנחם לעבודת המלך ויצאו עמו שמונים זוגות תלמידים לבושין סירוקין, אמר ר׳ שמן בר אבא אמר ר׳ יוחנן לעולם אל תהא שבות קלה בעיניך שהרי סמיכה אינה אלא משום שבות ונחלקו בה גדולי הדור, פשיטא? שבות מצוה אצטריכא ליה, הא נמי פשיטא? לאפוקי ממאן דאמר בסמיכה גופה פליגי, קא משמע לן בשבות הוא דפליגי. י) אמר רמי בר חמא שמע מינה סמיכה בכל כחו בעינן, דאי סלקא דעתך לא בעינן בכל כחו מאי קא עביד? ליסמוך? מיתיבי (ויקרא א׳) דבר אל בני ישראל

---

ארויס? אביי זאָגט ער איז ארויס לתרבות רעה, רבא זאָגט „יצא לעבודת המלך", ער איז ארויס צו קעניגליכער דינסט, „תניא נמי הכי", מיר האָבען אויך אזוי געלערענט אין א ברייתא, אז מנחם איז ארויס צו עבודת המלך, „ויצאו עמו שמונים זוגות תלמידים לבושין סירוקין", מיט איהם זיינען אויך ארויס אכציג פּאָרלעך תלמידים קעניגליך געקליידעט וואָס זיינען אריין אין דינסט פון מלך. ר׳ שמן בר אבא האָט געזאָגט פון ר׳ יוחנן וועגען, לעולם אל תהא שבות קלה בעיניך", קיינמאָל זאָלסטו ניט האַלטען א שבות פאַר גרינג אין דיינע אויגען, „שהרי סמיכה אינה אלא משום שבות", דען סמיכה איז דאָ ניט קיין קלער נאָר צוליב שבות, און פונדעסטוועגען, „ונחלקו בה גדולי הדור", האָבען געקריגט דעריין די גרעסטע לייט פון דור, פרעגט די גמרא, „פשיטא?" עס איז דאָך א געוויס? עס איז דאָך אַן איסור דרבנן? ענטפערט די גמרא, „שבות מצוה איצטריכא ליה", ער דאַרף לאָזען הערען א שבות ביי א מצוה אז עס איז ניט גרינג, פרעגט די גמרא, „הא נמי פשיטא?" דאָס איז דאָך אויך א געוויס, עס איז דאָך געלערענט אין דער משנה. ענטפערט די גמרא, „לאפוקי ממאן דאמר בסמיכה גופה פליגי", ר׳ יוחנן קומט ארויסציהען פון דעם וואָס זאָגט דאָס די תנאים קריגען אין דער סמיכה אליין, דען אין (ביצה דף כ׳) איז דאָ א מאן דאמר וואָס האַלט אַז קריגענדיג אין סמיכה אליין, איז דער וואָס אסר׳ט, איז ניט צוליב שבות נאָר צוליב ווייל ער האַלט אַז שלמי חובה דארפען ניט קיין סמיכה, דען דער פסוק וסמך שטעהט ביי שלמי נדבה, און שלמי חובה קענען מיר ניט ארויסלערנען פון שלמי נדבה, לאָזט מיך דאָ ר׳ יוחנן הערען אַז דער טעם איז צוליב שבות, ווייל מען דאַרף סומך זיין מיט׳ן גאַנצען כח און דאָס טאָר מען ניט אין יום טוב, (שבות מיינט א גזירת חכמים צו רוהען פון אלע תשמישים), דאָס איז וואָס ער זאָגט דאָ „קא משמע לן בשבות הוא דפליגי", אַז שבות זאָלסטו ניט האַלטען פאַר גרינג, דען די סמיכה איז נאָר א קלעהר צוליב שבות וואָס די תנאים קריגען, און זי איז א מצוה. י) רמי בר חמא האָט געזאָגט, „שמע מינה", עס איז געדרונגען, „סמיכה בכל כחו בעינן", אז סמיכה מוז זיין מיט׳ן גאַנצען כח, „דאי סלקא דעתך", אויב דו וועסט דענקען אַז סמיכה דאַרף ניט זיין מיט׳ן גאַנצען כח, איז דאָך די פראגע, „מאי קא עביד? לסמוך?" וואָס טהוט ער דען מיט׳ן בלויזען באַרירען, זאָל ער אזוי סומך זיין? „מיתיבי", איך וועל א קשיא פרעגען, דער פסוק זאָגט, „דבר אל בני ישראל וסמך", רעד צו די אידען דאָס ווען ער

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 34**

וסמך, בני ישראל סומכין ואין בנות ישראל סומכות, רבי יוסי ור׳ (ישמעאל) אומרים בנות ישראל סומכות רשות, אמר ר׳ יוסי סח לי אבא אלעזר, פעם אחת היה לנו עגל של זבחי שלמים והביאנוהו לעזרת נשים וסמכו עליו נשים, לא מפני שסמיכה בנשים, אלא כדי לעשות נחת רוח לנשים, ואי סלקא דעתך בכל כחו בעינן, משום נחת רוח דנשים, עבדינן עבודה בקדשים? אלא לאו שמע מינה לא בעינן בכל כחו? לעולם אימא לך בעינן בכל כחו, דאמר להו אקפו ידייכו, אי הכי לא מפני שסמיכה בנשים, תיפוק ליה דאינה לסמיכה כלל? אמר רב אמי חדא ועוד קאמר, הדא דליתא לסמיכה כלל, ועוד כדי לעשות נחת רוח לנשים. אמר רב פפא שמע מינה צדדין אסורין, דאי סלקא דעתך צדדין מותרין לסמוך לצדדין? אלא לאו שמע מינה צדדין אסורין (דף י״ז ע״א) רב אשי אמר אפילו תימא צדדין מותרין כל דבהדי גבה כגבה דמי:

---

ברענגט א קרבן איז דאָ א מצוה ער זאָל סומך זיין זיינע הענד אויפ׳ן קרבן, נאָר בני ישראל זאָלען סומך זיין אָבער ניט די בנות ישראל, רבי יוסי און ר׳ שמעון זאָגען אז סמיכה דורך בנות ישראל איז א רשות ניט קיין מצוה. ר׳ יוסי האָט געזאָגט, „סח לי אבא אלעזר פעם אחת היה לנו עגל של זבחי שלמים״, אבא אלעזר האָט מיר ערצעהלט, דאָס אמאָהל האָבען מיר געהאט א קאלב פון שלמים, „והביאנוהו לעזרת נשים וסמכו עליו נשים״, און מיר האָבען איהם אריינגעבראכט אין עזרת נשים און די נשים האָבען סומך געוועז, „לא מפני שסמיכה בנשים אלא כדי לעשות נחת רוח לנשים״, ניט צוליב וייל פרויען דארפען סומך זיין, נאָר כדי צו שאַפען א נחת רוח צו די פרויען, יעצט ציהט ער צו די קשיא, „ואי סלקא דעתך בכל כחו בעינן״, און אויב דו דענקסט אז סמיכה דארף זיין מיט׳ן גאנצען כח, איז דאך די פראגע, „משום נחת רוח דנשים עבדינן עבודה בקדשים ? ״ בלויז צוליב נחת רוח פאר פרויען זאָל מען מאכען אן עבודה ביי קדשים ? „אלא לאו שמע מינה״, איז דען ניט געדרונגען, „לא בעינן בכל כחו״, אז עס דארף ניט זיין מיט כח, יעצט זאָגט די גמרא, „לעולם אימא לך בעינן בכל כחו, לעולם זאָג איך אז יאָ בכל כחו, „דאמר להו אקפו ידייכו״, נאָר דאָ שמועסט אז מען האָט געזאָגט צו די פרויען האלט אייערע הענד אויבערפלעכליך אויפ׳ן קרבן ניט מיט כח. פרעגט די גמרא, „אי הכי״, אויב עס איז ניט געוועזן קיין ריכטיגע סמיכה וואָס דען זאָגט ער, „לא מפני שסמיכה בנשים תיפוק ליה דאינה לסמיכה כלל״, ער האָט דאך געדארפט זאָגען, עס איז אינגאנצען ניט דאָ קיין סמיכה ? האָט רבי אמי געזאָגט, „חדא ועוד קאמר״, ער זאָגט איינס און נאָך א זאך, „חדא דליתא לסמיכה כלל ועוד כדי לעשות״, איינס עס איז אינגאנצען קיין סמיכה ניטאָ, און נאָך איינס, איז עס צו פארשאפען א נחת רוח צו די נשים, רב פפא האָט געזאָגט „שמע מינה צדדין אסורין״, פון ר׳ יוחנן וואָס זאָגט אז עס איז צוליב שבות, איז געדרונגען אז אויף די זייטען פון די בהמה טאָר מען אויך ניט דריקען צוליב שבות, „דאי סלקא דעתך״, דען אויב וועסט דענקען דאָס מען מעג יאָ, „לסמוך לצדדין ? ״ קען

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 35**

א) **מתני׳.** בית שמאי אומרים מביאין שלמים ואין סומכין עליהם, אבל לא עולות, ובית הלל אומרים מביאין שלמים ועולות וסומכין עליהם, עצרת שחל להיות בערב שבת בית שמאי אומרים יום טבוח אחר השבת ובית הלל אומרים אין יום טבוח אחר השבת, ומודים שאם חלה להיות בשבת שיום טבוח אחר השבת, אין כהן גדול מתלבש בכליו ומותרין בהספד ובתענית שלא לקיים דברי האומרין עצרת אחר השבת:
ב) **גמ׳.** אמר ר׳ אלעזר אמר ר׳ אושעיא מניין לעצרת שיש לה תשלומין כל שבעה שנאמר (דברים ט״ז) בחג המצות ובחג השבועות ובחג הסוכות מקיש הג השבועות לחג המצות, מה הג המצות יש לה תשלומין כל

---

מען דאָך סומך זיין אויף די זייטען? „אלא לאו שמע מינה״, נאָר געווים ניט אנדערש אז עס איז געדרונגען דאָס אויף די זייטען טאָר מען אויך ניט. רב אשי זאָגט, „אפילו תימא״, איך קען אפילו זאָגען אז צדדין מותרין, נאָר דאָ ביי סמיכה וואָס ווערט געטאָן אויפ׳ן טאָפּ זאָג איך, „כל דבהדי גבה כגבה דמי״, ביי די בהמה איז דער גאנצער גב פלאָך, איז נעבען גב גלייך צום גב און גלייך הויך ווי דער קאָפּ, געהט ניט אָן קיין צדדין.

א) **משנה.** בית שמאי זאָגען דאָס מען מעג ברייגגען שלמים אין יום טוב, נאָר מען איז ניט סומך אויף זיי, „אבל לא עולות״, אָבער ניט קיין עולות, וועלכע ער קען מקריב זיין נאָך יום טוב ווייל עולות איז אינגאנצען לגבוה, דאריבער איז נאָר שלמים צו ברענגען אין יום טוב. צוליב דעם פּסוק, „הוא לבדו יעשה לכם״, נאָר צום עסען מעג געטאָן ווערען פאר אייך אין יום טוב, טייטש איך, „לכם״, נאָר וואָס איז פאָר אייך אָבער ניט וואָס איז לגבוה, בית הלל זאָגען, „מביאין שלמים ועולות״, דאָס מען ברענגט יאָ שלמים און עולות און מען איז סומך, כאָטש מען האָט געקענט סומך זיין נאָך פאר יום טוב, ווייל עס מוז ניט זיין תיכף נאָך סמיכה די שחיטה, און דעם פּסוק „לכם״ דרש׳ענען די בית הלל אויף עפּעס אנדערש, „עצרת שחל בערב שבת״, שבועות אז עס געפאלט אין פרייטאָג, זאָגען די בית שמאי, יום טבוח אחר השבת, שעכט מען די קרבנות ראייה און חגיגה ערשט נאָך שבת, און די בית הלל זאָגען, „אין יום טבוח אחר השבת״, דער שעכטונג איז ניט נאָך שבת נאָר אין יום טוב, „ומודים שאם חלה להיות בשבת״, די בית הלל זיינען מודה צו בית שמאי, דאָס אויב דער יום טוב שבועות געפאלט אין שבת, „שיום טבוח אחר שבת״, אז דער שעכטונג איז ערשט נאָך שבת, „אין כהן גדול״ אין דעם שעכטונג טאָר זיך דער כהן גדול ניט באצירען מיט שעהנע קליידער, „ומותרין בהספד ובתענית״, אין דעם טאָג מעג מען מספיד זיין און פאַסטען אום דאמיט ניט מקיים צו זיין, „דברי האומרין עצרת אחר השבת״, די צדוקין וועלכע זאָגען אז שבועות געפאלט אימער אין זונטאָג נאָך שבת, דאריבער אויב דער כהן גדול וועט אויסזעהן יום-טוב׳דיג דעם טאָג, וועט דאָס הייסען א באשטעטיגונג פאר די צדוקין.
ב) גמ׳. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט פון ר׳ אושעיא ווענען, „מנין לעצרת״, פון וואנען קען איך דרינגען דאָס שבועות אויב מען האָט געפעהלט מקריב צו זיין, דאָס מען זאָל קענען אבצאָהלען גאנצע זיבען טעג? „שנאמר״, דען דע־

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 35**

שבעה, אף חג השבועות יש לה תשלומין כל שבעה, ואימא מקיש לחג הסוכות מה חג הסוכות יש לה תשלומין כל שמונה אף חג השבועות יש לה תשלומין כל שמונה? שמיני רגל בפני עצמו הוא. ג) אימר דאמרי שמיני רגל בפני עצמו הוא הני מילי לענין פז״ר קש״ב, אבל לענין תשלומין, תשלומין דראשון הוא, דתנן מי שלא חג ביום טוב הראשון של חג חוגג את כל הרגל ויום טוב האחרון? תפשת מרובה לא תפשת, תפשת מועט תפשת, אלא למאי הלכתא כתביה רחמנא לחג הסוכות? לאקושי לחג המצות מה חג המצות טעון לינה אף חג הסוכות טעון לינה, והתם מנלן? (דף י״ז ע״ב) דכתיב ופנית בבקר והלכת לאהליך.

---

פסוק זאָגט „בחג המצות ובחג השבועות ובחג הסוכות, מקיש חג השבועות לחג המצות״, גלייך איך שבועות צו חג המצות, „מה״, פונקט ווי חג המצות האָט תשלומין גאַנצע זיבען טעג אַזוי אויך שבועות, פרעגט די גמרא, „ואימא מקיש לחג הסוכות?״ לאָמיר גלייכען שבועות צו סוכות פונקט ווי סוכות האָט תשלומין אכט טעג, אַזוי אויך זאָל שבועות האָבען תשלומין אכט טעג? ענטפערט די גמרא, „שמיני רגל בפני עצמו הוא״, דער אכטער טאָג פון סוכות איז אַ באַזונדערער יום טוב ניט אין כלל סוכות. ג) פרעגט די גמרא, „אימר דאמרי״, ווען זאָג איך, „שמיני רגל בפני עצמו״, אַז דער אכטער טאָג איז אַ באַזונדערער יום טוב, „הני מילי לענין״, די רייד זיינען נאָר געזאָגט געגען פז״ר קש״ב, די פ׳ איז פיים, ז׳ זמן, ר׳ רגל, ק׳ קרבן, ש׳ שיר, ב׳ ברכה, פיים מיינט מען גורל, די פרים פון חג, איז מען ניט מקריב נאָך אַ גורל נאָר לויט חשבון און סדר פון די משמרות, און דעם פר פון אכטען טאָג איז יאָ אַ גורל וועלכע משמרה זאָל מקריב זיין, זמן מיינט דאָס שמיני האָט די ברכת שהחינו. רגל, שמיני האָט אַ נאָמען אַלס רגל באַזונדער און ער הייסט ניט סוכות, קרבן, זיינע קרבנות זיינען אַנדערע אין צאָהל ניט אין כאַראַקטער פון סוכות, שיר, איז אויך אַן אַנדערער פאַר די קרבנות פון דעם טאָג, געגען די זאַכען איז שמיני אַ באַזונדערער יום טוב אָבער געגען תשלומין איז ער איינס מיט סוכות, אַלזאָ קענסטו דאָך אַרויסלערנען אויף „תשלומין שמונה?״ ענטפערט די גמרא „תפשת מרובה לא תפשת״, אַז דו וועסט וועלען אָננעמען אַ סך, וועסטו גאָרניט אָננעמען, „תפשת מועט תפשת״, ווייניגער קען מען בעסער אָננעמען, מיינענדיג דאַמיט דאָס זיבען טעג קען מען גיכער אַרויסלערנען, פרעגט די גמרא, „אלא למאי הלכתא כתביה רחמנא?״ צו וואָס ווידער האָט די תורה אָנגעשריבען אויך חג הסוכות? ענטפערט די גמרא „לאקושי לחג המצות״, צו צוגלייכען סוכות צו חג המצות, „מה״, פונקט ווי חג המצות דאַרף לינה, די מצוה איז צו איבערנעכטיגען אין ירושלים, אַזוי אויך סוכות דאַרף לינה, „והתם מנלן?״ און דאָרט פון וואַנען איז געדרונגען אויף לינה? „דכתיב״ דען דער פסוק זאָגט, „ופנית בבקר והלכת לאהליך״, אין דער פריה זאָלסטו דיך ווענדען און אַהיים געהן צו דיין געצעהלט, די לינה מיינט מען ערשט מוצאי יום טוב ווייל דער פסוק זאָגט „וזבחת פסח צאן ובקר״, דו זאָלסט שעכטען דעם פסח אַ שאָף און אַ רינד, ווי קומט אַהער אַ רינד? נאָר דאָס געהט אַרויף אויף

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 36**

**ד) תנן עצרת שחל להיות ערב שבת בית שמאי אומרים יום טבוח אחר שבת, ובית הלל אומרים אין לה יום טבוח, מאי לאו אין לה יום טבוח כלל ? לא, שאינה צריכה יום טבוח, ומאי קא משמע לן דמקרבינן ביומיה,**

---

חגיגה און דער פסוק ערקלערט, „ולא ילין מן הבשר אשר תזבח בערב ביום הראשון לבקר", ער זאל ניט איבערנעכטיגען פון פלייש וואס דו שעכסט מיט'ן אבענד דעם ערשטען טאג, ביז אין דער פריה, און דאס געהט דאך ארויף אויך אויף חגיגה וואס ווערט געגעסען צוויי טעג און געווים מיינט ער דעם בקר פון מוצאי יום טוב אויף דעם ענדיגט דער פסוק „ופנית בבקר והלכת לאהליך", וואס ר׳ אושעיא לערענט ארויס תשלומין פאר שבועות פון דעם היקש, ברענגט דער ספרי דברים פון ר׳ יוסי הגלילי וועגען, אין פסוק (ראה) „חג הסוכות תעשה לך שבעת ימים", זאלסט מאכען סוכות זיבען טעג, „שבעת ימים תחוג לה׳ אלקיך", זיבען טעג זאלסטו פייערען צו ג־ט מיט ברייגגען א קרבן חגיגה „במקום אשר יבחר", אין פלאץ וואס ג־ט האט אויסגעוועהלט, „שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך", דריי מאהל אין יאהר זאל ווערען געזעהן דיינע זכרים, אין חג המצות, חג השבועות און חג הסוכות, און צו זאל איך לערנען איינפאך אז עס געהט ארויף אויף חג הסוכות, איז עס דאך איבעריג, דען עס איז שוין לאנג געזאגט ריין אין פרשת אמור, „וחגותם אותו חג לה׳", איהר זאלט איהם פייערען מיט א קרבן חגיגה זיבען טעג, צו וואס דארף ער דא ווידער זאגען „שבעת ימים תחוג ? " און געווים אז דער פסוק געהט ארויף אויף אונטען, און אזוי אין דער פירוש, „שבעת ימים תחוג לה׳ אלקיך בשלש פעמים בשנה", זיבען טעג זאלסטו מאכען יום טוב מיט א קרבן חגיגה דריי מאהל אין יאהר, דאמאלסט ווען עס ווערען געזעהן אלע זכרים אין ירושלים, חג המצות, שבועות און סוכות, אין די דריי מאהל זאלסטו אלץ פייערען זיבען טעג, דען אין די אלע איז מען מחויב צו ברייגגען א חגיגה עס זאל זיין מיט תשלומין שבעה, מיט דעם קענסטו פארשטעהן וואס ר׳ אושעיא זאגט איז באגרינדעט אין פסוק נאך ר׳ יוסי הגלילי, דאס וואס די גמרא פרעגט „למאי הלכתא כתביה רחמנא לחג הסוכות", געהט די קשיא אזוי ווארום האט די תורה דאס ניט געזאגט ביי חג הפסח, וואלט דאך ניט געווען קיין ספק צו זיבען צו אכט, און דארט וואלט איך מעהר ניט ארויסגעלערענט ווי אויף תשלומין שבעה, נעגען וואס פאר א הלכה האט ער עס צוגעשטעלט צו חג הסוכות ? און געווים צו ארויסלערנען פון חג הפסח דורך דעם היקש אויף לינה. ד) מיר האבען געלערענט אין די משנה אז שבועות איז געפאלען אין ערב שבת זאגען די בית שמאי אז דער יום טבוח איז ערשט נאך שבת, און די בית הלל זאגען אז זי האט ניט קיין יום טבוח, פרעגט די גמרא „מאי לאו ? " מיינט עס דען ניט, אז, „אין לה יום טבוח כלל", עס האט גאר אינגאנצען ניט געהאט קיין יום טבוח, דאס מיינט קיין תשלומין איז דאך א קשיא אויף ר׳ אושעיא ? ענטפערט די גמרא, „לא", ניט אזוי מיינט מען,„שאינה צריכה יום טבוח", זי דארף ניט קיין יום טבוח ווייל מען מעג מקריב זיין אין יום טוב, „ומאי קמש״ל ? " און וואס לאזט ער מיך הערען ? „דמקרבינן ביומיה", אז מען איז מקריב

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 36**

**הא איפליגי בה חדא זימנא דתנן בית שמאי אומרים מביאין שלמים ואין סומכין עליהן אבל לא עולות, ובית הלל אומרים מביאין שלמים ועולות וסומכין עליהם, צריכה דאי אשמעינן בהא, בהא קא אמרי ב"ש משום דאפשר למחר אבל הכא אימא מודו להו לבית הלל, ואי אשמעינן בהא, בהא קאמרי ב"ה משום דלא אפשר למחר אבל בהאא אימא מודו לבית שמאי, צריכה. ה) תא שמע מי שלא חג שבעת ימי הפסח ושמונת ימי החג ויום הראשון של עצרת שוב אינו חוגג, מאי לאו יום טוב של עצרת? לא יום טבות, אי הכי נפשוט מינה דחד יום טבוח? אימא ימי טבוח, תא שמע דתני רבה בר שמואל אמרה תורה מנה ימים וקדש חדש, מנה**

---

אין זיין טאָג, פרעגט די גמרא „הא איפלוגי בה חדא זימנא?" זיי קריגען דאָך שוין אין דעם איין מאָהל, „דתנן, בית שמאי אומרים מביאין שלמים ואין סומכין עליהם אבל לא עולות?" וואָס דאַרף די משנה פאַרדאָבלען? ענטפערט די גמרא, „צריכה", ער מוז מיך לאָזען הערען נאכאמאָהל, „דאי אשמעינן בהא", דען אויב ער וועט אונז לאָזען הערען ביי דעם ווען דער יום טוב געפאלט ניט אין ערב שבת, וועל איך זאָגען, „בהא קאמרי בית שמאי", נאָר ביי אזאַ פאַל זאָגען די בית שמאי אַז מען טאָר יום טוב ניט מקריב זיין, „משום דאפשר למחר", ווייל מען קען דאָך מקריב זיין צומאָרגענס, „אבל הכא", אָבער דאָ ווען עס געפאלט ערב שבת, „אימא מודו להו לבית הלל", וואָלט איך מיינען אַז די בית שמאי זיינען מודה צו בית הלל אַז מען איז יאָ מקריב אין יום טוב, ווייל נאָך צעגערען א טאָג, האָב איך מורא די זאַך זאָל ניט פארשלעפט ווערען, „ואי אשמעינן בהא", און אויב ער וועט אונז לאָזען הערען ביי דעם, וועל איך זאָגען, „בהא קאמרי בית הלל", נאָר ביי אזאַ פאַל זאָגען די ב"ה מען זאָל יאָ מקריב זיין די עולת ראייה און חגיגה, „משום דלא אפשר למחר", ווייל עס איז ניט מעגליך צומאָרגענס צוליב שבת, „אבל בהא", אָבער ווען שבועות געפאלט אין אַן אנדער טאָג, „אימא מודי לבית שמאי", וואָלט איך מיינען, ווייל מען קען דאָך צומאָרגענס מקריב זיין, זיינען די בית הלל מודה צו בית שמאי דאָס מען וואַרט ביז מאָרגען, „צריכה", איז עס געברויכט צו לאָזען הערען זייער פלוגתא איןביידע פאַלען, סאַי ערב שבת סאַי אַן אנדער טאָג. ה) „תא שמע", איך וועל דיר א קשיא פרעגען, „מי שלא חג", ווער עס האָט ניט געבראכט די חגיגה, די זיבען טעג אין פסח און אכט טעג אין סוכות, און יום טוב פון שבועות, „שוב אינו חוגג", דאַרף ער שוין מעהר ניט ברייגגען, „מאי לאו, יום טוב של עצרת?" מיינסטו דען ניט דאָס יום טוב פון שבועות אויב ער האָט ניט געבראכט דאַרף ער שוין ניט ברייגגען, זעהסטו דאָך גוט דאָס שבועות האָט ניט קיין תשלומין? ענטפערט די גמרא, „לא", ניין, „יום טבוח", מען מיינט דעם שעכטטאָג נאָך שבועות, „אי הכי", אויב אַזוי איז עס דאָך נאָר איין טאָג, „ניפשוט מינה דחד יום טבוח?" קענסטו דאָך דיר דרינגען דאָס נאָר איין טאָג איז תשלומין? ענטפערט די גמרא, „אימא ימי טבוח", זאָג „ימי" אין מעהרצאָל, אַז עס איז דאָ מעהר טעג ווען מען שעכט די קרבנות וואָס מען גיט אָפּ פאר שבועות, „תא שמע", רבה

ימים וקדש עצרת מה חדש למנויו אף עצרת למנוייה, מאי לאו גמר מחדש מה חדש יום אחד אף עצרת יום אחד? אמר רבא ותסברא אטו עצרת יומי מנינן שבוע לא מנינן והאמר אביי מצוה למימני יומי דכתיב (ויקרא כ"ג) תספרו חמשים יום, ומצוה למימני שבועי דכתיב (דברים ט"ז) שבעה שבועות תספור לך, ועוד חג שבועות כתיב. ו) דבי ר"א בן יעקב תנא אמר קרא (ויקרא כ"ג) וקראתם ובקצרכם, איזה חג שאתה קורא וקוצר בו הוי אומר זה חג עצרת, אימת אילימא ביום טוב, קצירה ביום טוב מי שרי? אלא לאו לתשלומין, אף על גב דאיתמר דר' אלעזר אמר ר' אושעיא, איצטריך דר' אלעזר בן יעקב, דאי מדר' אלעזר אמר ר' אושעיא, הוה אמינא, מה תשלומין של חג המצות אסור בעשיית מלאכה אף תשלומי עצרת נמי אסור בעשיית מלאכה קא משמע לן דר'

---

בר שמואל האָט געלערענט, די תורה האָט געזאָגט, „מנה ימים וקדש חדש", צעהל טעג און זיי מקדש דעם חדש, פאר מוספים, „מנה ימים וקדש עצרת", צעהל טעג פון ספירה און זיי מקדש עצרת, פאר די קרבנות, „מה חדש למנויין אף עצרת למנוייה", פונקט ווי דער חדש איז איין טאָג פון די געצעהלטע ראש חדש, אזוי אויך שבועות לויט איהרע געצעהלטע טעג, „מאי לאו גמר מחדש מה חדש יום אחד אף עצרת יום אחד?" מיינסטו דען ניט, אז מען לערענט ארויס שבועות פון חודש פונקט ווי ראש חדש אין איין טאָג אזוי אויך איז שבועות נאָר איין טאָג פאר די קרבנות, זעהסטו דאָך גוט, דאָס עצרת האָט קיין תשלומין? האָט רבא געזאָגט, „ותסברא?" אזוי פארשטעהסטו? „אטו עצרת יומי מנינן שבועי לא מנינן?" איז דען ביי עצרת געצעהלט טעג און וואָכען ניט? „והאמר", אביי האָט דאָך געזאָגט, „מצוה למימני", עס איז א מצוה צו צעהלען טעג און עס איז א מצוה צו צעהלען וואָכען, ווי דער פסוק זאָגט, „שבעה שבועות תספור", זאָלסט צעהלען זיבען וואָכען, „ועוד", און נאָך איינס, חג השבועות כתוב", דער יום טוב הייסט דאָך שבועות צוליב די צעהלונג פון וואָכען. ו) ביי ר' אלעזר בן יעקב האָט מען געלערענט, „אמר קרא", דער פסוק זאָגט ביי שבועות „וקראתם בעצם היום הזה", איהר זאָלט רופען דעם טאָג פאר יום טוב, „ובקצרכם את קציר ארצכם", און אז איהר וועט שניידען די תבואה זאָלט איהר שניידען דעם עומר, „איזה חג שאתה קורא וקוצר הוי אומר זה עצרת", וועלכער חג איז דאָס, וואָס דו רופסט עס יום טוב און שניידסט דעם עומר, דאָס איז דאָך עצרת, „אימת?" ווען מיינט מען דאָס שניידען? „אילימא ביום טוב", ווענסטו וועלען זאָגען אין יום טוב? „קצירה ביום טוב מי שרי?" מעג מען דען שניידען אין יום טוב? „אלא לאו לתשלומין", נאָר געוויס ניט אנדערש, נאָר פאר תשלומין אויף נאָך יום טוב, א יום טוב אויף אָבגעבען די קרבנות, „ואף על גב דאיתמר", חאָטש עס איז שוין געלערענט געוואָרען פון ר' אלעזר אמר ר' אושעיא „אצטריך דרי אלעזר בן יעקב", דאַרף מען פונדעסטוועגען ר' אלעזר בן יעקב, „דאי מדרי אושעיא", דען אויב פון ר' אושעיא אליין, „הוה אמינא", וואָלט איך מיינען, „מה תשלומין של חג המצות אסור בעשיית מלאכה אף תשלומי עצרת", פונקט ווי די

אלעזר בן יעקב, ואי מדר' אלעזר בן יעקב (דף י"ח ע"א) לא ידענא כמה, קמש"ל דר' אלעזר אמר ר' אושעיא.

א) **וריש** לקיש אמר (שמות כ"ג) וחג הקציר איזהו חג שאתה חוגג וקוצר בו הוי אומר זה עצרת, אימת? אילימא ביום טוב? קצירה ביום טוב מי שרי? אלא לאו לתשלומין, אמר ר' יוחנן אלא מעתה חג האסיף איזה חג שיש בו אסיפה הוי אומר זה חג הסוכות, אימת? אילימא ביום טוב, מלאכה ביום טוב מי שרי? אלא בחולו של מועד? חולו של מועד מי שרי? אלא חג הבא בזמן אסיפה? הכא נמי חג הבא בזמן קצירה. ב) מכלל דתרווייהו סבירי להו דחולו של מועד אסור בעשיית מלאכה, מנא הני מילי? דתנו רבנן את חג המצות

---

תשלומין פון פסח איז אסור צו טאָן א מלאכה דען די זיבען טעג זיינען דאָך סאַי ווי סאַי יום טוב, אַזוי אויך פון שבועות וואָלט איך מיינען זיינען אויך אסור צו טאָן א מלאכה? „קא משמע לן דר' אלעזר בן יעקב", לאָזט ער מיך הערען פון ר' אלעזר בן יעקב, „ואי", און ווען בלויז פון ר' אלעזר בן יעקב, „לא ידענא כמה?" וואָלט איך ניט וויסען וויפיל טעג תשלומין? „קא משמע לן", לאָזט ער מיך הערען פון ר' אושעיא.

א) **ריש** לקיש זאָגט דער פסוק זאָגט, „חג הקציר", דער יום טוב פון שניט, „איזה חג שאתה חוגג וקוצר בו?" וועלכער יום טוב איז דאָס וואָס מען איז מקריב די חגיגה און מען שניידט דעם עומר? „זה עצרת", דאָס איז דאָך שבועות, „אימת?" ווען מיינט מען שניידען? „אילימא ביום טוב?" וועסטו פיליכט זאָגען אין יום טוב? „קצירה ביום טוב מי שרי?" מעג מען דען שניידען אין יום טוב? „אלא לאו לתשלומין?" אלא ניט אנדערש נאָר פאַר תשלומין? האָט ר' יוחנן געזאָגט, „אלא מעתה?" נאָך דיין מיינונג נאָך? עס איז דאָ א פסוק חג האסיף, דער יום טוב ווען מען זאַמעלט איין די תבואות, קענסטו דאָך אויך אַזוי זאָגען, „אי זה חג שיש בו אסיפה?" וועלכען יום טוב מיינט מען עס, וואָס דעריין איז דאָ אסיפה? „הוי אומר זה חג הסוכות?" איז דאָך געוויס צו זאָגען דאָס איז סוכות? „אימת?" ווען זאָל מען איינזאַמלען די תבואה? „אילימא ביום טוב?" וועסטו אפשר זאָגען אין יום טוב? „מלאכה ביום טוב מי שרי?" מעג מען דען א מלאכה טאָן אין יום טוב? „אלא" אפשר מיינסטו אין חול המועד? „מי שרי?" מעג מען דען אין חול המועד טאָן? וואָס דען מיינט מען חג האסיף? „אלא" איז דאָך זיכער „חג הבא בזמן אסיפה?" אזא יום טוב וואָס נעפאַלט אין א צייט פון אסיפה? „הכא נמי חג הבא בזמן קצירה?" אַזוי אויך דאָ מיינט מען אזא יום טוב וואָס קומט אין שניטצייט? איז דאָך שוין ניט גערדרונגען וואָס ריש לקיש זאָגט. ב) פון שמועס צווישען ר' יוחנן און ריש לקיש, „מכלל דתרווייהו סבירי להו", ציינט זיך ארוים דאָס ביידע האלטען, אז חולו המועד איז אסור צו טאָן א מלאכה, פרעג איך „מנא הני מילי?" פון וואַנען איז עס גערדרונגען? „דתנו רבנן", זיי האָבען געלערענט דער פסוק זאָגט „את חג המצות תשמור", זאָלסט היטען דעם חג המצות זיבען טעג, און תשמור מיינט

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 37**

תשמור שבעת ימים, לימד על חולו של מועד שאסור בעשיית מלאכה דברי רבי יאשי' ר' יונתן אומר אינו צריך, קל וחומר, ומה ראשון ושביעי שאין קדושה לפניהן ולאחריהן אסור בעשיית מלאכה, חולו של מועד שיש קדושה לפניהן ולאחריהן אינו דין שיהא אסור בעשיית מלאכה, ששת ימי בראשית יוכיחו שיש קדושה לפניהן ולאחריהן ומותרין בעשיית מלאכה, מה לששת ימי בראשית שאין בהן קרבן מוסף, תאמר בחולו של מועד שיש בו קרבן מוסף, ראש חדש יוכיח שיש בו קרבן מוסף ומותר בעשיית מלאכה, מה לראש חדש שאין קרוי מקרא קדש, תאמר בחולו של מועד שקרוי מקרא קדש, הואיל וקרוי מקרא קדש, דין הוא שאסור בעשיית מלאכה. ג) תניא אידך (ויקרא כ"ג) כל מלאכת

---

א לאו צו היטען ניט צו טאָן קיין מלאכה, „לימד", דאָס קומט אָנלערנען אויף חול המועד ניט צו טאָן קיין מלאכה, „דברי" אזוי האלט ר' יאשיה, ר' יונתן זאָגט, „אינו צריך", ער דארף ניט דעם פסוק, עס איז א קל וחומר, „ומה ראשון ושביעי", מה דאָך דער ערשטער און לעצטער טאָג יום טוב, „שאין קדושה לפניהן ולאחריהן", וואָס האָבען קיין קדושה ניט פאר זיי און ניט נאָך זיי, „אסור בעשיית מלאכה", פונדעסטוועגען זיינען זיי אסור פון א מלאכה, חול המועד טעג האָבען דאָך יאָ א קדושה פאר זיי און נאָך זיי, „אינו דין", איז דען ניט ריכטיג, „שיהא אסור בעשיית מלאכה", אז זיי זאָלען זיין אסור פון א מלאכה? פרעגט די גמרא אָפּ, „ששת ימי בראשית יוכיחו שיש קדושה?" די וואָכען טעג צייגען איבער, ביי זיי איז דאָך אויך דאָ א קדושה פאר זיי און נאָך זיי „ומותרין", און פונדעסטוועגען זיינען זיי מותר פאר א מלאכה? איך קען אָבער אָבפרעגען, „מה לששת ימי בראשית?" ווייסטו וואָרום די וואָכען טעג זיינען מותר צו א מלאכה, „שאין בהן קרבן מוסף", ווייל זיי האָבען ניט קיין קרבן מוסף? „תאמר", וועסטו אָבער זאָגען וועגען חול המועד, זיי האָבען דאָך קרבנות מוסף? איז אָבער „ראש חודש יוכיח", ראש חדש איבער־צייגט, ער האָט אויך א קרבן מוסף פונדעסטוועגען איז ער מותר צו א מלאכה, איז א סברה חול המועד זאָל אויך מותר זיין צו א מלאכה, איך קען אָבער דאָס אויך איבערפרעגען, „מה לראש חדש שאין קרוי מקרא קדש?" ווייסטו וואָרום ראש חדש איז מותר צו א מלאכה ווייל ער ווערט ניט גערופען מקרא קדש, „תאמר", אָבער אז דו וועסט זאָגען וועגען חול המועד זיי ווערען גערופען מקרא קדש, „הואיל וקרוי מקרא קדש", און ווייל זיי ווערען גערופען מקרא קדש, „דין הוא", איז אַ סברא זיי זאָלען אסור זיין פון א מלאכה. ג) „תניא אידך", נאָך אין א ברייתא האָבען מיר געלערענט, „כל מלאכת עבודה לא תעשו", קיין שום ארבייט פון א מלאכה זאָלט איהר ניט טאָן, „לימד על חול המועד שאסור בעשיית מלאכה", דאָס קומט אָנלערנען דאָס חול המועד איז אסור פון א מלאכה, (מיר וועלען אביסעל שפעטער ערקלערען דעם דרוש), אזוי האלט ר' יוסי הגלילי, די פונקטען פון די דרושים זיינען דאָ, אויף שבת און יום כפור שרייבט די תורה תמיד, „כל מלאכה לא תעשו", איהר זאָלט ניט טאָן קיין שום מלאכה און אויף יום טוב שטעהט תמיד „כל מלאכת עבודה", אלע

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 37**

עבודה לא תעשו, לימד על חולו של מועד שאסור בעשיית מלאכה דברי ר' יוסי הגלילי, ר' עקיבא אומר אינו צריך הרי הוא אומר אלה מועדי ה' במה הכתוב מדבר אם בראשון הרי כבר נאמר שבתון? אם בשביעי הרי כבר נאמר שבתון? הא אין הכתוב מדבר אלא בחולו של מועד

---

מלאכות וואס זיינען ארבייט זאלט איהר ניט טאן, דאס איז דערפאר ווייל די מלאכות פון עסען מעג מען יא טאן אין יום טוב, דאריבער האט די תורה גע־ענדערט און געשריבען מלאכת עבודה, דאס איז באוואוסט דאס פילע פוסקים האלטען דאס אזא מלאכה וואס איז דער שטייגער צו טאן דורך עבדים מעג עם זיין אפילו אוכל נפש, טאר מען ניט, ווייל דאס הייסט שוין „מלאכת עבודה" אבער שבת און יום כפור, אין וועלכע יעדער עסק איז אסור אפילו אוכל נפש שטעהט טאקע „כל מלאכה", וואס מיינט אפילו די גרינגסטע זאך, און ער קען ניט שרייבען מלאכת עבודה, די תורה האט אונז דאס ענטדעקט אין פרשת בא, ער זאגט אויף יום טוב „כל מלאכה לא יעשה בהם", קיין שום מלאכה זאל ניט געטאן ווערען, זאגט ער טאקע באלד צו, „אך אשר יאכל לכל נפש הוא לבדו יעשה לכם", נאר אזא זאך וואס ווערט געטאן פאר אוכל נפש דאס אליין מעג געטאן ווערען, ער זאגט דעם היתר ווייל ער האט פריהער געזאגט כל מלאכה, וואלט איך געמיינט אפילו אוכל נפש, נאר איין אויסנאם געפינען מיר ביי יום טוב אין פרשת ראה „ששת ימים תאכל מצות וביום השביעי עצרת לה' אלקיך לא תעשה כל מלאכה", וואלט דאך באדארפט שטעהן מלאכת עבודה. ר' יוסי הגלילי דרינגט דא פון אן אנדערען פונקט, ביי יום טוב שטעהט „ביום הראשון מקרא קדש כל מלאכת עבודה לא תעשו", דעם ערשטען טאג מקרא קדש און קיין שום מלאכה וואס איז ארבייט זאלט איהר ניט טאן, אזוי זאגט ער אין זיבעטען און אין אכטען טאג יום טוב, דרינגט דא ר' יוסי הגלילי דאס ווארט „כל", דען דאס ווארט „כל", ביי ניט טאן, מיינט קיין שום זאך ניט טאן וואס איז עפעס א מלאכה פון ארבייט, אט דאס איז טאקע דער אונטער־שייד צווישען יום טוב און חול המועד, מיט דעם וואס ער זאגט ביי יום טוב „כל מלאכת עבודה", אהן אונטערשייד, און אין חול המועד איז ניט גע'אסר'ט אלעס, באגרינדעט איז עס וואס ער זאגט „עצרת הוא כל מלאכת עבודה לא תעשו", עצרת מיינט איינגעהאלטען פון א מלאכה, איז דאך די פראגע וואס דארף ער נאך צו זאגען „כל מלאכת עבודה לא תעשו?" נאר די מיינונג איז דא אזוי, אז דער טאג איז עצרת אן אויפהאלטען געגען די פאריגע טעג חול המועד, מיט דעם וואס אין איהם איז, „כל מלאכת עבודה לא תעשו", און אין חול המועד איז נאר א טייל מלאכות אסור. ר' עקיבא זאגט „אינו צריך", מען דארף ניט אנקומען צו דעם פסוק, ער ווייזט אן, „אלה מועדי ה' אשר תקראו אותם מקראי קדש", די זיינען ג־ט'ס מועדים וועלכע איהר זאלט זיי רופען מקראי קדש, „להקריב אשה לה'", צו מקריב זיין אן אשה פאר ג־ט, דער פסוק געהט ארויף אויף גאנץ יום טוב, דען אין יעדען טאג איז מען מקריב אן אשה, חול המועד אריינגענומען, און ער רופט זיי אלעמען מקראי קדש, זעהען מיר דאך דאס זיי זיינען מיוחד אין די קדושה און אבגעשיידט פון מאנכע

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 37**

ללמדך שאסור בעשיית מלאכה. תניא אידך (דברים ט״ז) ששת ימים תאכל מצות וביום השביעי עצרת לה׳ מה שביעי עצור אף ששת ימים עצורים, אי מה שביעי עצור בכל מלאכה אף ששת ימים עצורין בכל מלאכה? תלמוד לומר וביום השביעי עצרת, השביעי עצור בכל מלאכה, ואין ששת ימים עצורין בכל מלאכה, הא לא מסרן הכתוב אלא לחכמים

---

מלאכות. אויך איז שווער וואָס ער זאָגט נאָך „ביום הראשון שבתון וביום השמיני שבתון״, ער האָט דאָך שוין לאנג געזאָגט אויבען אין פסוק „ביום הראשון מקרא קדש וכו׳ ״, אלזאָ דאָס איז זיכער אז דער פסוק „אלה מועדי ה׳ ״ נעמט ארום אויך חול המועד, דאריבער האָט ער שוין געמוזט זאָגען נאָך אמאָהל, „ביום הראשון שבתון״, דעם ערשטען טאָג זאָל זיין שבתון, שבתון מיינט גאנצליכע רוהע, מיינענדיג צו זאָגען, דאָס כאָטש חול המועד איז גלייך צום ערשטען און אכטען טאָג מיט׳ן נאָמען מקרא קדש, פונדענסוועגען איז אָן אונטערשייד, דער ערשטער און אכטער טאָג הייסען שבתון גענצליכע רוהע, אפילו פון א מלאכה וואָס די ווארע קען פארלאָרען געהן, אָבער חול המועד אזא מלאָכה מעג מען יאָ טאָן, דאָס ווערט גערופען „מלאכת דבר האבוד״, יעצט איז פארשטענדליך וואָס ר׳ עקיבא זאָגט „הרי הוא אומר״, אזוי ווי ער זאָגט „אלה מועדי ה׳, במה הכתוב מדבר? ״ ביי וועלכע טעג רעדט דער פסוק? „אם בראשון״? ״ זאָל איך זאָגען אויף דעם ערשטען טאָג? „הרי כבר נאמר? ״ איז דאָך שוין לאנג געזאָגט שבתון, „אם בשביעי? ״ זאָל איך זאָגען דעם זיבעטען? „הרי כבר נאמר שבתון? ״ שטעהט דאָך שוין לאנג שבתון, און שבתון מיינט דאָך גענצליכע רוהע, „הא אין הכתוב מדבר״, פון דעם זעהט מען אז דער פסוק רעדט נאָר פון חול המועד, „ללמדך״, דיר צו לערנען אז חול המועד איז אויך אסור פון א מלאכה, וועלכע די חכמים וועלען זאָגען, אָבער דער ערשטער און אכטער זיינען שבתון גענצליכע רוהע, אפילו פון א דבר אבוד, ווי די חכמים זאָגען. „תניא אידך ששת ימים תאכל מצות וביום השביעי עצרת לה׳, מה שביעי עצור בכל מלאכה״, פונקט ווי דער זיבעטער איז אויפגעהאַלטען פון א מלאכה אזוי אויך אלע זעקס טעג דארפען זיין איינגעהאַלטען פון מלאכה, עס איז דאָך א וואונדער ווארום רופט עפּעס די תורה דעם זיבעטען טאָג פסח און אכטען טאָג סוכות מיט׳ן נאָמען עצרת, און דעם ערשטען טאָג פוןביידע ימים טובים און פון שבועות רופט ער ניט עצרת, זיי זיינען דאָך אויך צוריקגעהאלטען פון מלאכה? נאָר דער אמת איז דער נאָמען עצרת איז ספּעציעל פאַר די טעג נאָך חול המועד, ווייל חול המועד טעג זיינען אויך אסור פון טייל מלאכות, דאריבער זאָגט ער אז דער לעצטער טאָג איז עצרת, גענצליך צוריקגעהאַלטען אפילו פון די מלאכות וועלכע זיינען מותר אין חול המועד, דאָס איז וואָס ער זאָגט דאָ, „אי מה שביעי עצור״, איך וואָלט דאָך מיינען אזוי ווי שביעי איז עצור פון יעדער מלאכה אזוי אויך חול המועד? „תלמוד לומר״, דעריבער שטעהט „וביום השביעי עצרת״, נאָר דער זיבעטער איז גענצליך עצרת, און נאָך דערצו שטעהט ביי דעם טאָג „כל מלאכה״, אנשטאָט „כל מלאכת עבודה, הא לא מסרן הכתוב אלא לחכמים״,

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 37**

לומר לך אי זה יום אסור ואי זה יום מותר, אי זו מלאכה אסורה ואי זו מלאכה מותרת. ד) ומותרין בהספד ותענית שלא לקיים את דברי האומרין עצרת אחר השבת: (והאיתמר) מעשה ומת אלכסא בלוד, ונכנסו כל ישראל לסופדו ולא הניחם ר' טרפון מפני שיום טוב של עצרת היה, יום טוב סלקא דעתך? אי ביום טוב מי קאתו? אלא אימא מפני שיום טבוח היה? לא קשיא כאן ביום טוב שחל להיות אחר השבת, כאן ביום טוב שחל להיות בשבת: (דף י"ח ע"ב). ה) **מתני'.** נוטלין לידים לחולין ולמעשר ולתרומה, ולקודש מטבילין, ולחטאת אם נטמאו ידיו נטמא גופו, טבל להולין הוחזק לחולין אסור למעשר, טבל למעשר

---

נאר מוז זיין ניט אנדערש, עס איז איבערגעטפערט צו די חכמים, „אי זה יום?" וועלכען טאג, „איזו מלאכה?" און וועלכע מלאכה מען מעג יא און וועלכע מען טאר ניט. (וועלכען טאג מיינט ווען עס זאל געפאלען יום טוב און ווען חול המועד). ד) צו דער משנה, „ומותרין בהספד וכו'", פרעגט די גמרא „והא איתמר", מיר האבען דאך געלערנט, „מעשה", עס האט פאסירט, „ומת אלכסא בלוד", עס איז געשטארבען א גרויסער מאן אין לוד, „ונכנסו כל ישראל לסופדו", זיינען אריין אלע אידען צו מספיד זיין איהם, „ולא הניחם ר"ט מפני שיום טוב של עצרת היה", האט זיי ר' טרפון ניט געלאזט מאכען קיין הספד, צוליב דעם יום טוב פון שבועות, איז דאך די פראגע, יום טוב, „סלקא דעתך?" קען זיין אויף דיין געדאנק אז עס איז געווען יום טוב? „אי ביום טוב מי קאתו?" אויב טאקע יום טוב וואלטען זיי דען געקומען? "אלא אימא", מוזטו דאך זאגען, „מפני שיום טבוח היה", אז עס איז געווען א יום טבוח און נאך שבועות, זעהסטו דאך גוט דאס מען טאר ניט מספיד זיין, און די משנה זאגט דאך דאס מען מעג מספיד זיין, געגעצושטרייטען די צדוקים וואס זאגען אז דער יום טוב שבועות געפאלט אלע מאהל נאך שבת? ענטפערט די גמרא, „לא קשיא, כאן ביום טוב שחל להיות", די היגע משנה וואס זאגט יא מספיד צו זיין צו פארשטעכען דעם טאג נאך שבת שמועסט דאס שבועות איז געפאלען אין שבת, און די מעשה אין לוד שמועסט אז עס איז דאמאלסט געפאלען שבועות אין אן אנדערען טאג נאך שבת, קומט שוין אויס דער יום טבוח אין א טאג אויסער זונטאג, וואס האט ניט צו טאן מיט די צדוקים. ה) משנה. „נוטלין לידים", סתם ידים, מיינט, הענד וועלכע האבען ניט באריהרט קיין טומאה, אבער אויך ניט אין באוואוסטזיין אלס ריינע, די איז גענוג צו אבגיסען מיט א כלי פון א רביעית מים צו קענען עסען חולין מעשר און תרומה, „ולקודש", אבער קודש צו עסען מוז מען טובל'ען די הענד אין פיער־ציג סאה, „ולחטאת", צו מעגען באריהרען מיט די הענד אן מי חטאת וועלכע זיינען געהייליגט מיט אפר פרה צו שפריצען אויף די וועלכע זיינען טמא געווארען פון א מת, דאס הייסט עס האט די מעלה דאס כאטש, אם נטמאו ידיו", זיינע הענד זיינען טמא געווארען אין א צווייטע טומאה, דאס מיינט א ולד הטומאה, אדער וועלכע ס'איז טומאה דרבנן, איז אלץ „נטמא גופו", ווערט דער גוף טמא און ער מוז זיך אין גאנצען טובל'ען, „טבל לחולין הוחזק לחולין".

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 38**

הוהזק למעשר אסור לתרומה, טבל לתרומה הוחזק לתרומה אסור לקודש, טבל לקודש הוחזק לקודש אסור לחטאת, טבל לחמור מותר לקל, טבל ולא הוחזק כאלו לא טבל, בגדי עם הארץ מדרס לפרושין, בגדי פרושין מדרס לאוכלי תרומה, בגדי אוכלי תרומה מדרס לקודש, בגדי קודש מדרס להטאת. יוסף בן יועזר היה הסיד שבכהונה והיתה מטפחתו מדרס לקודש, ויוחנן בן גודגדא היה אוכל על טהרת הקדש כל ימיו, והיתה מטפהתו מדרס לחטאת. ו) **גמ'**. חולין ומעשר מי בעו נטילת ידים, ורמינהו התרומה והביכורים חייבים עליהן מיתה וחומש ואסור לזרים והן נכסי כהן ועולין באחד ומאה וטעונין נטילת ידים והערב שמש, הרי אלו בתרומה וביכורים, מה שאין כן במעשר וכל שכן בחולין. קשיא מעשר אמעשר קשיא חולין אחולין? בשלמא מעשר אמעשר

---

ער האָט זיך טובל געווען צו עסען חולין, און ער האלט זיך אין די כוונה די טבילה בלויז פאַר חולין, „אסור למעשר", איז ער אסור צו עסען מעשר שני אין ירושלים, „טבל למעשר הוחזק למעשר", אַז ער האָט זיך טובל געווען צו מעשר און זיך געהאלטען אַזוי, איז ער אסור צו תרומה, אַזוי איז אויך „טבל לתרומה הוחזק לתרומה, אסור לקדש", אַזוי כסדר, טבל לחמור", ער האָט זיך טובל געווען צו אַ הארבערע זאַך, „מותר לקל", מעג ער טאָן אַ גרינגערע זאַך, „טבל ולא הוחזק כאלו לא טבל", ער האָט זיך טובל געווען און ער האלט עס ניט פאַר אַ טבילה נאָר פאַר איינפאַכע רחיצה, איז גלייך ווי ער וואָלט זיך ניט טובל געווען, „בגדי עם הארץ מדרס לפרושין", קליידער פון אַן עם הארץ (וואָס ווייסט ניט ווי צו פיהרען זיך בטהרה) זיינען אַ מדרס פאַר פרושין, וועלכע עסען חולין בטהרה, מדרס הייסט אַ זאַך וואָס אַ זב האָט געטראָטען אָדער געזעסען דערויף, וועלכעס איז אַן אב הטומאה צו מטמא זיין אדם און כלים" „בגדי פרושין", מדרס לאוכלי תרומה", די קליידער פון פרושין זיינען אַ מדרס פאַר כהנים וואָס עסען תרומה, דען די חכמים האָבען גוזר געווען, טאָמער איז געזעסען אין זיי די פרוי אין די נדה, די מעלה האָבען די חכמים געשאַפען פאַר די כהנים אוכלי תרומה, „בגד אוכלי תרומה", זיינען ווידער אַ מדרס פאַר קודש, און בגדים פון די וואָס עסען קודש זיינען אַ מדרס פאַר מי חטאת, יוסי בן יועזר איז געווען דער חסיד פון די כהונה, „והיתה מטפחתו", זיין סערוועט איז געווען מדרס פאַר קודש, יוחנן בן גודגדא „היה אוכל על טהרת הקודש כל ימיו", ער פלעגט עסען אַלע זיינע יאָהרען אויף טהרת הקודש, אפילו חולין און זיין מטפחת האָט ער געהאַלטען פאַר מדרס צו מי חטאת. ו) גמ'. פרעגט די גמרא, „חולין ומעשר מי בעו נטילת ידים?" דאַרפען דען חולין און מעשר נטילת ידים? „ורמינהו", וועל איך דיר פרעגען פון אַ ברייתא, תרומה און ביכורים, אויב אַ זר ניט קיין כהן עסט זיי איז ער חייב מיתה, ביכורים ווערען אויך גערופען תרומה אין די תורה, „ותרומת ידך", מיינט מען ביכורים, מיתה לערען איך אַרויס פון „ומתו בו כי יחללוהו", זיי זאָלען געטויטעט ווערען דורך עסען תרומה ווייל זיי האָבען פאַרשוועכט איהם, און באַלד נאָכ־דעם שטעהט „וכל זר לא יאכל קודש", קיין שום זר זאָל ניט עסען קיין קודש,

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 38**

**לא קשיא, הא ר׳ מאיר והא רבנן, דתנן כל הטעון ביאת מים מדברי סופרים מטמא את הקודש ופוסל את התרומה ומותר לחולין ולמעשר דברי ר׳ מאיר וחכמים אוסרים במעשר, אלא חולין אחולין קשיא, לא קשיא כאן באכילה כאן בנגיעה. ז) מתקיף לה רב שימי בר אשי עד כאן לא פליגי רבנן עליה דר׳ מאיר אלא באכילה דמעשר אבל בנגיעה דמעשר ובאכילה דחולין לא פליגי ? אלא אידי ואידי באכילה ולא קשיא**

---

און דאָרט רעדט זיך דער גאנצער ענין פון תרומה, „וחומש״, און אז איינער עסט בשוגג דארף ער צוריקצאָהלען דעם קרן און א חומש, „ואסור לזרים״, און עס איז גע׳אסר׳ט צו זרים דורך א לאו, „והן נכסי כהן״, און זיי זיינען דאָס געהעריגע איינענטום פאר דעם כהן, און ער קען דערמיט מקדש זיין א אשה אדער וואָס א זאך קויפען, „ועולין באחד ומאה״, און זיי ווערען בטל צווישען חולין וועלכע איבערשטייגען הונדערט און איינס מאָהל אזוי פיל, „וטעונין רחיצת ידים״, ווייל א שני קען מטמא זיין א שלישי, און אויף די הענד האָבען די חכמים גוזר געווען זיי זאָלען זיין א שני לטומאה, דאריבער פסל׳ען זיי תרומה אויב ער האָט זיי ניט געוואשען, „והערב שמש״, אויב ער איז טמא געווען טאָר ער ניט עסען קיין תרומה ביז דער טאָג געהט אונטער ווי דער פסוק זאָגט, „ובא השמש וטהר, הרי אלו״, די אלע זאכען זיינען ביי תרומה און ביכורים, „מה שאין כן במעשר״, וועלכע ביי מעשר איז ניט אזוי, און כל שכן געוויס ניט ביי חולין, „קשיא מעשר אמעשר״, עס איז שווער פון מעשר אויף מעשר און פון חולין אויף חולין ? אין די היגע משנה זאָגט ער אז זיי דארפען נטילה און אין דער ברייתא, דאָס זיי דאַרפען ניט קיין נטילה, „בשלמא״, פון מעשר אויף מעשר, „לא קשיא״, קען מען זאָגען אז עס איז קיין קשיא ניט, „הא ר׳ מאיר הא רבנן״, איינס קומט אויס ווי ר׳ מאיר און איינס ווי די רבנן, „דתנן״, מיר האָבען געלערנט, „כל הטעון ביאת מים מדברי סופרים״, דער וואָס דארף טבילה אָדער נטילה מדרבנן, דאָס הייסט מן התורה איז ער ריין נאָר די חכמים האָבען גוזר געווען אויף איהם א טומאה (ווי עס ווערט אויס־גערעכענט אין שבת דף י״ג) „מטמא״, איז ער מטמא קודש און פסל׳ט תרומה און איז מותר צו חולין און מעשר אפילו צו עסען, דברי ר׳ מאיר, און די חכמים אסר׳ן ביי מעשר, קען זיין דאָס ביי מעשר קומט די ברייתא אויס ווי ר׳ מאיר דאָס ער דארף קיין נטילה, און די היגע משנה ווי די רבנן וועלכע אסר׳ן ביי מעשר אָהן נטילה, „אלא״, אָבער חולין אויף חולין איז דאָך א קשיא ? ענטפערט די גמרא, „לא קשיא״, עס איז ניט שווער, „כאן באכילה כאן בנגיעה״, די היגע משנה וואָס דארף נטילה מיינט עס פאַר אכילה, און די ברייתא וואָס מאכט ניט באנוצען נטילה מיינט געגען נגיעה. ז) רב שימי בר אשי האָט א קשיא געפרעגט, „עד כאן לא פליגי רבנן״, דער אמת איז דאָך, ווען קריגען די רבנן אויף ר׳ מאיר, „אלא״, נאָר ווענגען עסען מעשר אָהן א נטילה, דען ר׳ מאיר זאָגט אז ער איז מותר במעשר מיינט ער דאָך אכילה, און אויף דעם קריגען די רבנן און זאָגען אז ער איז אסור במעשר, פארשטעהט מען דאָך דאָס זיי קריגען אין אכילה פון מעשר, „אבל בנגיעה דמעשר ובאכילה דחולין״.

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 39**

כאן באכילה דנהמא כאן באכילה דפירי, דאמר ר' נחמן כל הנוטל ידיו לפירות הרי זה מגסי הרוח, תנו רבנן הנוטל ידיו, נתכוון, ידיו טהורות, לא נתכוון ידיו טמאות, וכן המטביל ידיו נתכוון ידיו טהורות, לא נתכוון ידיו טמאות, והתניא בין נתכוון בין לא נתכוון ידיו טהורות? אמר רב נחמן לא קשיא כאן להולין (דף י"ט ע"א) כאן למעשר.

א)**ומנא** תימרא דחולין לא בעי כוונה? דתנן גל שנתלש ובו ארבעים סאה, ונפל על האדם ועל הכלים טהורין, קתני אדם דומיא דכלים מה כלים דלא מכווני אף אדם דלא מכוון, וממאי דלמא ביושב ומצפה אימתי יתלש הגל עסקינן? וכלים דומיא דאדם מה אדם דבר כוונה, אף כלים דמכוין להו? וכי תימא ביושב ומצפה מאי למימרא? סלקא

---

אבער וועגן באריהרונג אין מעשר אהן נטילה, און אכילה פון חולין, „לא פליגי", קריגען זיי ניט, דעןביידע האלטען גלייך דאס א שני לטומאה קען ניט פסל'ען קיין מעשר און ער מעג עסען חולין אהן נטילה, זעהסטו דאך גוט דאס די רבנן האלטען אויך דאס חולין דארף נים קיין נטילה, יעצט ווי וועד קען אויסקומען די היגע משנה? „אלא", זאגט די גמרא, „אידי ואידי באכילה", ביידע די משנה און די ברייתא שמועסען וועגען אכילה, „ולא קשיא, כאן באכילה דנהמא כאן באכילה דפירי", די משנה שמועסט וועגען אכילה פון ברויט און די ברייתא וועגען אכילה פון פירות, „דאמר", דען רב נחמן האט געזאגט, „כל הנוטל ידיו", דער וועלכער וואשט זיך צו פירות, „הרי זה מגסי רוח", דער הייסט א גס רוח (אן אויפוויזער), די רבנן האבען געלערנט „הנוטל ידיו נתכוון", אז איינער וואשט זיך מיט א כלי און ער מיינט עס, „ידיו טהורות", זיינען זיינע הענד ריין, האט ער ניט מתכוין געווען זיינען זיינע הענד טמא, „וכן המטביל", און אזוי איז דער דין ביי טובל'ן זיינע הענד אין א מקוה, פרעגט די גמרא, „והתניא בין נתכוון", מיר האבען דאך געלערנט, „בין נתכוון בין לא נתכוון", עס איז קיין אונטערשייד סאי נתכוון סאי ניט נתכוון, האט רב נחמן געענטפערט „לא קשיא כאן לחולין כאן למעשר", צו מעשר דארף די נטילה יא זיין בכוונה, פאר חולין, ניט.

א) „**ומנא** תימרא?" און פון וואנען דרינגסטו דאס חולין דארף ניט קיין כוונה? „דתנן", דען מיר האבען געלערנט אין א משנה „גל שנתלש", א כוואליע וואס האט זיך אבגעריסען און זי ענטהאלט פיערציג סאה, „ונפל על האדם ועל הכלים", און איז ארויפגעפאלען אויף א טמא מענש אדער כלים זיינען זיי ריין, „קתני אדם דומיא דכלים, מה כלים דלא מכווני אף אדם דלא מכוין", ער לערענט אין איין רייהע, אדם גלייך מיט כלים צו לאזען הערען פונקט ווי כלים זיינען ניט מכוון אזוי אויך דער מענש מיינט מען דאס ער איז ניט מכוון, איז געדרונגען וויינינסטענס דאס פאר חולין דארף מען ניט מכוון זיין די טהרה. פרעגט די גמרא „וממאי?" פון וואנען ווייסטו אז דארט שמועסט אהן כוונה? „דלמא ביושב ומצפה", פיליכט שמועסט דארט אז ער זיצט און האפט ווען א כוואלע זאל זיך אברייסען? און אנשטאט צוגלייכען אדם צו כלים, וועל איך גלייכען כלים צו אדם, „מה אדם דבר כוונה", פונקט ווי אדם איז דאך א בעל

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 39**

דעתך אמינא, ליגזר דלמא אתי למיטבל בחרדלית של גשמים? אי נמי נגזור ראשין אטו כיפין? קא משמע לן דלא גזרינן. ב) ומנא תימרא דלא מטבילין בכיפין דתניא מטבילין בראשין ואין מטבילין בכיפין, לפי שאין מטבילין באויר, אלא מהא דתנן פירות שנפלו לתוך אמת המים ופשט מי שידיו טמאות ונטלן, ידיו טהורות ופירות אינן בכי יותן, ואם

---

כוונה אזוי אויך כלים שמועסט אז דער מענש איז מכוון פאר זיי? אי, „וכי תימא ביושב ומצפה מאי למימרא?" וועסטו פיליכט פרעגען אויב יושב ומצפה, וואס לאזט ער מיר הערען, עס איז דאך א געוויס? איז אבער, „סלקא דעתך אמינא", איך וואלט מיינען, „ליגזור דילמא אתי למיטבל בחרדלית של גשמים", איך זאל גוזר זיין צוליעב טאמער וועט קומען דערצו ער וועט זיך טובל זיין אין א שטראם וואסער וואס לויפט אראפ פון א הויך, וואס איז עהנליך צו דעם גל, און דארט איז דאך פסול מיט התורה, דען דער פסוק זאגט, „אך מעין ובור מקוה מים יהיה טהור", נאר סיידען ער איז זיך טובל אין א מעין, א קוואל אדער א גרוב וועלכער איז פול פון רעגענוואסער און א מקוה, די אלע דריי אין איין דייהע, איז דער כלל, ווערען געגליכען איינס צום אנדערען, פונקט ווי מעין און בור, האט קיין מענשליכע האנד ניט געזאמעלט די וואסערען אזוי אויך מקוה, כאטש א מענש האט איהר צורעכט געמאכט, אבער דאס וואסער אין איהר מוז זיין בידי שמים, דער אונטערשייד צווישען זיי, מעין, רייניגט אפילו אלס פאלענדען שטראם, דאס הייסט, „זוחלין", גיסענדיג, דען מעין מוז ניט זיין מ"ם סאה אבער בור מוז זיין מ"ם סאה, דאריבער איז אין גיסענדען צושטאנד פסול, וואלט איך מיינען גוזר צו זיין „גל שנתלש", וואס פאלט אונטער דעם דין פון מעין — צוליב בור, וואס שטראמט ארונטער פון רעגען, וועלכער איז פסול אפילו נאך תוספות און דעם רא"ש וואס האלטען אז מעין דארף אויך מ"ם סאה, האלטען זיי אבער אויך דאס עס איז געגוג אביסעל און די איבעריגע מעג מען צוגיסען, „שאובים", געשעפט וואסער, און ביי דעם גל שמועסט דאך אז ער האט מ"ם סאה נאר איז ניט אין איין פלאץ נאר לויפענדיג, „אי נמי", אויך קען איך זאגען דאס איך וואלט מיינען, „נגזור ראשון אטו כיפין", איך זאל גוזר זיין די עקען פון גל צוליב די מיטע פון גל, דען אין דער מיט פון גל אויב ער דערלאנגט אריין טמא כלים איז עס קיין טבילה ניט ווי די גמרא איז תיכף מפרש, „קא משמע לן דלא גזרינן", לאזט אונז די גמרא הערען דאס מיר זיינען ניט גוזר. ב) „ומנא תימרא?" און פון וואנען ווייסטו אז מען איז ניט טובל אין דער מיט כוואלע „דתניא", דען מיר האבען געלערנט מען איז טובל אין די ראשין אין די עקען פון דער כוואלע, וועלכע פאלען צו דער ערד, „ואין מטבילין", און מען איז ניט טובל אין די כיפין, די מיטע פון דער כוואלע וועלכע איז איבערגעבויגען מיט לעהרע לופט אין דער מיטע, „לפי שאין מטבילין באויר", ווייל מען איז ניט טובל אין דער לופט, בלייבט דאך די פראגע פיליכט האט ער געהאט א כוונה ביי דעם „גל שנתלש? „אלא מהא", נאר פון דער משנה איז געדרונגען דאס מען דארף ניט קיין כוונה ביי דער טבילה אדער נטילה צו חולין, „דתנן", דען מיר האבען

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 39**

בשביל שיודחו ידיו ידיו טהורות, והפירות הרי הן בכי יותן, איתיביה רבה לרב נחמן הטובל להולין והוחזק לחולין אסור למעשר, הוחזק אין לא הוחזק לא? הכי קאמר אף על פי שהוחזק לחולין אסור למעשר, איתיביה טבל ולא הוחזק כאילו לא טבל, מאי לאו כאילו לא טבל כלל? לא, כאילו לא טבל למעשר, אבל טבל לחולין, והוא סבר דחי קא מדהי ליה.

---

געלערנט אויב פרוכטען זיינען אריינגעפאלען אין וואסער, „ופשט מי שידיו טמאות ונטלן", און איינער וואס זיינע הענד זיינען טמא, האט דערלאנגט אין וואסער און זיי גענומען, איז דער דין, „ידיו טהורות ופירות אינן בכי יותן", זיינע הענד זיינען ריין פון דער טבילה כאטש אהן א כוונה, און די פירות זיינען ניט מוכשר מקבל טומאה צו זיין. דער דין איז ביי פירות דאס זיי מוזען פריהער גרייט ווערען צו קענען מקבל טומאה זיין, מיט דעם וואס וואסער קומט אויף זיי, ווי דער פסוק זאגט „כי יותן מים על זרע", אז עס וועט ווערען געגעבען וואסער אויף פרוכטען, דאן ווערען זיי טמא פון א טומאה, דאס ווארט יותן שטעהט אהן א וי״ו אנשטאט דעם איז דא א שורי״ק אונטער דעם יוד, אהן דעם שורי״ק וואלט איך לייענען, „יתן" ער וועט געבען, דאס מיינט שוין, מיט כוונה ,דאריבער גלייך איך יותן צו יתן, פונקט ווי יתן איז מיט כוונה אזוי אויך „כ יותן" עס וועט ווערען געגעבען, זאל וויינינגסטענס זיין, „ניחא ליה", דאס דעם בעל הבית פון די פירות זאל געפעלען זיין, זיינע פירות זאלען באנעצט ווערען, באזירט איז די דרשה, אזוי ווי עס איז א קלער צו עס דארף זיין ניחא ליה? זאג איך, לויט דעם כלל אז די תורה פארשטעלט ניט איהרע רייד מען זאל ניט וויסען, דאס ווארשיינליך איז עס מיט דעם באמערקט, דען די תורה — אום צו פארהיטען פון דעם ספק דין, — האט געזאלט שרייבען יותן מיט א וי״ו וואס באדייט זיכער אז עס איז געגעבען געווארען אהן זיין כוונה, דאס עס זאל ניט דארפען זיין ניחא ליה, „ואם בשביל שיודחו ידיו", און אויב דערלאנגענדיג זיינע הענד אין וואסער, איז געווען מיט א כוונה, זיי זאלען געוואשען ווערען, איז דער דין זיינע הענד זיינען ריין און די פירות זיינען יא בכי יותן, ווייל ער האט דאך געהאט א כוונה און עס איז איהם ניחה געווען דאס וואסער אויף די פירות, איז גדרונגען דאס צו חולין אפילו אונבעוואוסט ער האט אריינדערלאנגט זיינע הענד אין וואסער זיינען זיי ריין, „איתיביה", האט רבה געפרעגט א קשיא צו ר׳ נחמן פון א ברייתא, „הטובל", אז איינער איז זיך טובל פאר חולין און האלט זיך בכוונה פאר חולין איז אסור פאר מעשר, „הוחזק אין", פילייכט זאג איך דאס דוקא יא, ווען ער האלט זיך אין כוונה, „לא הוחזק", אבער ווען ער האלט זיך ניט אין כוונה, „לא ? " איז ניט? זעהסטו דאך גוט, דאס מען מוז האבען כוונה אפילו צו חולין? ענטפערט די גמרא, „הכי קאמר", אזוי מיינט די ברייתא, „אף על פי שהוחזק לחולין", כאטש ער האט זיך געהאלטען אין כוונה פאר חולין, איז פונדעסטוועגען אסור צו מעשר, זאגט די גמרא, „איתיביה", איך וועל איהם א קשיא פרעגען, „טבל ולא הוחזק כאילו לא טבל", אויב ער האט זיך טובל געווען און ניט געהאט אין כוונה, איז גלייך ווי ער וואלט זיך ניט טובל געווען,

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד:39**

ג) נפק דק ואשכח, דתניא טבל ולא הוחזק אסור למעשר ומותר לחולין, אמר ר׳ אלעזר טבל ועלה מחזיק עצמו לכל מה שירצה. מיתיבי עודהו רגלו אחת במים, הוחזק לדבר קל מחזיק עצמו לדבר חמור, עלה שוב אינו מחזיק, מאי לאו אינו מחזיק כלל? לא, עודהו אף על פי שהוחזק מחזיק, עלה אם לא הוחזק מחזיק, ואם הוחזק אינו מחזיק, מאן תנא עודהו רגלו אחת במים אמר ר׳ פדת ר׳ יהודה היא דתנן מקוה שנמדד ויש בו ארבעים סאה מכוונות וירדו שנים וטבלו זה אחר זה, הראשון

---

„מאי לאו, כאילו לא טבל כלל?" מיינסטו דען ניט, אז עס איז גלייך ווי ער וואלט זיך איננאנצען ניט טובל געווען? זעהסטו דאך גוט דאס מען מוז האבען כוונה אפילו צו חולין? ענטפערט די גמרא, „לא", ניין, „כאילו לא טבל למעשר", ער מיינט צו זאגען, עס איז גלייך ווי ער וואלט זיך אין גאנצען ניט טובל געווען צו מעשר, „אבל טבל לחולין", אבער ער האט זיך טובל געווען פאר חולין, „סבר", ער האט זיך געטראכט, „דחי קא מדחי ליה", ער וועט איבער־רוקען די טבילה פאר מעשר, דאריבער איז גלייך ווי ער וואלט זיך אין גאנצען ניט טובל געווען פאר מעשר. ג) „נפק", ער איז ארויס געזוכט און געפונען א ברייתא דאס מען דארף ניט קיין כוונה צו חולין „דתניא, טבל", אויב ער האט זיך טובל געווען, „ולא הוחזק", און ער האט זיך ניט געהאלטען צו עפעס א כוונה, „אסור למעשר ומותר לחולין", איז געדרונגען אויף זיכער דאס צו חולין דארף ניט זיין קיין כוונה. ר׳ אלעזר האט געזאגט „טבל ועלה מחזיק עצמו לכל מה שירצה", אויב ער האט זיך טובל געווען און איז ארויס פון וואסער קען ער זיך האלטען די טבילה אין כוונה צו וואס ער וועט נאר וועלען. „מיתבי", איך וועל דיר א קשיא פרעגען, „עודהו רגלו אחת במים", אויב איין פוס זיינע איז נאך אין וואסער, „הוחזק לדבר קל מחזיק עצמו לדבר חמור", האט ער זיך געהאלטען אין כוונה פאר א גרינגערע זאך איז עס אויך גילטיג פאר א שווערערע זאך, „עלה", איז ער אבער שוין ארויס פון וואסער, „שוב אינו מחזיק", קען ער שוין ניט האלטען אין כוונה פאר א הארבערע זאך, „מאי לאו אינו מחזיק כלל?" מיינסטו דען ניט, ער קען זיך שוין איננאנצען ניט האלטען פאר קיין שום זאך אפילו פאר חולין? זעהסטו דאך גוט דאס ער מוז האלטען אין כוונה אויך פאר חולין? ענטפערט די גמרא, „לא", ניין, ער מיינט צו זאגען אזוי, „עודהו אף על פי שהוחזק, מחזיק", אויב ער האלט נאך זיין פוס אין וואסער, כאטש ער האט שוין געהאלטען אין כוונה, פאר איין זאך, קען ער נאך האלטען אין זיין כוונה צו נאך א זאך, „עלה", איז ער אבער שוין ארויס פון וואסער, „אם לא הוחזק", אויב ער האט נאך ניט געהאלטען אין כוונה פאר איין זאך, „מחזיק", קען ער האלטען פאר וועלכע זאך ער וויל, „ואם הוחזק", און אויב ער האט שוין געהאט א באשטימטע כוונה, „אינו מחזיק", קען ער שוין ווייטערע כוונות ניט האלטען, „מאן תנא עודהו?" ווער איז דאס דער תנא וועלכער האלט דעם דין פון עודהו? האט ר׳ פדת געזאגט „ר׳ יודא היא", עס קומט אויס, ווי ר׳ יודא, „דתנן", דען מיר האבען געלערענט, מקוה שנמדד ויש בו מ״ם סאה, מכוונות", א מקוה וועלכע איז אויסגעמאסטען געווארען אז עס געפינט

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 39**

טהור, והשני טמא, אמר ר׳ יהודה אם היו רגליו של ראשון נוגעות במים אף השני טהור. ד) אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה מחלוקת במעלות דרבנן, אבל מטומאה לטהרה דברי הכל (אף) השני טמא, והיינו דרבי פדת, איכא דאמרי אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה מחלוקת מטומאה לטהרה אבל במעלות דרבנן דברי הכל אף השני טהור, ופליגא דר׳ פדת. בעי מיניה מר׳ יוחנן, לר׳ יהודה מהו להטביל מחטין וצינוריות בראשו של ראשון, גוד אחית אית ליה לר׳ יהודה, גוד אסיק לית ליה, או דלמא גוד אסיק נמי אית ליה? אמר ליה תנותוה, שלש גממיות בנחל העליונה

---

זיך אין איהר א פינקטליכער שיעור, „וירדו שנים וטבלו זה אחר זה", און צוויי מענשען זיינען אריין און זיך גע׳טובל׳ט איינער נאך דעם אנדערען, איז דער דין, „הראשון טהור", דער ערשטער איז ריין און דער צווייטער איז טמא, ווייל געווים האט געפעהלט פון שיעור דורך דעם ערשטענס טבילה, האט ר׳ יודא געזאגט, „אם היו רגליו של ראשון נוגעות במים", אויב די פיס פון ערשטען זיינען נאך געווען אין בארירונג מים׳ן וואסער, „אף השני טהור", איז דער צווייטער אויך ריין, ווייל איך זאג דאס דער וואסער וואס איז נאך אויף דעם ערשטען איז נאך באהאפטען צום וואסער. ד) רב נחמן האט געזאגט פון רבה בר אבוה וועגען, „מחלוקת במעלות דרבנן", די מחלוקת פון ר׳ יודא מיט די רבנן איז נאר ביי מעלות וואס די רבנן האבען געמאכט, עס איז ניט קיין טומאה מדאורייתא נאר די חכמים האבען גוזר געווען, „אבל מטומאה לטהרה", אבער וועגען טבילה וועלכע איז פון טומאה צו טהרה, „דברי הכל", האלט די גאנצע וועלט, „השני טמא", אז דער צווייטער איז טמא, און עס העלפט ניט וואס דעם ערשטענס פיס בארירען נאך דאס וואסער, דען ביי א רעכטע טומאה זאגען מיר ניט, „גוד אחית", דאס דער וואסער וועלכער איז אויפגעהויבען פון דער מקוה אויפ׳ן מענשען איז גלייך ווי עס וואלט צוריק ארונטער אין מקוה, „והיינו דרבי פדת", און דאס איז טאקע וואס ר׳ פדת זאגט אז „עודהו רגלו אחת", קומט ווי ר׳ יהודה, דען דאס איז דאך טאקע א מחלוקה וועגען מעלות דרבנן, „איכא דאמרי", טייל זאגען אז ר׳ נחמן האט אזוי געזאגט, „מחלוקת", אז די מחלוקה איז פון טומאה צו טהרה אבער מעלות דרבנן האלטען אלע אז דער צווייטער איז אויך ריין, אוןביידע זאגען גוד אחית, „ופליגא דר׳ פדת", און די איכא דאמרי קריגען אויף ר׳ פדת וועלכער זאגט אז עס קומט אוים ווי ר׳ יהודה. „בעי מיניה מרי יוחנן", מען האט געפרעגט פון ר׳ יוחנן, „לרי יהודה", נאך ר׳ יודא נאך, „מהו להטביל מחטין וצינוריות בראשו של ראשון", צו מעג מען טובל זיין נאדלען און צינוריות (וועלכעס וועבט גאלד און זיינען קליינע זאכען), אויפ׳ן קאפ פון ערשטען וועלכער בארירט נאך דאס וואסער, צו זאג איך גוד אחית האלט טאקע ר׳ יהודה, אבער גוד אסיק, אז די מקוה איז גלייך ווי זי וואלט געווען ארויף צום קאפ, זאג איך ניט, און מען קען ניט טובל׳ען קיין מחטין אויפ׳ן קאפ פון ערשטען, „או דלמא", אדער פיליכט פאר־קערט, „גוד אסיק נמי אית ליה", אז ר׳ יהודה האלט אויך גוד אסיק ניט בלויז גוד אחית? „אמר ליה", האט ר׳ יוחנן איהם געענטפערט, „תניתוה", מיר

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 40**

**התחתונה והאמצעית העליונה והתחתונה של עשרים סאה, והאמצעית של ארבעים סאה, וחרדלית של גשמים עוברת ביניהן, רבי יהודה אומר מאיר היה אומר מטביל בעליונה, והתניא ר' יהודה אומר (דף י"ט ע"ב) מאיר היה אומר מטביל בעליונה, ואני אומר בתחתונה ולא בעליונה אמר ליה אי תניא תניא: ה) הטובל לחולין והוחזק לחולין כו': מני מתניתין רבנן היא, דשני להו בין חולין למעשר, אימא**

---

האָבען דאָס שוין געלערענט, „שלש גממיות בנחל", א נחל מיינט א נידעריגער פלאַץ אונטער בערג וועלכער ווערט צומאָהל אָנגעפילט מיט וואסער דורך רעגענס. שטעלט ער דאָ פאר דעם דין דאָס אין דעם נחל זיינען געווען דריי גריבער אין איין רייהע, „העליונה", די אויבערשטע, „התחתונה", די אונטער־שטע, „והאמצעית", און א מיטעלסטע, „העליונה והתחתונה של עשרים סאה", די צוויי גריבער האָבען געהאלטען יעדע צו צוואנציג סאה, „והאמצעית של ארבעים", און די מיטעלסטע פיערציג סאה, „וחרדלית של גשמים עוברת ביניהן", און א שטראָם פון רעגענוואסער פון דער הויך האָט דורכגעצויגען צווישען די גריבער און פאראייניגט אלע דריי גריבער. האָט ר' יהודה געזאָגט „מאיר היה אומר", מאיר האָט געזאָגט, „מטביל בעליונה", ער מעג זיך טובל זיין אין דעם אויבערשטען גרוב. פרעגט די גמרא, „והתניא", מיר האָבען דאָך געלערענט דאָס ר' יהודה זאָגט אז מיר האָט ער געזאָגט „מטביל בעליונה, ואני אומר", און איך זאָג אָבער, „בתחתונה ולא בעליונה", אין דער אונטער־שטער און ניט אין דער אויבערשטער. דער אונטערשייד דאָ איז, אויב איך זאָג דאָס ר' יהודה האלט נאָר גוד אחית, דאַן איז נאָר די אונטערשטע גרוב מטהר, דען איך זאָג דאָס דער וואסער וואָס איז אין העכערען גרוב, איז גלייך ווי עס וואָלט גענידערט אין אונטערשטען גרוב, אויב אָבער איך וועל זאָגען דאָס ר' יהודה האלט אויך גוד אסיק איז דאָס וואסער וואָס איז באהעפט געהט אויך ארויף, דאָס הייסט גלייך ווי עס וואָלט ארויף, דאַן איז אויך מטהר די אויבערשטע גרוב, און ר' יהודה קריגט ניט מיט ר' מאיר און מען קען טובל'ן מהטין מיט צינוריות אויפ'ן קאָפּ פון איינעם וועלכער האָט זיך געטובל'ט און איז נאָך אין בארירונג מיט'ן וואסער. „אמר ליה", האָט יענער געענטפערט צו ר' יוחנן, „אי תניא תניא", אויב דו האָסט געלערענט דאָס ר' יהודה קריגט אויף ר' מאיר, איז געלערענט, גלויב איך דיר, אז ר' יהודה האלט טאַקע דאָס נאָר די תחתונה איז מטהר, דען ער האלט נאָר גוד אחית, און מהטין און צינוריות קען מען ניט מטהר זיין צוליב די זעלבע סברה דאָס איך זאָג נאָר גוד אחית און ניט גוד אסיק. גוד, מיינט דער צענטער פון וואסער וואָס איז פאראייניגט מיט'ן וואסער וואָס איז אויפ'ן מענש ווערענד ער איז נאָך אין באריהרונג, איז אַ קלער צו איך זאָג בלויז גוד אחית אז דער צענטער ציהט צו זיך ארונטער, דאָס הייסט עס איז גלייך ווי דאָס וואסער וואָס אויפ'ן מענש איז אונטען אָדער צו איך זאָג אויך גוט אסיק, אז דאָס גאנצע וואסער איז גלייך ווי עס וואָלט געווען ביז ארויף? ה) פון דער משנה „הטובל לחולין והוחזק לחולין, מני מתניתין?" ווי ווער וועט אויסקומען די משנה? ענטפערט די

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 40**

סיפא בגדי עם הארץ מדרס לפרושין בגדי פרושין מדרס לאוכלי תרומה אתאן לר׳ מאיר דאמר חולין ומעשר כהדדי נינהו, רישא רבנן וסיפא ר׳ מאיר? אין רישא רבנן וסיפא ר׳ מאיר, רב אחא בר אדא מתני לה בסיפא המש מעלות ומוקי לה כולה כרבנן, אמר רב מרי שמע מינה חולין שנעשו על טהרת הקודש כקודש דמו, ממאי? (דף כ׳ ע״א) מדלא קתני בהו מעלה, ודלמא האי דלא קתני בהו מעלה, דאי דמו לתרומה הא תני תרומה, ואי דמו לחולין הא תני לחולין דתניא הולין שנעשו על טהרת הקדש הרי הן כחולין, ר׳ אלעזר ברבי צדוק אומר הרי הן כתרומה. ו) אלא מסיפא יוסי בן יועזר הי׳ חסיד שבכהונה והיתה מטפחתו מדרס לקודש, יוחנן מן גודגדא היה אוכל על טהרת הקודש כל ימיו והיתה מטפחתו מדרס להטאת, לחטאת אין, לקודש לא, אלמא קסבר חולין שנעשו על טהרת הקודש כקודש דמו,

---

גמרא, „רבנן היא דשני להו בין חולין למעשר". עס קומט אוים ווי די רבנן וואס ביי זיי איז אן אונטערשייד צווישען חולין און מעשר. יעצט, „אימא סיפא", זאג די סיפא, „בגדי עם הארץ מדרס לפרושין", זעה דעם טייטש אין משנה. „אתאן לרי מאיר דאמר חולין ומעשר כהדדי נינהו", די סיפא וועט אויסקומען ווי ר׳ מאיר וואס זאגט דאס חולין און מעשר זיינען ווי גלייכע, און די סיפא רעכענט אויך ניט מעשר אלס א באזונדערער קלאס, איז דאך א קשיא, „רישא רבנן וסיפא רי מאיר?" זאגט די גמרא, „אין", יא. די רישא ווי רבנן און די סיפא ווי ר׳ מאיר, „רב אחא בר אדא, מתני לה בסיפא חמש מעלות", ער האט געלערנט אין דער סיפא פינף מעלות, פרושין מעשר, תרומה, קודש, און חטאת. „ומוקי לה כולה כרבנן", און ער האט איינגעזעצט די גאנצע משנה ווי די רבנן. רב מרי האט געזאגט, „שמע מינה חולין שנעשו על טהרת הקודש כקודש דמו", פון דער משנה איז געדרונגען דאס חולין וועלכע ווערען געטאן אין ריינקייט פון קודש, זיינען ווי קודש. „ממאי?", פון וועל־כען גרונד זאגסטו דאס? „מדלא קתני בהו מעלה", ווען איך זעה ער לערענט ניט אן עקסטרא מעלה פאר די פרושים וועלכע עסען זייערע חולין בטהרה, מוז דאך זיין, זיי זיינען אין כלל פון קודש וועלכע ער רעכענט. פרעגט די גמרא, „ודלמא האי דלא קתני בהו מעלה", פיליכט דורך דעם רעכענט ער ניט ביי זיי קיין מעלה, „דאי דמי לתרומה?" דען זיינען זיי גלייך צו תרומה? „הא תני" לערענט ער דאך די תרומה, „ואי דמו לחולין?" זיינען זיי גלייך צו חולין? „הא תני לחולין?" לערענט ער דאך חולין? און עס קריגען דאך אין דעם תנאים, „דתניא", דען מיר האבען דאך געלערענט „חולין שנעשו על טהרת הקדש, הרי הן כחולין", זיינען זיי גלייך צו הולין. ר׳ אלעזר ברבי צדוק זאגט, „הרי הן כתרומה", זיי זיינען גלייך צו תרומה, און קיינער פון זיי זאגט ניט ווי קודש? ו) „אלא מסיפא", נאר פון לעצטען פאל פון דער משנה איז געדרונגען וועגען חולין על טהרת הקדש, די מטפחת פון יוסי בן יועזר איז געווען א מדרס צו קודש. יוחנן בן גודגדא האט געגעסען אלע זיינע יאהרען אלעס על טהרת הקודש, און זיין מטפחת איז געווען א מדרס צו מי חטאת (דער טייטש איז אין משנה) „לחטאת אין", נאר צו מי חטאת, „לקודש לא", אבער צו קודש איז עס ניט געווען קיין מדרס, „אלמא", זעה איך דאך,

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 41**

אמר ר' יונתן בן אלעזר נפלה מעפרתו הימנו אמר לחבירו תנה לי, ונתנה לו טמאה, אמר ר' יונתן בן עמרם נתהלפו לו כלים של שבת בכלים של חול ולבשן, נטמאו, אמר ר' אלעזר בר צדוק מעשה בשתי נשים הבירות, שנתהלפו להן כליהן בבית המרחץ ובא מעשה לפני ר' עקיבא וטימאן. ז) מתקיף לה ר' אושעיא אלא מעתה הושיט ידו לסל ליטול פת היטין ועלתה בידו פת שעורין הכי נמי דנטמאת? וכי תימא הכי נמי? והתניא המשמר את החבית בחזקת של יין ונמצאת של שמן טהורה מלטמא? ולטעמך, אימא סיפא ואסורה מלאכול אמאי? אמר ר' ירמי' באומר שמרתיה מדבר המטמאה ולא מדבר הפוסלה, ומי

---

„קסבר חולין שנעשו", אז ער האלט אז הולין אויף טהרת הקודש איז גלייך צו קודש, און דיביידע זיינען ביי איהם געווען גלייך, און זיין מטפחת איז ערשט געוואָרען א מדרס געגען מי חטאת. ר' יונתן בן אלעזר האָט געזאָגט, „נפלה מעפרתו הימנו", ווען איינעם פאלט ארונטער זיין היטעל, „אמר לחבירו תנה לי", און ער זאָגט צו זיין חבר גיב עס מיר, „ונתנה לו", און ער האָט עס איהם געגעבען, „טמאה", איז עס טמא, דען ער קען עס ניט היטען אין יענעמס האנד, און יענער האָט עס געוויס ניט געהיט פון עפּעס א טומאה, אוועקגעבענדיג צו איהם, טראכט ער זיך, יענער וויס דאָך ניט, צו איך בין ניט טמא, פונדעסטוועגען באנוצט ער מיך, איז געוויס דאָס ער עסט ניט חולין בטהרה. „אמר ר' יונתן בן עמרם, נתהלפו", אויב עס איז איהם פארביטען געוואָרען שבת'דיגע מלבושים און וואָכעדיגע, און ער האָט זיי אזוי אָנגעטאָן, „נטמאו", זיינען זיי טמא געוואָרען, דערוויל איז דאָ דער געדאנק, אַז א געוויסע זאך וועלכע איז געהיטען דורך א טעות אלס אַן אנדער זאך, הייסט ניט געהיט, דעריבער זיינען זיי טמא. ר' אלעזר בר צדוק האָט געזאָגט, „מעשה", עס האָט פאסירט, צווי פרויען חבירות, (פון תלמידי חכמים) „שנתחלפו להן כליהן", וואָס זייערע קליידער זיינען פאַרביטען געוואָרען אין מרחץ, „ובא מעשה", איז די געשיכטע פאָרגעקומען פאַר ר' עקיבא און ער האָט די קליידער מטמא געווען. ז) ר' אושעיא האָט געפּערגט, „אלא מעתה", נאָך דער מיינונג נאָך, דאָס אין געדאנק מוז זיין די זעלבע זאך וועלכע ער היט, „הושיט ידו לסל ליטול פת חטין", אויב ער האָט ארייגדערלאנגט זיין האנד אין קאָרב צו נעמען ווייטצען ברויט „ועלתה בידו פת שעורין", און עס איז איהם געקומען אין האַנד גערשטען ברויט, „הכי נמי דנטמאת?" וועסטו אויך אזוי זאָגען דאָס דער ברויט איז טמא? „וכי תימא הכי נמי?" אי וועסטו אפשר זאָגען אז עס איז טאקע אַזוי, „והתניא", מיר האָבען דאָך געלערענט, „המשמר את החבית בחזקת של יין", אז איינער היט א פאָס אלס אין דעריין איז וויין, „ונמצאת של שמן", און ארויסגעוויזען האָט זיך עס שמן, „טהורה מלטמא", איז זי ריין פון טמא צו ווערען, זעהסטו דאָך גוט דאָס דורכ'ן פעהל פון געדאנק ווערט עס ניט טמא? פרעגט די גמרא צוריק, „ולטעמך", און נאָך דיין טעם נאָך, „אימא סיפא", זאָג ווייטער די סיפא, „ואסורה מלאכול", דער שמן איז אסור צו עסען, איז דאָך די פראַגע „אמאי?" ווארום? „אמר", האָט ר' ירמי' געזאָגט, „באמר

**איכא נטירותא לפלגא? אין, והתניא הושיט ידו בסל והסל על כתיפו והמגריפה בתוך הסל, והיה בלבו על הסל, ולא היה בלבו על המגריפה, הסל טהור והמגריפה טמאה, הסל טהור תטמא המגריפה לסל? אין כלי מטמא כלי, וליטמא מה שבסל? אמר רבינא באומר שמרתיו מדבר שמטמא ולא מדבר הפוסלו, מכל מקום קשיא. ח) ועוד מותיב רבה בר אבוה מעשה באשה אחת שבאת לפני רבי ישמעאל ואמרה לו רבי, בגד זה ארגתיו בטהרה ולא היה בלבי לשומרו בטהרה, ומתוך בדיקות שהיה ר׳ ישמעאל בודקה אמרה לו רבי נדה משכה עמי בחבל, אמר רבי ישמעאל כמה גדולים דברי חכמים שהיו אומרים בלבו לשומרו טהור,**

---

שמרתיה מדבר המטמאה״, עס שמועסט אז ער האָט געזאָגט איך האָב געהיטען די פאַס פון א זאך וועלכע קען איהר מטמא זיין, „ולא מדבר הפוסלה״, אָבער ניט פון א זאך וועלכע קען איהר פסל׳ן, איז דער היטען א גוטער היטען געגען טומאה אָבער עסען טאָר ער ניט צוליב דעם וואָס זי איז ניט געהיט געגען א פסול. פרעגט די גמרא, „ומי איכא נטירותא לפלגא?״ איז דען פאַראן א היטונג אין האלב? ענטפערט די גמרא, „אין״, יאָ. „והתניא״, עס איז טאקע געלערענט, „הושיט ידו בסל והסל על כתיפו״, ער האָט אריינדערלאנגט זיין האנד אין קאָרב ווערענד ער האלט עס אויף זיין אקסעל, „והמגריפה בתוך הסל״ און דער שארער איז אין קאָרב, והיה בלבו על הסל״, און זיין הארץ איז געווען צו היטען דעם קאָרב פיינען, „ולא היה בלבו על המגריפה״, אָבער אין זיין געדאנק איז ניט געווען וועגען די מגריפה, איז דער דין הסל טהור, און די מגריפה איז טמא. פרעגט די גמרא, „הסל טהור״, דו זאָגסט דער סל איז ריין, „תטמא המגריפה לסל?״ זאָל די מגריפה טמא מאכען דעם סל? ענטפערט די גמרא „אין כלי מטמא כלי״, כלים קענען ניט מטמא זיין איינע די אנדערע „וליטמא מה שבסל?״ זאָל די מגריפה טמא מאכען וואָס עס געפינט זיך אין סל, „אמר״, האָט רבינא געזאָגט, „באומר שמרתיו מדבר שמטמאו וכו׳ מדבר הפוסלו״, אז עס שמועסט ער האָט געזאָגט איך האָב געהיט דעם סל פון א זאך וועלכע קען איהם מטמא זיין, און ניט פון א זאך וועלכע קען איהם פסל׳ן, (פסול מיינט א גרינגע טומאה וועלכע קען ניט מטמא זיין אנדערע, זעהסטו דאָך אז עס איז פאַראן א היטונג אויף האלב, „מכל מקום קשיא?״ אלענפאלס איז נאָך אלץ שווער וואָס ער זאָגט אויב ער האָט געהיט עס אלס א געוויסע זאך און נאכהער אויסגעפונען אלס אן אנדערע זאך, איז דאָס היטען קיין היטען ניט, עס איז דאָך פארקערט פון דער ברייתא פון חבית? ח) נאָך האָט געפרעגט רבה בר אבוה, „מעשה״, עס האָט פאסירט אפרוי וועלכע איז געקומען פאַר ר׳ ישמעאל, „ואמרה לו רבי״ און זי האָט צו איהם געזאָגט רבי, „בגד זה ארגתיו בטהרה״, דאָס שטיקעל ווארע האָב איך אויסגעוועבט בטהרה, „ולא היה בלבי לשמרו בטהרה״, אָבער אין הארצען איז ניט געווען צו היטען עס בטהרה, „ומתוך בדיקות שהיה ר׳ ישמעאל בודקה״, פון די פראגען וועלכע ר׳ ישמעאל האָט איהר אויסגעפרעגט, איז געקומען דערצו, דאָס זי האָט איהם געזאָגט רבי, „נדה משכה עמי בחבל״, א פרוי א נדה האָט גע־

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 41**

אין בלבו לשומרו טמא, שוב מעשה באשה אחת שבאת לפני רבי ישמעאל אמרה לו רבי מפה זו ארגתיה בטהרה ולא היה בלבי לשומרה, ומתוך בדיקות שהיה ר׳ ישמעאל בודקה אמרה לו רבי, נימא נפסקה לי וקשרתיה בפה אמר רבי ישמעאל כמה גדולים דברי הכמים שהיו אומרים, בלבו לשומרו טהור אין בלבו לשומרו טמא. ט) בשלמא לר׳ אלעזר בר צדוק כל אחת ואחת אומרת הברתי אשת עם הארץ ומסהה דעתה מיניה, לר׳ יונתן בן עמרם נמי כיון דכלים דשבת, עביד להו שימור טפי מסח דעתיה מינייהו אלא לרבי יונתן בן אלעזר נעביד להו שימור בידיה דחבריה? אמר ר׳ יוחנן הזקה אין אדם משמר מה

---

האלפען ציהען מיט מיר א שנור, האט ר׳ ישמעאל געזאגט, „כמה גדולים", ווי גרויס זיינען די חכמים׳ס רייד, „שהיו אומרים בלבו לשומרו טהור", די חכמים זאגען, איז אין זיין הארץ צו היטען עס? איז עס ריין, „אין בלבו לשומרו טמא", האט ער אין הארץ ניט געהאלטען אז ער היט עס, איז עס טמא, אבער אז ער האלט אין הארץ צו היטען א זאך און עס צייגט זיך ארויס אלס אן אנדערע זאך איז עס ריין, איז עס א קשיא צו אויבען? „שוב מעשה", נאך א פאסירונג ביי א פרוי וועלכע איז געקומען פאר ר׳ ישמעאל, זי האט צו איהם געזאגט „מפה זו ארגתיה בטהרה", דאס סערוועטעל האב איך געוועבט אין טהרה, „ולא היה בלבי לשומרה", אבער אין הארצען איז ניט געוועזן צו היטען, „ומתוך בדיקות", און פון אויספרעגען איז געקומען דערצו דאס זי האט געזאגט צו ר׳ ישמעאל, „נימא נפסקה לי וקשרתיה בפה", א פעדים איז מיר איבערגעהאקט געווארען האב איך עס צוגעקניפט מיט׳ן מויל אידער דער וועב איז געווארען דריי פינגער די גרויס וואס איז ניט ראוי צו טמא ווערען, די נאסקייט האט אזוי אנגעהאלטען ביז עס איז אנגעקומען דער שיעור און עס איז טמא געווארען פון זיך זעלבסט פון דער באריהרונג פון פריהער, האט רבי ישמעאל געזאגט, ווי גרויס זיינען די חכמים׳ס רייד וועלכע האבען געזאגט, „בלבו לשומרו טהור", דער עיקר אויב ער האט אין זינען געהאט צו היטען, און איידער דער שיעור איז געווען האט זי ניט מכוין געווען צו היטען. ט) „בשלמא", נאך ר׳ אלעזר בר צדוק וואס ברייננט די געשיכטע וועגען צוויי פרויען וועלכע זייערע קליידער זיינען פארביטען געווארען און רבי עקיבא האט זיי מטמא געווען, קען מען זאגען, „כל אחת אומרת, חברתי אשת עם הארץ", דאס יעדע טענה׳ט אויף די אנדערע דאס מעגליך זי איז אן אשת עם הארץ, „ומסחה דעתה מינה", און זי האט מסיח דעת געווען פון צו היטען, דעריבער האט ר׳ עקיבא מטמא געווען די קליידער, „לרי יונתן בן עמרם נמי", נאך ר׳ יונתן אויך וועלכער ברענגט וועגען שבת קליידער פארביטענע אויף וואכען קליידער, קען מען אויך זאגען, „כיון דכלים דשבת עביד להו שימור טפי", ווייל שבת קליידער היט מען דאך בעסער, „מסח דעתיה מינייהו", איז ער מסיח דעת פון די וואכען קליידער, און גיט זיי ניט די ריכטיגע היטונג, „אלא" אבער נאך ר׳ יונתן בן אלעזר וועלכער ברענגט דעם דין וועגען „נפלה מעפרתו הימנו", איז דאך די קשיא, „נעביד להו שימור בידיה דחבריה?" האט ער דאך געקענט

פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 42

שביד חבירו, ולא? (דף כ׳ ע״ב) והתניא הרי שהיו חמריו ופועליו טעונין טהרות אע״פ שהפליג מהן יותר ממיל טהרותיו טהורות ואם אמר להם, לכו ואני אבוא אחריכם כיון שנתעלמו עיניו מהן טהרותיו טמאות, מאי שנא רישא ומאי שנא סיפא? אמר ר׳ יצחק נפחה: רישא במטהר המריו ופועליו לכך, אי הכי סיפא נמי? אין עם הארץ מקפיד על מגע חברו, אי הכי רישא נמי? בבא להם דרך עקילתון אי הכי סיפא נמי? כיון דאמר להו לכו ואני אבוא אחריכם מיסמך סמכא דעתייהו:

## (הדרן עלך אין דורשין)

י) מתני׳, חומר בקודש מבתרומה שמטבילין כלים בתוך כלים לתרומה אבל לא לקדש, אהורים ותוך ובית הצביטה בתרומה, אבל לא

---

היטען די זאך, נאך וועהרענד זי איז געוועז אין חבר׳ס האנד? ווארום איז עס טמא? האט ר׳ יוחנן געזאגט, „חזקה אין אדם משמר מה שביד חברו", עס איז אנגענומען, דאס א מענש קען ניט היטען עפעס אין יענעמס האנד. פרעגט די גמרא, „ולא?" דו זאגסט אז מען קען ניט? „והתניא", מיר האבען דאך געלערעט, „הרי שהיו חמריו ופועליו טעונין טהרות", אויב ארבייטער מיט אייזלען האבען געפיהרט טהרות, „אף על פי שהפליג מהן יותר ממיל", כאטש דער בעל הבית איז געווארען דערוויטערט פון זיי מעהר פון א מייל זיינען די טהרות ריין, ווייל מען קען היטען ביי יענעם אין האנד, „ואם אמר להם לכו ואני אבוא אחריכם", און אויב ער האט געזאגט געהט און איך וועל קומען נאך אייך, איז דער דין, כיון שנתעלמו עיניו מהן טהורותיו טמאות", ווי נאר זיינע אויגען פארפעהלען צו זעהן זיי, זיינען די טהרות טמא. פרעגט די גמרא, „מאי שנא רישא ומאי שנא סיפא?" וואס איז דער אונטערשייד פון די רישא ביז די סיפא? האט ר׳ יצחק נפחא געזאגט, „רישא במטהר חמריו ופועליו לכך", די רישא שמועסט אז ער האט די פועלים טובל געוועזן דערפאר, דאס הייסט לעולם זאג איך אז א מענש קען ניט היטען וואס איז ביי יענעם אין האנד, אי ווארום זיינען זיי טהורות? דאס איז ווייל די פועלים זיינען געוועזן ריין, „אי הכי?" אויב אזוי? „סיפא נמי?" קענסט דאך די סיפא אויך אזוי איינזעצען? און ווארום איז טמא? ענטפערט די גמרא, „אין עם הארץ מקפיד על מגע חברו", אן עם הארץ פאסט ניט אויף יענער זאל ניט אנרירען. „אי הכי?" אויב אזוי? „רישא נמי?" איז דאך די רישא אויך דאס זעלבע? ענטפערט די גמרא, „בבא להם דרך עקילתון", ער קען צו זיי צו־קומען דורך א הינטערוועג פלוצלונג, האבען זיי מורא, פאסען זיי אויף. „אי הכי?" אויב אזוי, „סיפא נמי?" קען דאך די סיפא אויך אזוי זיין? ענטפערט די גמרא „כיון דאמר להם לכו ואני אבוא", ווי נאר ער האט זיי געזאגט געהט און איך וועל נאכקומען, „מיסמך סמכא דעתייהו", האבען זיי זיך שוין פארלאזען דאס דער בעל הבית וועט אזוי גיך ניט קומען דאריבער איז אזא היטונג ביי יענעם אין האנד ניט גילטיג און עס איז טמא. י) משנה. „חומר", עס איז הארבער ביי קודש ווי ביי תרומה, „שמטבילין כלים בתוך כלים לתרומה", מען מעג טובל׳ן כלים איינע אין די אנדערע, פאר תרומה,

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 42**

בקדש, הנושא את המדרס נושא את התרומה אבל לא את הקודש בגדי אוכלי תרומה מדרס לקדש, לא כמדת הקדש מדת התרומה, שבקדש מתיר ומנגב ומטביל ואחר כך קושר, ובתרומה קושר ואחר כך מטביל, כלים הנגמרים בטהרה צריכין טבילה לקדש אבל לא לתרומה, הכלי מצרף מה שבתוכו לקדש אבל לא לתרומה, הרביעי בקדש פסול והשלישי בתרומה, ובתרומה אם נטמאת אחת מידיו חבירתה טהורה, ובקודש מטביל שתיהן, שהיד מטמא את הבירתה בקדש אבל לא בתרומה, אוכלין אוכלים נגובין בידים מסואבות בתרומה אבל לא בקדש

---

„אבל לא", אָבער ניט פאר קודש. „אחורים ותוך ובית הצביטה בתרומה", די אויסווייניג און אינווייניג פון די כלים אויב זיי ווערען גענוצט אַלס באזונדער, איז אויב איין חלק פון דער כלי ווערט טמא שלעפט עס ניט מיט די אנדערע חלקים, נאָר איך זאָג די אַנדערע חלקים פון דער כלי זיינען נאָך אַלץ טהור צו נוצען ביי תרומה, „אבל לא", אָבער ניט ביי קדש. (דאָ שמועסט ביי א טומאה דרבנן), ביי איהר ווערט די גאנצע כלי טמא. „הנושא את המדרס נושא את התרומה", דער וואָס באוועגט א מדרס צב"ש א שוך פון א זב, מעג באוועגען און טראָגען א ערדענעם פאָס תרומה, דען ערדענע כלים ווערען ניט טמא פון אויסווייניגסטע באַרירונג, „אבל לא", אָבער ניט קדש, „בגדי אוכלי תרומה מדרס לקדש", קליידער פון די וועלכע עסען תרומה זיינען א מדרס פיר קדש, „לא כמדת הקדש, מדת התרומה", ניט די זעלבע מאָס אָבגעהיטקייט ביי טבילה פון קודש איז ביי תרומה, „שבקדש מתיר ומנגב ומטביל ואחר כך קושר", דען ביי קדש אויב ער געהט טובל'ן א טמא קלייד, מוז ער אויפבינדען די קנופען און אויסטריקענען זיי פאר זייער טבילה עס זאָל ניט זיין קיין חציצה, דאָס הייסט דאָס וואסער זאָל קענען צוקומען דירעקט אין יעדען פלאַץ, און נאָך דער טבילה קען ער ערשט בינדען וואו ער בעדארף, ביי תרומה מעג ער פריהער בינדען און נאכהער טובל'ן. „כלים הנגמרים בטהרה צריכין טבילה לקדש", כלים זיינען ערשט מקבל טומאה ווען זיי ווערען פארטיג און אויב זיי זיינען דאמאָלסט אָבגעהיט געווען, דאַרפען זיי פונדענסטוועגען טבילה פאר קדש, „אבל לא", אָבער ניט פאר תרומה. „הכלי מצרף מה שבתוכו לקדש", אויב אין א כלי פון קדש איז דאָ מעהרערע שטיקער, און א טומאה האָט אָנגערירט אין איינעם פון זיי, איז דער דין דאָס די כלי נעמט זיי צוזאמען אַלס איין שטיק, און זיינען אַלע טמא, „אבל לא", אָבער ניט ביי תרומה, ביי איהר איז דער צווייטער שטיק וועלכע באַרירט דעם ערשטען א שני לטומאה, און דער דריטער א שלישי לטומאה, און די איבעריגע זיינען ריין, „הרביעי בקדש פסול", ביי קדש איז די פיערטע פסול, דאָס הייסט עס קאָן שוין ניט מאכען קיין פינפטע, און ביי תרומה איז נאָר די דריטע פסול. „ותרומה אם נטמאת אחת מידיו חבירתה טהורה", ביי תרומה אויב איין האנד איז טמא געוואָרען איז זיין צווייטע האנד ריין, „ובקדש מטביל שתיהן", ביי קדש איז איין האנד מטמא די צווייטע אָבער ניט ביי תרומה, ביי טומאה דרבנן וועלכע איז נאָר מטמא די הענד, אוכלין אוכלים נגובין בידים מסואבות

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 43**

(**דף כ"א ע"א**) האונן ומחוסר כפורים צריכין טבילה לקדש אבל לא לתרומה.

א) **גמ'**. בקדש מאי טעמא לא? אמר ר' אילא מפני שכבידו של כלי הוצץ, והא מדסיפא משום חציצה, רישא לאו משום חציצה? דקתני סיפא ולא כמדת הקדש מדת התרומה שבקדש מתיר ומנגיב ומטביל ואחר כך קושר, ובתרומה קושר ואחר כך מטביל? רישא וסיפא משום חציצה וצריכה, דאי אשמעינן רישא, הוה אמינא היינו טעמא דלקדש לא, משום כבידו של כלי דאיכא, אבל סיפא דליכא כבידו של כלי אימא לקדש נמי לא הוה חציצה, ואי אשמעינן סיפא הוה אמינא היינו טעמא דלקדש לא, משום (**דף כ"א ע"ב**) דקוטרא במיא אהדוקי מהדק, אבל רישא דמיא אקפויי מקפו ליה למנא, לא הוה חציצה צריכא.

---

בתרומה", מען מעג עסען טרוקענע עסענווארג, דאס מיינט אזוינע אוכלים וועלכע זיינען ניט באנעצט געווען און דאריבער ניט מקבל טומאה, מעג מען זיי עסען מיט טמא הענד ביי תרומה אבער ניט ביי קדש, „האונן ומחוסר כפורים צריכין טבילה לקדש", אן אונן, אין דעם טאג ווען איינער פון זיינע נאהענטע קרובים זיינען אוועק, און איינער וועלכער דארף נאך ברייננגען די קרבנות צו זיין זיבה דעם אכטען טאג צומארגענס, דארפען דאמאלסט טבילה פאר קדש אבער ניט פאר תרומה.

א) **גמ'**. פרעגט די גמרא „בקדש מאי טעמא לא?" ווארום זאל מען ניט טארען טובל'ן כלים צוזאמען איינע אין די אנדערע? האט ר' אילא געזאגט „מפני שכבידו של כלי חוצץ", ווייל די שווערקייט פון איין כלי אויף דער אנדערער מאכט א חציצה, עס האקט איבער צווישען וואסער און דער כלי. פרעגט די גמרא, „והא מדסיפא משום חציצה?" ווען איך זעהר אז די סיפא שמועסט וועגען חציצה, מוז דאך זיין אז די רישא שמועסט ניט וועגען חציצה? „דקתני סיפא", ער לערענט אין דער סיפא, „ולא כמדת הקדש וכו'", וועלכע רעדט זיך וועגען חציצה? ענטפערט די גמרא, „רישא וסיפא", ביידע שמועסען וועגען חציצה, „וצריכא", און ער מוז מיך לאזען הערען ביידע, „דאי אשמעינו רישא", ווען ער לאזט מיך הערען בלויז אין דער רישא, „הוה אמינא", וואלט איך זאגען, „היינו טעמא דלקדש לא, משום כבידו של כלי", דאריבער איז דער טעם וואס טבילה איז ניט גילטיג פאר קדש, צוליב די שווערקייט פון איין כלי אויף דער אנדערער, „אבל סיפא דליכא כבידו", אבער די סיפא שמועסט דאך ניט וועגען כלי בתוך כלי, „אימא לקדש נמי לא הוה חציצה", וואלט איך זאגען אז אויך ביי קדש הייסט דאס ניט קיין חציצה? „ואי אשמעינו סיפא", און ווען ער וואלט מיך לאזען הערען בלויז די סיפא, „הוה אמינא היינו טעמא דלקודש לא", וואלט איך זאגען דאס איז דער טעם ווארום די טבילה איז ניט גילטיג ביי קדש, „משום דקוטרא במיא אהדוקי מהדק", ווייל א קנופ אין וואסער ייערט פארפעסטיגט, דאריבער איז עס א חציצה, „אבל רישא, דמיא אקפויי מקפו ליה למנא", אבער די רישא שמועסט דאך וועגען איין כלי אין דער אנדערער וועלכע שווימט ארויף, דאס וואסער מאכט דאך ארויפשווימען די כלי, „לא הוה

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 43**

ב) רבי אילא לטעמיה דאמר רבי אילא אמר רבי חנינא בר פפא, עשר מעלות שנו כאן, חמש ראשונות בין לקודש בין להולין שנעשו על טהרת הקדש, אחרונות לקדש אבל לא לחולין שנעשו על טהרת הקדש, מאי טעמא? חמש קמייתא דאית להו דררא דטומאה מדאורייתא גזרו בהו רבנן בין לקדש בין לחולין שנעשו על טהרת הקדש, בתרייתא דלית להו דררא דטומאה מדאורייתא, גזרו בהו רבנן לקדש, להולין שנעשו על טהרת הקדש לא גזרו בהו רבנן. ג) רבא אמר מדסיפא הוה משום חציצה רישא לאו משום חציצה, ורישא היינו טעמא גזרה שלא יטביל מחטין וצינורות בכלי שאין בפיו כשפופרת הנוד, כדתנן עירוב מקוואות

---

חציצה". וואלט איך מיינען אז עס הייסט ניט קיין חציצה, „צריכא", מוז ער מיך לאזען הערען ביידע. ב) רבי אילא וואס זעצט איין די רישא אויך וועגען חציצה, געהט נאך זיין טעם נאך, וועלכער זאגט פון ר' חנינא בר פפא וועגען, „עשר מעלות שנו כאן". דאס צעהן שטאפלען צווישען קדש און תרומה רעכענט ער דא אין דער משנה, מיר זעהען דאך עלף מעלות? נאר רבי אילא מאכט דאך פון צוויי איינס, ער לערענט דאך די רישא אויך וועגען חציצה, „חמש ראשונות", די ערשטע פינף מעלות זיינען סאי פאר קדש סאי פאר חולין וועלכע ווערען געמאכט על טהרת הקדש, „אחרונות", די אנדערע פינף מעלות זיינען נאר פאר קדש, „אבל לא", אבער ניט פאר חולין שנעשו על טהרת הקדש, „מאי טעמא?" וואס איז די אורזאך? „חמש קמייתא דאית להו דררא דטומאה מדאורייתא, די ערשטע פינף וועלכע איך האב צו זארגען וועגען א טומאה מן התורה, ווי כלי בתוך כלי, אויב עס איז דא חציצה, איז עס א טומאה מדאורייתא, און אחורים ותוך, כאטש עס שמועסט זיי זיינען טמא געווארען אין משקין וועלכע איז נאר א טומאה דרבנן, איז אבער דאס וואס די רבנן זאגען אז משקין זיינען מטמא כלים, צוליב די גזרה פון משקין פון א זב און א זבה, זייער אפפאל פליסיגקייטען וועלכע זיינען א טומאה דאורייתא און ביי כלי שטף (האלצענע כלים) איז קיין אונטערשיעד צווישען אחורים און תוך, און „נושא את המדרס" איז אויך א חשש פאר טומאה דאורייתא צוליב א געשיכטע וואס האט פאסירט עס איז אריינגעפאלען א שטיקעל שנור פון א סנדל של זב, אין א ערדענעם חבית, וועלכע ווערט טמא פון „אויר" אינווייניג און ווידער וועגען בגדי אוכלי תרומה וועלכע זיינען א מדרס פאר קדש, איז דער חשש טאמער איז געזעסען אין זיי א נדה, וואס איז אויך א חשש טומאה מדאוריתא, און די פינפטע מעלה וועגען כלים הנגמרים, און דאריבער, „גזרו בהו רבנן בין לקדש בין לחולין שנעשה וכו'". האבען די רבנן גוזר געוועען סאי פאר קדש סאי פאר וועלכע ווערען געפיהרט על טהרת הקדש, „בתרייתא דלית בהו דררא דטומאה מדאורייתא". אבער די לעצטע פינף מעלות, ביי וועלכע עס איז ניט דא קיין חשש טומאה מן התורה, האבען די רבנן גוזר געווען נאר פאר קדש און ניט פאר חולין, וועלכע ווערען געפיהרט אויף טהרת הקדש. ג) רבא זאגט, „מדסיפא הוי משום חציצה". ווען איך זעה אז די סיפא שמועסט וועגען הציצה איז ווארשיינליך די רישא ניט וועגען חציצה, נאר, „ורישא היינו טעמא

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 44**

כשפופרת הנוד כעוביה (דף כ״ב ע״א) וכחללה בשתי אצבעות חוזרות למקומן, סבר לה כהא דאמר ר׳ נחמן אמר רבה בר אבוה י״א מעלות שנו כאן, שש ראשונות בין לקדש בין לחולין שנעשו על טהרת הקדש, אחרונות לקדש, אבל לא לחולין שנעשו על טהרת הקדש.

א) **מאי** איכא בין דרבא לדר׳ אילא? איכא בינייהו סל וגרגותני שמלאן כלים והטבילן, למאן דאמר משום חציצה איכא, למאן דאמר משום גזרה שמא יטביל מחטין וצינוריות בכלי שאין בפיו כשפופרת הנוד, סל וגרגותני שאין בפיהן כשפופרת הנוד ליכא, ואזדא רבא לטעמיה, דאמר רבא סל וגרגותני שמילאן כלים והטבילן טהורין, ומקוה שהלקו

---

גזרה שלא יטביל מחטין וצינורות בכלי שאין בפיו כשפופרת הנוד", די רישא וואס זאגט מען טובלט נים קיין כלי בתוך כלי, איז דער טעם, די חכמים האבען גוזר געווען, ער זאל נים קומען טובל׳ן נודלען אין א כלי, וועלכע איהר מויל האלט נים די ברייט ווי א רעהרעל פון א לוגעל, דען א כלי מיט אזא קליינע עפענונג אין מקוה הייסט ווי אבגעטיילט פון איהר, „כדתנן", ווי מיר האבען געלערנט אין א משנה, „עירוב מקוואות כשפופרת הנוד כעוביה וכחללה בשתי אצבעות חוזרות למקומן", צו אויסמישען און באהעפטען צוויי מקואות פון וועלכע איינע איז ווייניגער ווי מ״ם סאה צו מאכען איהר כשר, מוז זיין באהעפט דורך אן עפענונג די ברייט פון א שפופרת הנוד, ווי איהר גרעב און הלל, צו קענען ארומדרעהען מיט צוויי פינגער אינוויינינ רינגסאום, צוריק קומענדיג אין זעלבען פלאץ, וויבאלד מען וועט מעגען טובל׳ן א כלי אין דער אנדערער, וועט מען זיך שוין ערלויבען צו טובל׳ן קליינע כלים ווי מחטין און צינורות אין אן אנדערע כלי מיט א קליינע עפענונג, וועלכע איז נים קיין חיבור צו דער מקוה, און דאס איז א חשש טומאה דאורייתא, „סבר לה כהא דאמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה", ער האלט טאקע ווי די זאך וואס ר׳ נחמן האט געזאגט פון רבה בר אבוה וועגען, „י״א מעלות שנו כאן", און אז עלף מעלות איז געלערנט דא, „שש ראשונות", די ערשטע זעקס זיינען סאי פאר קדש סאי פאר חולין שנעשו על טהרת הקודש, „אחרונות", די לעצטע זיינען בלויז פאר קדש, אבער נים פאר חולין שנעשו על טהרת הקדש.

א) „**מאי** איכא?" וואס איז דער אונטערשיעד צווישען רבא און רבי אילא? ענטפערט די גמרא „איכא בינייהו סל וגרגותני שמילאן כלים והטבילן", עס איז דער חילוק צווישען זיי, ער האט גענומען גרויסע קערבער און אנגעפילט מיט כלים און זיי אזוי טובל געווען, „למאן דאמר משום חציצה", נאך דעם וועלכער האלט אז צוליב חציצה, „איכא", איז ריכטיג דער זעלבער טעם אויך ביי סל וגרגותני, „למאן דאמר משום גזרה שמא יטביל מחטין וצינוריות", נאך דעם וועלכער האלט אז דער טעם ווארום מען טאר נים טובל׳ן א כלי בתוך כלי איז, ווייל איך האב מורא טאמער וועט ער קומען טובל׳ן מחטין און צינורות, און אזעלכע כלים וועלכע האבען נים קיין עפענונג כשפופרת הנוד, איז ביי סל וגרגותני דאס נים דא, „ואזדא רבא לטעמיה", און רבא געהט נאך זיין טעם נאך, דען ער זאגט א סל און גרגותני וועלכע ער

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 44**

בסל וגרגותני הטובל שם, לא עלתה לו טבילה, דהא ארעא כולה חלחולי מהלחלא, ובעינן דאיכא מ״ם סאה במקום אחד, והני מילי בכלי טהור אבל בכלי טמא, מיגו דסלקא טבילה לכולה גופיה דמנא, סלקא להו נמי לכלים דאית ביה, דתנן כלים שמילאן כלים והטבילן הרי אלו טהורין, ואם לא טבל, מים המעורבים עד שיהיו מעורבין כשפופרת הנוד, מאי קאמר ואם לא טבל? הכי קאמר ואם אינו צריך להטבילו, ומים המעורבין עד שיהיו מעורבין כשפופרת הנוד. ב) והא דרבא ודר׳ אילא תנאי הוא, דתניא סל וגרגותני שמילאן כלים והטבילן בין לקדש בין לתרומה טהורין, אבא שאול אומר לתרומה אבל לא לקדש, אי הכי תרומה נמי? למאן

---

האט אנגעפילט מיט כלים און זיי אזוי גע׳טובל׳ט זיינען זיי ריין, „ומקווה שחלקו בסל וגרגותני״, און א מקווה אויב זיי האבען איבערגעטיילט מיט א סל אדער גורגותני, איז, „הטובל שם לא עלתה לו טבילה״, אז איינער איז זיך טובל דארט, איז ניט גערעכענט איהם די טבילה, „דהא ארעא כולה חלחולי מחלחלא״, דו קענסט ניט רעכענען דאס די מקווה איז איינס, דען דער גאנצער ע־דקוגעל איז געהוילט דורך וואסער גענגע, און פונדעסטוועגען, „ובעינן דאיכא מ״ם סאה במקום אחד״, דארף מען האבען עס זאל זיין פיערציג סאה אין איין פלאץ, „והני מילי בכלי טהור״, ווען זאג איך די רייד, אז עס מוז זיין כשפופרת הנוד, ווען ער געהט טובל׳ן טמא כלים אין א כלי וועלכע איז ריין, דאמאלסט קוקט עס אוים ווי ער וואלט צוטיילט די מקווה, „אבל בכלי טמא״, אבער ווען ער טובל׳ט טמא כלים אין א טמא כלי, דאס הייסט אלע צוזאמען, זאג איך, „מיגו דסלקא טבילה לכולה גופיה דמנא״, ווייל די טבילה האט גע־האלפען צום גאנצען קערפער פון דער כלי, „סלקא להו נמי לכלים דאית ביה״, האט עס שוין אויך געהאלפען צו די כלים וועלכע זיינען אין דער כלי, „דתנן״, דען מיר האבען געלערענט אין א משנה, „כלים שמילאן כלים והטבילן הרי אלו טהורין״, כלים וועלכע ער האט אנגעפילט מיט כלים און זיי אזוי גע׳טובל׳ט, זיינען זיי ריין, „ואם לא טבל, מים המעורבין, עד שיהיו מעורבין כשפופרת הנוד״. פרעגט די גמרא, „מאי קאמר ואם לא טבל?״ וואס מיינט ער דא צו זאגען ואם לא טבל, ענטפערט די גמרא „הכי קאמר״, אזוי מיינט ער צו זאגען, „ואם אינו צריך להטבילו״, אויב די כלי, אין וועלכער ער טובל׳ט איז ריין ער דארף איהר ניט טובל׳ן דאמאלסט דארף ער דאך אנקומען צו מים המעורבין דאס די וואסער פון דער כלי זאל זיין באהעפט צו דער מקווה, איז דער דין, „עד שיהיו מעורבין כשפופרת הנוד״, מוז זיין דער חיבור און צוזא־מענמישונג די ברייט פון א שפופרת הנוד. ב) דאס וואס רבא און רבי אילא זאגען, „תנאי היא״, קריגען אין דעם תנאים, „דתניא״, דען מיר האבען גע־לערענט, „סל וגרגותני״, אויב ער האט זיי אנגעפילט מיט כלים און זיי אזוי טובל געווען, איז דער דין סאי פאר קדש סאי פאר תרומה, „טהורין״, זיינען זיי ריין, אבא שאול זאגט, „לתרומה אבל לא לקדש״, נאר פאר תרומה אבער ניט פאר קדש, פאר קדש איז די טבילה קיין טבילה ניט צוליב חציצה ווי ר׳ אילא זאגט, און דער ערשטער תנא האלט ווי רבא, ווי שוין אויבען געזאגט דעם

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 46**

כי שאלינן מינייהו מטבלינן להו? טמא מת בעי הזאה ג' וז', ומנא לז' יומי לא מושלי אינשי. ה) ואטבילה לא מהימני? והתניא נאמנין עמי הארץ על טהרת טבילת טמא מת? אמר אביי לא קשיא הא בגופו הא בכליו, רבא אמר אידי ואידי בכליו ולא קשיא הא דאמר מעולם לא הטבלתי כלי בתוך כלי, והא דאמר הטבלתי אבל לא הטבלתי בכלי שאין בפיו כשפופרת הנוד, והתניא נאמן עם הארץ לומר פירות לא הוכשרו אבל אינו נאמן לומר פירות הוכשרו אבל לא נטמאו, ואגופו מי מהימן? והתניא חבר שבא להזות מזין עליו מיד, עם הארץ שבא להזות אין

---

שמאי כי שאלינן מינייהו מטבלינן להו?" האבען דאך די בית הלל אזוי געקענט ענטפערען צו די בית שמאי, ווען מיר לייהען זיך כלים ביי זיי, זיינען מיר זיי טובל? ענטפערט די גמרא, „טמא מת בעי הזאה ג' וז'", א זאך וועלכע ווערט טמא אין א מת, דארף א שפריצונג פון מי חטאת דעם דריטען און זיבעטען טאג, „ומנא לז' יומי לא מושלי אינשי", און א כלי פאר זיבען טעג לייהען ניט קיין מענשען. ה) „ואטבילה לא מיהמני?" און אויף טבילה זיינען זיי ניט באגלויבט? וואס דו זאגט ווען מען לייהט פון זיי כלים מוז מען זיי טובל'ן, „והתניא", מיר האבען דאך געלערענט, „נאמנין עמי הארץ על טהרת טבילת טמא מת", די עמי הארץ זיינען באגלויבט אויף טהרת כלים וועלכע זיינען טמא געווארען פון א מת. „אמר אביי לא קשיא", עס איז ניט קיין קשיא „הא בגופו הא בכליו", דא וואו עס זאגט זיך, ער איז יא באגלויבט שמועסט וועגען זיין גוף און דא שמועסט ביי כלים, זיינען זיי ניט באגלויבט. רבא זאגט „אידי ואידי בכליו",ביידע שמועסען ביי כלים, „ולא קשיא, הא דאמר מעולם לא הטבלתי כלי בתוך כלי", דא וואו ער זאגט זיי זיינען באגלויבט, שמועסט אז ער זאגט איך האב קיינמאהל ניט גע'טובל'ט א כלי אינווייניג פון דער אנ־דערער, „והא דאמר הטבלתי אבל לא הטבלתי בכלי שאין בפיו כשפופרת הנוד", און דא וואו ער איז ניט באגלויבט שמועסט, ער האט געזאגט, איך האב יא גע'טובל'ט איינע אין די אנדערע נאר איך האב אויפגעפאסט דאס די עפענונג זאל זיין ברייט ווי א שפופרת הנוד, האט ער דאך ניט אויפעפאסט אויף א חציצה פון דער שווערקייט פון דער אינווייניגסטער כלי, „והתניא", און מיר האבען טאקע געלערענט, „נאמן עם הארץ לומר פירות לא הוכשרו", אן עם הארץ איז באגלויבט צו זאגען, די פירות זיינען קיינמאהל ניט געווארען צוגע־גרייט מקבל טומאה צו זיין, דאס הייסט זיי זיינען קיינמאהל ניט באנעצט געווארען מיט וואסער, „אבל אינו נאמן לומר פירות הוכשרו אבל לא נטמאו", אבער ער איז ניט באגלויבט צו זאגען אז די פירות זיינען מוכשר געווארען אבער ניט טמא געווארען, אזוי ווי דא, ער האט די כלי גע'טובל'ט און דורכגע־געפירט לויט'ן דין פון שפופרת הנוד, וואס ער איז ניט באגלויבט, פרעגט די גמרא, „מי מהימן?" איז ער דען באגלויבט אויף זיין גוף צו זאגען איך האב מיך גע'טובל'ט, „והתניא?" מיר האבען דאך געלערענט, „חבר שבא להזות מזין עליו מיד", אז א חבר קומט צו באקומען א הזאה פאר דעם דריטען טאג פון זיין טומאה שפריצט מען אויף איהם באלד, „עם הארץ שבא להזות, אין

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 46**

שבעה ובצק טהור? לוגין מלא משקין (לוגין) וטמא טומאת שבעה ומשקין טהורין? נטפל לו תלמיד אחד מתלמידי בית שמאי, אמר לו מר לך טעמן של בית שמאי, אמר לו אמור, אמר לו כלי טמא חוצץ אינו חוצץ? אמר לו אינו חוצץ, כלי של עם הארץ טמא או טהור? לו טמא, ואם אתה אומר לו טמא, כלום משגיח עליך? ולא עוד, שאם אתה אומר לו טמא, אומר לך, שלי טהור ושלך טמא, וזה טעמן של בית שמאי מיד הלך ר׳ יהושע ונשתטח על קברי בית שמאי, אמר נענתי לכם עצמות בית שמאי ומה סתומות שלכם כך, מפורשות על אחת כמה וכמה, אמרו כל ימיו הושחרו **שיניו מפני תעניותיו, קתני מיהת לך ולו, אלמא שאלינן מינייהו, כי** שאלינן מינייהו מטבלינן להו, אי הכי ניהדרו להו בית הלל לבית שמאי

---

טמא זיבען, און דאָס טייג זאָל זיין ריין? אָדער, לוגין מלא משקין", עס זיינען דאָרט איבער׳ן געצעלט כלים פול מיט געטראַנקען, „לוגין טמא טומאת שבעה ומשקין טהורין?" די כלים זאָלען זיין טמא זיבען און די געטראַנקען ריין? ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? „נטפל לו תלמיד אחד", האָט זיך צו איהם צוגע־לאַנטשט א תלמיד פון די בית שמאי האָט ער איהם געזאָגט, „אומר לך טעמן של בית שמאי", איך וועל דיר ערקלערען זייער טעם, „אמר לו אמור", האָט ער איהם געזאָגט, זאָג, „אמר לו כלי טמא חוצץ או אינו חוצץ?" האָט ער איהם געזאָגט אין א פראַגע, איז א טמא כלי חוצץ אָדער ניט? האָט ער איהם גע־זאָגט זי איז ניט חוצץ, נאָך א פראַגע, „כלי של עם הארץ טמא או טהור?" איז א כלי פון אַן עם הארץ טמא אָדער ריין? האָט ער איהם געזאָגט זי איז טמא, „ואם אתה אומר לו טמא כלום משגיח עליך?" און אויב דו וועסט איהם זאָגען אַז זי איז טמא וועט ער עפּעס קוקען אויף דיר? „ולא עוד", און ניט דאָס אליין, „אלא שאם אתה אומר לו טמא, אומר לך, שלי טהור ושלך טמא", נאָר אפילו אַז דו וועסט איהם זאָגען טמא, וועט ער דיר זאָגען מיין כלי איז טהור און דיינע איז טמא, „וזה טעמן של בית שמאי", און דאָס איז זייער טעם, אַזוי ווי זייערע כלים זיינען טמא קענען זיי ניט אָבהאַלטען די טומאה פון אַרויפגעהן אויף די טהרות פון אויבען זיינען נאָר גילטיג פאַר זיי, „מיד הלך ר׳ יושיע ונשתטח על קברי ב״ש", באַלד איז ר׳ יהושיע געגאַנגען און זיך געשטרעקט אויף זייערע קברים, זאָגענדיג „נענתי לכם עצמות", איהר ביינער פון ב״ש, איך בין געפיינינגט פאַר אייך וואָס איך האָב אַזוי גערעדט וועגען אייך, „ומה סתומות", מה דאָך אייערע פאַרשטעלטע זאכען זיינען אַזוי ריכטיג, „מפורשות על אחת כמה וכמה?" זיינען די אָפּענבאַרע זאכען געוויס א סך מאָהל מעהר, „אמרו כל ימיו הושחרו שיניו מפני תעניותיו", עס איז געזאָגט דאָס זיינע ציינער זיינען שוואַרץ געוואָרען פון די תעניתים, „קתני מיהת לך ולו", לערענט ער דאָך אויבען וועגען דער כלי פון אַן עם הארץ די ווערטער לך ולו, „אלמא שאלונן מינייהו", זעהסטו דאָך גוט דאָס מען לייהט כלים פון זיי. ענטפערט די גמרא, „כי שאלינן מינייהו מטבלינן להו", ווען מען לייהט איז מען זיי טובל. פרעגט די גמרא „אי הכי?" אויב אַזוי „ניהדרו להו בית הלל לבית

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד 45:**

קאמרינן, חברים? חברים מידע ידעי, אי הכי קדש נמי? חזי ליה עם הארץ ואזיל מטביל, תרומה נמי חזי ליה עם הארץ ואזיל מטביל? לא מקבלינן מינייהו, קדש נמי לא נקביל מינייהו? הויא ליה איבה, תרומה נמי הויא ליה איבה, לא איכפת ליה דאזיל יהיב ליה לכהן עם הארץ הבריה, ומאן תנא דחייש לאיבה? רבי יוסי היא דתניא אמר רבי יוסי מפני מה הכל נאמנין על טהרת יין ושמן כל ימות השנה, כדי שלא יהא כל אחד ואחד הולך ובונה במה לעצמו ושורף פרה אדומה לעצמו. ג) אמר רב פפא כמאן מקבלינן האידנא סהדותא מעם הארץ, כמאן?

---

חילוק צווישען זיי. פרעגט די גמרא, „אי הכי תרומה נמי?" אויב עס איז אזוי ביי קדש לויט ביידע טעמים פון ר׳ אילא און רבא, איז דאך די פראגע, לאז תרומה אויך אזוי זיין? ענטפערט די גמרא, „למאן קאמרינן? פאר וועמען זאגען מיר דאס? „חברים", נאר תלמידי חכמים וועלכע פיהרען זיך בטהרה, „חברים מידע ידעי", חברים ווייסען די טעמים צוליב וואס מען איז ניט טובל כלי בתוך כלי, ביי קדש, וועלען זיי שון ביי תרומה היטען צו אויפ־הויבען אביסעל די שווערע כלי ווערענד די טבילה, און זיי וועלען אויך אויפ־פאסען עס זאל זיין כשפופרת הנוד, „אי הכי קדש נמי?" אויב עס איז אזוי, די חברים וועלען שוין אויפפאסען ביי תרומה, איז דאך די פראגע זיי קענען דאך ביי קדש אויך אבהיטען? ענטפערט די גמרא, „חזי ליה עם הארץ ואזיל מטביל", אן עם הארץ וועט דאס זעהן, וועט ער אויך אזוי טאן, און ער וועט שוין ניט אויפפאסען עס זאל זיין כשפופרת הנוד, אדער אונטערהויבען אביסעל די שווערע כלי געגען הציצה, פרעגט די גמרא ווידער, „תרומה נמי חזי ליה עם הארץ ואזיל מטביל", ביי תרומה איז דאך צו באזארגען, דער עם הארץ וועט אזוי טאן און נאכהער געבען די תרומה צו א כהן, ענטפערט די גמרא, „לא מקבלינן מינייהו", מען נעמט ניט אן פון זיי קיין תרומה, נאר אין צייט ווען די הכמים פאסען אויף אויף זייער טהרה, „קדש נמי לא נקביל מינייהו?" זאל מען ביי קדש אויך אזוי טאן, ניט אנצונעמען פון זיי? ענטפער, „הויא להו איבה", עס וועט זיך שאפען ביי זיי א פיינדשאפט, „תרומה נמי?" ביי תרומה קען דאך אויך ווערען פיינדשאפט? ענטפער, „לא איכפת ליה", עס וועט איהם ניט ערגערען, „דאזיל יהיב ליה לכהן עם הארץ חבריה", דען ער וועט אוועק־געבען די תרומה צו א כהן אן עם הארץ זיין גלייכען. „ומאן תנא דחייש לאיבה?" ווער איז דאס דער תנא וואס איז חייש וועגען איבה? דאס איז ר׳ יוסי, דען מיר האבען געלערענט ר׳ יוסי האט געזאגט, „מפני מה הכל נאמנין על טהרת יין ושמן כל ימות השנה?" וואס איז די אורזאכע וואס אלע זיינען באגלויבט אויף די ריינקייט פון יין און שמן, א גאנץ יאהר, דאס איז, „כדי שלא יהיו כל אחד ואחד הולך ובונה במה לעצמו", דאמיט עס זאל ניט יעדער איינער פאר זיך בויען א במה, אין צייט ווען די במות האבען אויפגעהערט, אויך ניט מקריב צו זיי א פרה אדומה פאר זיך, און אויב מען וועט פון זיי ניט צונעמען קיין יין אויף נסכים און שמן אויף מנחות, וועט דאס שאפען א פיינדשאפט און זיי וועלען בויען במות אין צייט ווען זיי זיינען אסור. ג) רב פפא האט

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 45**

כר' יוסי וניחוש לשאלה? דתנן כלי חרס מציל על הכל דברי בית הלל בית שמאי אומרים אינו מציל אלא על אוכלים ועל המשקים ועל כלי חרס, אמרו להם בית הלל לבית שמאי מפני מה? אמרו בית שמאי מפני שהוא טמא על גב עם הארץ, ואין כלי טמא חוצץ, אמרו להם בית הלל והלא טיהרתם אוכלים ומשקים שבתוכו? אמרו להם בית שמאי כשטיהרנו אוכלין ומשקין שבתוכו, (דף כ"ב ע"ב) לעצמו טהרנו אבל נטהר את הכלי שטהרתו לך ולו. ד) תניא אמר ר' יהושיע בושני מדבריכם בית שמאי, אפשר אשה לשה בעריבה אשה ועריבה טמאין

---

געזאָגט, „כמאן מקבלינן האידנא סהדותא מעם הארץ?" לויט וועמען וועט אויסקומען וואָס מיר טאָרען מקבל עדות זיין פון אן עם הארץ? פרעגט די גמרא תיכף, „כמאן?" דו פרעגסט ווי וועמ? „כרי יוסי", וועלכער איז באַזאָרגט וועגען פיינדשאַפט. פרעגט די גמרא, „וניחוש לשאלה?" זאָל מען ניט טאָרען טובל'ן כלי בתוך כלי צוליב דעם טאַמער דער עם הארץ וועט זעהן וועט ער אויך אַזוי טאָן און חברים לייען דאָך פון זיי כלים צום נוצען? איז די פראַגע לאָמיר באַזאָרגען וועגען לייהען? „דתנן", דען מיר האָבען טאַקע געלערענט דאָס מען לייהט ביי זיי כלים, „כלי חרס מציל על הכל", א כלי חרס באַשירמט אויף אלעס, ווי צב"ש, אין א געצעלט איז דאָ א מת און איבער'ן געצעלט זיינען דאָרט טהרות און אַן עפענונג פון געצעלט צו זיי, איז, אויב ער שטעלט אריין אין דער עפענונג א כלי חרס, איז זי מציל די טהרות פון דער טומאה, ווי דער פסוק זאָגט, „אם מוקף צמיד פתיל עליו", אויב עס איז ארום מיט א צודעק, אַזוי האַלטען בית הלל, בית שמאי זאָגען, „אינו מציל אלא על אוכלין ומשקין ועל כלי חרס", עס קען ניט מציל זיין נאָר אוכלין ומשקין און אַן ערדענע כלי, „אמרו להם", האָבען די בית הלל געזאָגט צו די בית שמאי, „מפני מה?" וואָרום זאָל עס ניט מציל זיין? האָבען די בית שמאי גע־ענטפערט „מפני שהוא טמא על גב עם הארץ", ווייל די כלי איז נאָך געוועזן טמא ביי דעם עם הארץ, „ואין כלי טמא חוצץ", און א טמא כלי קען ניט אי־בערהאַקען און איינהאַלטען די טומאה, „אמרו להם", האָבען די בית הלל געזאָגט צו זיי, „והלא טיהרתם אוכלין ומשקין שבתוכו?" איהר האָט דאָך גערייניגט די אוכלין ומשקין פון אין דער כלי? „אמרו להם", האָבען די בית שמאי געזאָגט, „כשטיהרנו אוכלין ומשקין שבתוכו", אַז מיר האָבען גערייניגט, מיינענדיג צו זאָגען, אַז מיר האָבען געזאָגט דאָס די אוכלין און משקין אין דער כלי זיינען ריין, „לעצמו טיהרנו", פאַר דעם עם הארץ אַליין האָבען מיר גערייניגט, און די חברים זיינען דאָך אָבגעשיידט פון זיי, „אבל נטהר את הכלי?" אָבער דאָ זאָלען מיר מטהר זיין די כלי? „שטהרתו לך ולו", וועלכע ריינקייט איז אָנבעלאַנגט פאַר דיר און איהם, לייענדיג ביי איהם. ד) „תניא", רבי יושיע האָט געזאָגט, „בושני מדבריכם ב"ש", איהר בית שמאי איך שעם מיך פון אייערע רייד, „אפשר אשה לשה בעריבה?" איז דאָס מעגליך א פרוי זאָל קנעטען אין עריבה, (אזא כלי פאַר דעם) איבער דעם געצעלט וואו א מת איז דאָ, „אשה ועריבה טמאין שבעה ובצק טהור?" די פרוי און די עריבה זאָלען זיין

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 46**

מזין עליו עד שיעשה בפנינו שלישי ושביעי אלא אמר אביי מתוך חומר שהחמרת עליו בתחילתו הקלת עליו בסופו: ו) אחורים ותוך: מאי אחורים ותוך? כדתנן כלי שנטמא אחוריו במשקין, אחוריו טמאין, תוכו אוגנו אזנו וידיו טהורין, נטמא תוכו כולו טמא: ובית הצביטה וכ׳ מאי בית הצביטה? אמר ר׳ יהודה אמר שמואל מקום שצובטו, וכן הוא אומר (רות ב׳) ויצבט לה קלי רבי אסי אמר ר׳ יוחנן מקום שנקיי הדעת צובעין, תני רב ביבי קמיה דר׳ נחמן כל הכלים אין להם אחורים ותוך, אחד קדשי המקדש ואחד קדשי הגבול, אמר ליה קדשי הגבול מאי נינהו? תרומה? והתנן אחורים ותוך ובית הצביטה לתרומה דלמא לחולין שנעשו על טהרת הקדש קאמרת, אדכרתן מילתא

---

מזין עליו״, אז עס הארץ אויב ער קומט פאר א הזאה, שפריצט מען ניט אויף איהם, „עד שיעשה בפניו שלישי ושביעי״, ביז ער ווערט פאר אונז פארטיג צום דריטען און זיעבטען טאג פון די הזאות, זעהסטו דאך גוט אז ער איז אויף זיין גוף אויך ניט באגלויבט? „אלא אמר אביי מתוך חומר שהחמרת עליו בתחילתו הקלת עליו בסופו״, האט אביי פארענטפערט, טאקע צוליב דעם וואס דו האסט שטרענגער געמאכט אויף איהם אין אנפאנג, ניט גלויבענדיג איהם די טעג פון הזאות, האסטו געקענט פארלייכטערען צו גלויבען איהם ביים ענדע, דאס ער וועט ריכטיג מאכען די טבילה. ו) וואס מיינט די משנה וועגען אחורים ותוך? „כדתנן״, ווי מיר האבען געלערענט, „כלי שנטמא אחוריו במשקין״, א כלי וועלכע איז טמא געווארען בלויז פון אויסוויינינג דורך באנע־צונג פון טמא משקה, איז דער דין דאס בלויז די אויסוויינינגסטע איז טמא, אבער „תוכו אוגנו אזנו וידיו טהורין״, דער אינווייניג און דער ראנד דער אויר און די הענטלעך זיינען ריין. „נטמא תוכו כולו טמא״, דאגעגען אבער ווען דער אינווייניג איז טמא געווארען איז זי אינגאנצען טמא: וואס מיינט די משנה מיט „בית הצביטה?״ האט ר׳ יודא געזאגט פון שמואל׳ס וועגען, „מקום שצובטו״, דער פלאץ מיט וועלכען מען דערלאנגט, „וכן הוא אומר״, ווי דער פסוק זאגט, „ויצבט לה קלי״, ער האט איהר דערלאנגט א קלי, רבי אסי זאגט פון ר׳ יוחנן וועגען, „מקום שנקיי הדעת צובעין״, אז צביטה מיינט מען דעם פלאץ אין דער כלי, וואס איז אבגעטיילט באזונדער פאר אפעטיט זאכען ווי חרדל אדער חומץ, וואו די מפונקים טונקען איין זייער עסען, רב ביבי האט גע־לערענט פאר ר׳ יוחנן אלע כלים האבען ניט קיין אחורים ותוך, „אחד קדשי המקדש״, סאי קדשים פון בית המקדש סאי קדשי גבול, האט ר׳ יוחנן געפרעגט, „קדשי הגבול מאי נינהי?״ וואס מיינט מען קדשי גבול? תרומה? „והתנן אחורים ותוך ובית הצביטה לתרומה?״ דו זאגסט דאס געגען תרומה איז ניטא קיין אחורים ותוך, דאס הייסט אז איינס ווערט טמא ווערען שוין אלע טמא, און אין אונזער משנה האבען מיר דאך פארקערט דאס געגען תרומה איז יא דא אחורים ותוך וכו׳? ענטפערט די גמרא, „דילמא לחולין שנעשו על טהרת הקדש״, פיליכט מיינסטו צו זאגען מיט די ווערטער קדשי גבול אויף חולין וועלכע ווערען געהיט ווי קדש, קדשי גבול וועלכע מען עסט אין די גרעניצען פון ארץ ישראל.

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 46**

דאמר רבה בר אבוה אחת עשרה מעלות שנו כאן, שש ראשונות בין לקדש בין לחולין שנעשו על טהרת הקדש, אחרונות לקדש אבל לא לחולין שנעשו על טהרת הקדש: ז) הנושא את המדרס נושא את התרומה אבל לא את הקודש: קודש מאי טעמא לא? משום מעשה שהיה דאמר רב יהודה אמר שמואל מעשה באחד שהיה מעביר חבית של יין קודש ממקום למקום (דף כ״ג ע״א) ונפסקה רצועה של סנדלו ונטלה והניחה על פי החבית ונפלה לאויר החבית ונטמאת, באותה שעה אמרו, הנושא את המדרס נושא את התרומה אבל לא את הקדש, אי הכי תרומה נמי? הא מני ר׳ חנניא בן עקביא היא דאמר לא אסרו אלא בירדן ובספינה וכמעשה שהי׳, מה היא דתניא לא ישא אדם מי

---

„אדכרתן מילתא״, דורך דעם שמועס האָב איך מיך דערמאָנט א זאך וואָס רבה בר אבוה האָט געזאָגט, „אחת עשרה מעלות שנו כאן״, אז עלף מעלות זיינען געלערענט דאָ אין אונזער משנה, „שש ראשונות״, די ערשטע זעקס איז סאַי פאר קדש סאַי פאר חולין שנעשו על טהרת הקדש, די לעצטע זיינען נאָר פאר קדש אָבער ניט פאר חולין שנעשו על טהרת הקדש, אלזאָ מיינסטו געווים קדשי גבול אויף חולין על טהרת הקדש. (ווארום משקה איז מטמא, איז א גזרה פון די חכמים צוליב די פליסיגקייטען פון א זב וועלכע זיינען אן אב הטומאה, אָבער דאָ האָבען זיי פארלייכטערט ביי תרומה דאָס איין חלק פון דער כלי זאָל ניט מטמא זיין די גאנצע כלי צו צייגען דאָס די טומאה איז נאָר מדרבנן, דען סתם משקין קען ניט מטמא זיין קיין כלי מדאורייתא). ז) אין באצוג צו דער משנה, „הנושא את המדרס וכו׳״, פרעגט די גמרא, „קודש מאי טעמא לא?״ ווארום טאָר ער ניט באוועגען קודש, דער חבית איז דאָך כלי חרס וועלכע ווערט ניט טמא פון אויסווייניג? ענטפערט די גמרא, „משום מעשה שהיה״, צוליב א פאסירונג וואָס איז פאָרגעקומען, דען ר׳ יודא האָט געזאָגט פון שמואל וועגען, „מעשה באחד שהיה מעביר חבית של יין קדש״, עס האָט פאסירט איינער האָט איבערגעפירט קודש וויין פון פלאַץ צו פלאַץ, „ונפסקה רצועה של סנדלו״, האָט זיך איהם איבערגעריסען די רצועה פון זיין שוך וועלכע איז א מדרס פון א זב, „והניחה על פי החבית, ונפלה לאויר החבית ונטמאת״, און ער האָט די רצועה אוועקגעלייגט אויפ׳ן מויל פון חבית, און עס איז אריינגעפאלען אין לופט פון פאַס און דער וויין איז טמא געוואָרען. „באותה שעה אמרו״, אין דער צייט האָבען די חכמים געזאָגט ווער עס איז א נושא את המדרס מעג ער באוועגען תרומה אָבער ניט קיין קדש. פרעגט די גמרא, „אי הכי תרומה נמי?״ אויב אַזוי איז דאָך די פראַגע אויף תרומה אויך, ווארום זאָל ער מעגען באוועגען איהר? ענטפערט די גמרא, „הא מני ר׳ חנניא בן עקביא היא דאמר לא אסרו אלא בירדן ובספינה וכמעשה שהיה, עס וועט אויסקומען ווי חנניא וועלכער האלט אז די חכמים האָבען ניט גע׳אסור׳ט נאָר אויפ׳ן ירדן און שיף און ווי די פאסירונג עס איז געשעהן. „מאי היא?״ וואו איז די ברייתא? „דתניא לא ישא אדם מי חטאת ואפר חטאת ויעבירם בירדן ובספינה״, א מענש זאָל ניט טראָגען קיין מים פון אפר

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 47**

חטאת ואפר חטאת ויעבירם בירדן ובספינה ולא יעמוד בצד זה ויזרקם לצד אחר ולא ישיטם על פני המים, ולא ירכב על גב בהמה ולא על גבי חבירו אלא אם כן היו רגליו נוגעות בקרקע, אבל מעבירם על גבי הגשר ואינו חושש, אחד הירדן ואחד שאר הנהרות.

א) ר' חנניא בן עקביא אומר לא אסרו אלא בירדן ובספינה וכמעשה שהיה, מאי מעשה שהיה? דאמר רב יהודה אמר רב מעשה באדם אחד שהיה מעביר מי חטאת ואפר חטאת בירדן ובספינה, ונמצא כזית מת תחוב בקרקעותה של ספינה, באותה שעה אמרו לא ישא אדם מי הטאת ואפר חטאת ויעבירם בירדן בספינה. איבעיא להו סנדל טמא סנדל טהור מהו? חבית פתוחה חבית סתומה מהו? עבר ונשא מהו? רב אילא אמר אם עבר ונשא טמא, רבי זירא אמר עבר ונשא

---

פון פרה אדומה וועלכע זיינען געהייליגט פאר שפריצען אויף א טמא, ניט אויפ'ן ירדן און ניט אין א שיף, „ולא יעמוד בצד זה ויזרקם לצד אחר", ער זאל ניט שטעהן אין איין זייט טייך און אריבערווארפען צו דער אנדערע זייט, „ולא ישיטם על פני המים", ער זאל עס ניט מאכען שווימען אויפ'ן וואסער, „ולא ירכב על גב בהמה", און ניט אריבער פיהרען רייטענדיג אויף א בהמה און ניט אויף א מענש, „אלא אם כן היו רגליו נוגעות בקרקע", נאר סיידען זיינע פיס באריהרען אן די ערד, דען די גזרה דארף זיין פונקט לויט דער פאסי־דונג, דער בעשייד קומט, „אבל מעבירם על גב הגשר ואינו חושש", אבער ער מעג עס איבערפיהרען דורך א בריק און ער האט ניט וואס צו באזארגען, „אחד הירדן", סאי דורכ'ן ירדן סאי אנדערע טייכען, (די גזרה איז נאר ביי קדש ווי דארט).

א) ר' חנניא בן עקביא זאגט, „לא אסרו", די חכמים האבען ניט גע'אסור'ט נאר אויף א שיף אין ירדן, „וכמעשה שהיה", און פינקטליך ווי די מעשה האט פאסירט, „מאי מעשה שהיה", ווי אזו האט פאסירט? רב יודא האט געזאגט עס האט פאסירט, א מענש האט איבערגעפיהרט מי חטאת און אפר הטאת אין א שיף אויפ'ן ירדן, „ונמצא כזית מת תחוב בקרקעותה של ספינה", און עס איז געפונען געווארען, א כזית פון א מת האט געשטעקט אין דער ערד פון שיף, אין דער שעה האבען די חכמים געזאגט מען זאל מעהר אזוי ניט פיהרען, און די גזרה איז פינקטליך ווי דארט, אין א שיף און אויפ'ן ירדן און דער ערשטער תנא זאגט, גליך ווי דארט, מיינט אויך אלע טייכען און אלעס וואס איז ניט אויף דער ערד, דאס הייסט אפילו רייטענדיג, אויסער אויף בריקען אויף וועלכע מען מעג, ווייל עס איז ווי אויף דער ערד, „איבעיא להו", די בני הישיבה האבען געפרעגט, „סנדל טמא", לויט די גזרה פון א סנדל טמא פרעגען מיר צו איז מען גוזר אויך ביי א סנדל טהור צוליב א סנדל טמא? „חבית פתוחה", די פאסירונג איז דאך געווען מיט אן אפענעם חבית, פרעגען מיר אויב מען איז גוזר אויך ביי א חבית סתומה, א פארשטאפטען חבית? אדער, „עבר ונשא מהו?" ווי איז דער דין אויב איינער האט עובר געווען און יא גע־טראגען און עס האט ניט פאסירט קיין טומאה? רב איליא זאגט אויב ער

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 47**

טהור: ב) כלים הנגמרים בטהרה וכו': דגמרינהו מאן? אילימא דגמרינהו חבר למה להו טבילה? אלא דגמרינהו עם הארץ, נגמרים בטהרה קרי להו? אמר רבה בר שילא אמר רב מתנה אמר שמואל לעולם דגמרינהו חבר, ומשום צינורא דעם הארץ דנפל, אימת? אילימא מקמי דליגמריה? הא לאו מנא הוא? אלא בתר דגמריה? מיזהר זהיר בהו? לעולם מקמיה דגמריה, ודילמא בעידנא דגמריה עדיין לחה היא. ג) טבילה אין הערב שמש לא, מתניתן דלא כר' אלעזר? דתנן שפופרת שחתכה לחטאת, ר' אלעזר אומר יטבול מיד ר' יהושע אומר יטמא ואחר כך יטבול, והוינן בה דחתכה מאן? אילימא דחתכה חבר למה לי טבילה? אלא דחתכה עם הארץ בהא לימא ר' יהושע יטמא

---

האָט פארבראָכען און יאָ געטראָגען איז עס טמא, רב זירא זאָגט אויב ער האָט עובר געווען און יאָ געטראָגען איז עס טהור: ב) אין באצוג צו דער משנה — „כלים הנגמרים וכו'", פרעגט די גמרא „דגמרינהו מאן?" ווער האָט גע־פערטיגט די כלי? „אילימא דגמרינהו חבר?" ווען זאָגען אז א חבר האָט איהר געפערטיגט? „למה להו טבילה?" צו וואָס דארפען די כלים טבילה? „אלא דגמרינהו עם הארץ", נאָר מוז דאָך זיין אַז אן עם הארץ האָט זיי געפערטיגט, „נגמרים בטהרה קרי להו?" רופט זיי די משנה גע־פערטיגט אין טהרה? האָט רבה בר שילא געזאָגט, לעולם זאָג איך „דגמרינהו חבר", אז א חבר האָט זיי געפערטיגט, אַי ווארום דארפען זיי טבילה? „ומשום צינורא דעם הארץ דנפל", די טבילה איז צוליב א צינור, א פליסיגקייט פון אן עם הארץ וועלכע איז אריינגעפאלען. פרעגט די גמרא, „אימת?" ווען איז זי אריינגעפאלען? „אילימא מקמיה דליגמור, הא לאו מנא הוא?" ווען אריינגעפאלען? „אילימא מקמיה דליגמור, הא לאו מנא הוא?" וועסטו זאָגען דאָס איידער זיי זיינען פארטיג געוואָרען איז אריינגעפאלען איז דאָך די פראַגע דאמאָלסט איז עס דאָך נאָך קיין כלי ניט? „אלא בתר דגמריה מיזהר זהיר בהו?" אלא מוזטו דאָך זאָגען אז נאָכ'ן פערטיגען, איז ער דאָך דאמאָלסט געוואָרענט מיט זיי? ענטפערט די גמרא, לעולם זאָג איך, „מקמיה דגמריה", פאַר דעם פערטיגען, אַי איז דאָך די פראַגע עס איז דאָך נאָך קיין כלי ניט? „ודילמא בעידנא דגמריה עדיין לחה היא", נאָר פיליכט אין צייט ווען ער פערטיגט איהר איז זי נאַס, און אויטאָמאַטיש ווערט עס טמא פון פריהער.
ג) פרעגט די גמרא, „טבילה אין", טבילה קומט יאָ, „הערב שמש לא", אָבער זונענאונטערגאנג ניט? מתניתן דלא כר"א", וועט די משנה ניט קענען אויס־קומען ווי ר' אלעזר? „דתנן, שפופרת שחתכה לחטאת", א רערעל וואָס ער האָט אָבגעשניטען פאר אריינצוטאָן אפר פרה, זאָגט ר' אלעזר, „יטבול מיד", ער זאָל עס באַלד טובל זיין. ר' יהושע זאָגט „יטמא ואחר כך יטבול", צוערשט זאָל ער עס מטמא זיין און נאכהער טובל'ן, „והוינן בה", האָבען מיר דערביי געפרעגט, „דחתכה מאן?" ווער האָט עס אָבגעשניטען? „אילימא", וועסטו זאָגען אַז א חבר האָט עס אָבגעשניטען, „למה לי טבילה?" וואָס דארף עס האָבען טבילה? „ואלא דחתכה עם הארץ", אלא האָט עס אָבגעשניטען אַן עם הארץ? איז דאָך די פראַגע „בהא לימא ר' יהושע יטמא ויטבול?" ביי דעם

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 47**

**ויטבול? הא טמא וקאי? ואמר רבה בר שילא אמר רב מתנה אמר שמואל לעולם דחתכה חבר, ומשום צינורא דעם הארץ דנפל, אימת? אילימא מקמיה דליחתכה הא לאו מנא הוא? ואלא בתר דחתכה מיזהר זהיר בה? לעולם מקמיה דלחתכה, דילמא בעידנא דהתכה עדיין לחה היא, בשלמא לר׳ יהושיע היינו דאיכא היכירא לצדוקין דתנן מטמאין היו את הכהן השורף את הפרה להוציא מלבן של צדוקין שהיו אומרים במעורבי השמש היתה נעשית, אלא לר׳ אלעזר, אי אמרת בשלמא, בעלמא בעינן הערב שמש היינו דאיכא היכירא לצדוקין, אלא אי אמרת בעלמא לא בעינן הערב שמש, מאי היכירא לצדוקין איכא? אמר רב**

---

זאָגט ר׳ יושיע, ער זאָל עס טממא זיין און טובל זיין? „הא טמא וקאי?" עס איז דאָך זאָ ווי זאָ טמא? האָט רבה בר שילא געזאָגט פון שמואל וועגן, „לעולם דחתכה חבר", אָי איז דאָך די פראגע צו וואָס דארף מען טבילה? „ומשום צינורא דעם הארץ דנפל", דאָס איז צוליב דעם חשש פון א צינורא פון אַן עם הארץ וואָס פליסט צומאָל אומבאוואוסט און פאלט ארויף, פרעגט מען, „אימת?" ווען איז עס געפאַלען? „אילימא מקמיה דחתכיה", וועסטו זאָגען אַז פאר דעם אָבשניידען? „הא לאו מנא הוא?" עס איז דאָך דאמאָלסט קיין כלי ניט, ואלא מוז דאָך זיין, „בתר דחתכה", נאָכ׳ן אבשניידען, „מיזהר זהיר?" איז ער דאָך געוואָרענט? ענטפער, לעולם זאָג איך, „מקמיה דחתכה", פאר׳ן אָבשניידען, אָי עס איז דאָך נאָך קיין כלי ניט? „דילמא בעידנא דחתכה עדיין לחה היא", פיליכט אין צייט ווען ער האָט עס אָבגעשניטען איז עס נאָך געוועזן נאַס, איז עס טמא געוואָרען פון זיך אליין. פרעגט די גמרא, בשלמא נאָך ר׳ יושיע נאָך, „היינו דאיכא היכירא לצדוקין", איז רעכט וואָס מען דערקענט א געגנערשאפט צו די צדוקים, „דתנן", דען מיר האָבען געלערנט, „מטמאין היו את הכהן השורף את הפרה להוציא מלבן של צדוקין", מען האָט אייגענס מטמא געוועזן דעם כהן וועלכער האָט פארברענט די פרה, איבערצושטרייטען די צדוקין, „שהיו אומרים במעורבי השמש היתה נעשית", זיי האָבען געזאָגט דאָס די עבודה פון פרה מוז געטאָן ווערען מיט זונענאונטערגאנג, דאָס מיינט אויסער טבילה מוז אויך דער כהן האָבען הערב שמש, און די חכמים לערנען ארויס פון „והזה הטהור על הטמא", אַז דער טהור זאָל שפריצען אויפ׳ן טמא, געווים איז דער וועלכער שפריצט, טהור? נאָר דער פסוק מיינט אַז ער איז נאָר עפּעס ריין, דאָס הייסט אפילו אָהן הערב שמש מיט בלויז טבילה איז ער כשר צו עבודת פרה, דעריבער האָט ר׳ יושיע געזאָגט, ער זאָל טמא מאכען די שפופרת און טובל׳ן, דען אַלע זאכען פאר די פרה ווערען אזוי געטאָן, טבילה אָהן זון־אונטערגאנג, „אלא לר״א", אָבער נאָך ר׳ אלעזר, וועלכער הייסט ניט מטמא זיין, „אי אמרת בשלמא", וועסטו זאָגען, „בעלמא בעינן הערב שמש", אַז ערגעץ וואו ניט ביי פרה דארף מען יאָ הערב שמש ביי כלים, געגען אונזער משנה וועלכע דארף ניט, „היינו דאיכא היכירא לצדוקין", איז רעכט, דען עס איז קענטיג די געגענערשאפט צו די צדוקין, „אלא אי אמרת בעלמא לא בעינן הערב שמש", אָבער אויב דו וועסט זאָגען דאָס

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 48**

(דף כ״ג ע״ב) עשאוה כטמא שרץ. ד) אלא מעתה לא תטמא אדם? אלמה תניא הותכה ומטבילה טעון טבילה? ואלא עשאוה כטמא מת, אי הכי תבעי הזאת שלישי ושביעי? אלמה תניא חותכה ומטבילה, טעון טבילה, טבילה אין, הזאת שלישי ושביעי לא? אלא עשאוה כטמא מת בשביעי שלו והתניא מעולם לא חידשו דבר בפרה? אמר אביי שלא אמרו קורדום מטמא מושב כדתניא (ויקרא ט״ו) והיושב על הכלי

---

אין ערגעץ דארפען ניט קיין כלים הערב שמש, „מאי היכירא לצדוקין איכא?" איז דאך די פראגע מיט וואס וועט זיין קענטיג געגען די צדוקין ביי כלים הנגמרים אויב זיי דארפען אין ערגעץ ניט האבען קיין הערב שמש? האט רב געזאגט, „עשאוה כטמא שרץ", די חכמים האבען געמאכט דעם שפופרת פון אפר פרה, ווי עס וואלט זיין א טמא שרץ, לעולם זאג איך דאס ר״א דארף אין ערגעץ ניט פאר כלים הנגמרים הערב שמש, און פונדעסטוועגען איז דא קענטיג ווייל די שפופרת איז גלייך ווי עס וואלט בארירען א שרץ, געגען צעהלען די ימי הטומאה, און דורך אזא טומאה דארפען אימער די כלים הערב שמש, אבער דא פאר אפר פרה דארף עס ניט קיין הערב שמש, איז גאנץ גוט קענטיג. ד) „אלא מעתה", נאך דער מיינונג נאך אז דער שפופרת איז ווי א טמא שרץ? איז דאך די פראגע „לא תטמא אדם?" זאל עס ניט קענען מטמא זיין א מענש, ווען מיר געפינען דאך ניט אז א מענש אדער כלים זאלען קענען טמא ווערען פון א זאך וועלכע איז טמא געווארען, ניט פון קיין טמא מת? „אלמה תניא", מיר האבען דאך געלערענט „חותכה ומטבילה טעון טבילה", דער וואס האט אבגעשניטען דעם שפופרת און גע׳טובל׳ט דארף אליין טבילה, זעהסטו דאך גוט עס איז יא מטמא א מענש? „ואלא עשאה כטמא מת", נאר מען האט געמאכט דעם שפופרת ווי א טמא מת. פרעגט די גמרא, „אי הכי?" אויב אזוי? „תבעי הזאת שלישי ושביעי"? זאל עס דארפען הזאה דעם דריטען און זיבעטען טאג? „אלמה תניא", מיר האבען דאך געלערענט, „חותכה ומטבילה טעון טבילה", דער וועלכער האט געשניטען און פארפערטיגט די שפופרת און איהר גע׳טובל׳ט דארף אליין טבילה, „טבילה אין", אבער נאר טבילה, „הזאת שלישי ושביעי לא". ניט קיין הזאות, זעהסטו דאך עס דארף ניט קיין הזאה דעם דריטען און זיבעטען טאג? אלא, זאגט די גמרא, „עשאוה כטמא מת בשביעי שלו", מען האט איהר געמאכט ווי א טמא מת אין זיין זיבעטען טאג, וואס האלט שוין נאך די הזאה און עס פעהלט ניט מעהר ווי טבילה. פרעגט די גמרא, „והתניא מעולם לא חידשו דבר בפרה", מיר האבען דאך געלערענט דאס כאטש מען האט געמאכט א סך מעלות ביי עבודת הפרה, האבען אבער די חכמים ניט אויפגעטאן קיין נייע זאך ביי איהר וועלכע עקזיסטירט ניט אין ערגעץ, און אויב דו וועסט זאגען דאס כלים הנגמרים בטהרה זיינען ווי א טמא מת, איז גאר ניט דא קיין נייערעס ווי דאס? „אמר", האט אביי פארענטפערט, „שלא אמרו קורדום מטמא מושב", מען האט טאקע ניט מחדש געווען אזא זאך, דהיינו די חכמים האבען ניט געזאגט ביי פרה אז אזא כלי ווי קורדום וועלכע איז ניט ספעציעל צום זיצען און עס ווערט ניט קיין אב

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 48**

יכול כפה סאה וישב עליה תרקב וישב עליה יהא טמא? תלמוד לומר והיושב על הכלי אשר ישב עליו יטמא, מי שמיוחד לישיבה, יצא זה שאומרים לו עמוד ונעשה מלאכתנו: ה) הכלי מצרף מה שבתוכו לקדש אבל לא לתרומה: מנא הני מילי? אמר רב חנין דאמר קרא (במדבר ז') כף אחת עשרה זהב מלאה קטורת, הכתוב עשאו לכל מה שבכף אחת, מתיב רב כהנא הוסיף ר' עקיבא הסלת והקטורת והלבונה והגחלים

---

הטומאה ווען דער זב זעצט זיך דארויף, דאס די זעלבע זאל יא קריגען די טומאה ביי פרה, אבער א כלי וועלכע איז ראוי מקבל טומאה צו זיין ווי די שפופרת, האבען יא די חכמים מחדש געווען דאס אפילו ניט בארירענדיג אין א מת, זאל זי פונדעסטוועגען זיין ווי א טמא מת, „כדתניא", ווי מיר האבען געלערנט, „והיושב על הכלי", אז איינער זיצט אויף א כלי, „אשר ישכב או אשר ישב עליו", אויף וועלכער דער זב ליגט אדער זיצט, ישכב און ישב מיט א ציר"י אונטער דער יו"ד זיינען צוקונפט ווערטער, ער וועט ליגען, ער וועט זיצען, און דער פסוק נוצט זיי דא אנשטאט פארגאנגענהייט ווערטער, און א כלל איז ביי אזא פאל אז עס מיינט, שטענדיג, ווי דער פסוק, „כל ימי אשר ישכון עליו הענן", אלע טעג וואס דער ענן האט גערוהט אויף איהם, נאך א פסוק, „ככה יעשה איוב כל הימים", אזוי האט געטאן איוב אלע טעג, אנשטאט ככה עשה איוב, דאס מיינט דער זב טהוט שטענדיג זיצען אדער ליגען אויף די כלים, עס מיינט צו זאגען דאס די כלים מוזען דירעקט זיין דערפאר, דאס איז וואס די גמרא זאגט דא, „יכול כפה סאה וישב עליה, תרקב וישב עליה יהא טמא?" איך וואלט מיינען, אז ער האט איבערגעקערט א מעסטעל אדער א האלב מעסטעל, און זיך געזעצט דערויף, זאל ער זיין טמא? „תלמוד לומר והיושב אשר ישב עליו יטמא", ישב מיט א ציר"י אנשטאט א קמ"ץ אונטער די יו"ד מיינט „מי שמיוחד לישיבה", וואס איז געמאכט דירעקט אויף שטענדיג פאר זיצען, „יצא זה", אויסגענומען איז דער וועלכער זעצט זיך אויף א מעסטעל, „שאומרים לו עמוד ונעשה מלאכתנו", וואס די בעלי מלאכות זאגען צו איהם שטעה אויף דען מיר דארפען די כלים צו אונזער ארבייט, דאס איז ניט פאר זיצען, אזא כלי האבען די חכמים קיינמאהל ניט געזאגט דאס זי זאל הייסען א זיץ כלי, עס זאל הייסען א טומאה ביי עבודת הפרה. ה) באציהענדיג צו דער משנה — „הכלי מצרף", פרעגט די גמרא, „מנא הני מילי?" פון וואנען איז דאס גע־דרונגען אז די כלי איז מצרף צו מאכען אלע שטיקער איינס? האט ר' חנין געזאגט דעם פסוק, „כף אחת מלאה קטורת", איין לעפעל פול מיט קטורת, עס איז א כלל דאס אויף איין צאהל זאגט ניט דער פסוק אחת, האט גיכער געזאלט שטעהן „כף עשרה זהב", נאר ער זאגט אחת צו מאכען עס איינס נעגען צירוף, און דאס איז וואס ער זאגט, „הכתוב עשאו לכל מה שבכף אחת", דער פסוק האט געמאכט אלעס וואס איז אין כף, אלס איינס. „מתיב רב כהנא", ער האט א קשיא געפרעגט, ר' שמעון האט עדות געזאגט אויף אפר חטאת אויב א טמא האט אנגערירט אין אביסעל דערפון, האט ער עס אינגאנצען גע'פסל'ט, אויף דעם האט מוסיף געווען ר' עקיבא אז סולת און קטורת און

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 48**

שאם נגע טבול יום במקצתו פסול את כולו, והא דרבנן היא, ממאי? מדקתני רישא העיד רבי שמעון בן בתירה על אפר חטאת שנגע הטמא במקצתו שטימא את כולו וקתני הוסיף ר' עקיבא אמר ריש לקיש משום בר קפרא (דף כ"ד ע"א) לא נצרכה אלא לשירי מנחה, דאורייתא צריך לכלי הכלי מצרפו, שאין צריך לכלי אין כלי מצרפו ואתו רבנן וגזרו דאף על גב דאינו צריך לכלי כלי מצרפו, תינח סלת קטורת ולבונה מאי איכא למימר? אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה כגון שצברן על גבי קרטבלא, דאורייתא יש לו תוך מצרף אין לו תוך אינו מצרף ואתו רבנן ותיקנו דאף על גב דאין לו תוך מצרף, ופליגא דרב חנין אדר' חייא בר אבא דאמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן מעדותו של ר' עקיבא נשנית משנה זו:

---

לבונה און נחלים, „שאם נגע טבול יום במקצתו פסל את כולו". אז אויב א מענש וועלכער דארף טבילה דעם טאָג האָט אָנגערירט אין א טייל פון די זאכען האָט ער אַלעס גע'פסל'ט, כאָטש עס קיין אוכל איז, „והאי", און דאָס איז דאָך זיכער נאָר מדרבנן, „ממאי?" פון וואנען ווייס איך דאָס? „מדקתני רישא", ווען איך זעה אז ער לערענט אין דער רישא פון ר' שמעון וועגען אפר חטאת, דען פון ר' חנין קען מען ניט ארויסלערנען נאָר קדשי מזבח, אָבער ניט אפר פרה, איז דאָך די קשיא, צו וואָס דארף איך האָבען דאָס עדות פון ר' עקיבא, עס איז דאָך דאורייתא פון ר' חנין? האָט ריש לקיש געזאָגט פון בר קפרא וועגען „לא נצרכה אלא לשירי מנחה", ר' עקיבא האָט דאָס ניט געדארפט לאָזען הערען נאָר צוליב דעם סולת פון שירי מנחה, די איבערבלייבעכץ פון מנחה וועלכע ווערען נעגעסען פון די כהנים דארף ניט קיין כלי, און, „דאורייתא צריך לכלי הכלי מצרפו", מן התורה איז, די זאך וועלכע דארף האָבען א כלי, איז די כלי מצרף אָבער וואָס דארף ניט קיין כלי איז די כלי ניט מצרף, „ואתו רבנן וגזרו דאף על גב", זיינען געקומען די רבנן און גוזר געווען דאָס אפילו אזא זאך וועלכע דארף ניט קיין כלי, זאָל אויך די כלי מצרף זיין, ווי שירי מנחה, און דאָס לאָזט הערען ר' עקיבא, „תינח סולת, קטורת ולבונה מאי איכא למימר?" די גמרא פרעגט עס איז רעכט וועגען סולת אָבער קטורת און לבונה וואָס קענסטו זאָגען? האָט רב נחמן געזאָגט פון רבה בר אבוה וועגען, „כגון שצברן על גבי קרטבלא", אז ער האָט זיי צוזאמענגעלייגט אין א שטיק פעל, „דאורייתא יש לו תוך מצרף אין לו תוך אינו מצרף", מן התורה אויב די כלי האָט א תוך דאָס מיינט אָן איניווייניג ארייןצונעמען, איז זי מצרף און אויב ניט איז זי ניט מצרף, „ואתו רבנן ותיקנו דאף על גב דאין לו מצרף", זיינען געקומען די רבנן און האָבען מתקן געווען, דאָס אפילו אָהן א תוך זאָל אויך מצרף זיין און מאכען פון אלע גלייך ווי איין שטיק, „ופליגא דרב חנין אדרי חייא בר אבא דאמר רי'חייא אמר רי יוחנן מעידותו של רי עקיבא נישנית משנה זו", און דאָס וואָס ר' חנין זאָגט אז צירוף איז דאורייתא קריגט אויף ר' חייא וועלכער זאָגט אז די היגע משנה איז באזירט אויף דאָס עדות פון ר' עקיבא.

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 49**

א) **הרביעי** בקודש פסול: תניא אמר ר׳ יוסי מנין לרביעי בקדש שהוא פסול? ודין הוא, ומה מחוסר כפורים שמותר בתרומה פסול בקדש, שלישי שפסול בתרומה אינו דין שיעשה רביעי לקדש, ולמדנו שלישי לקדש מן התורה ורביעי בקל וחומר, שלישי לקדש מן התורה מנין דכתיב (ויקרא ז׳) והבשר אשר יגע בכל טמא לא יאכל מי לא עסקינן דנגע בשני וקאמר רחמנא לא יאכל רביעי מקל וחומר הא דאמרן: ב) ובתרומה אם נטמאת וכו׳: אמר רב שיזבי בחיבורין שנו אבל שלא בחיבורין לא, איתיביה אביי יד נגובה מטמא חברתה לטמא לקדש, אבל לא לתרומה דברי רבי, ר׳ יוסי ברבי יהודה אומר לפסול אבל לא לטמא, אי אמרת בשלמא שלא בחיבורין היינו רבותיה דנגובה אלא

---

א) **פון** דער משנה, „רביעי בקדש פסול: תניא", מיר האָבען געלערענט ר׳ יוסי זאָגט „מנין לקדש?" פון וואנען וויים איך אז די פיערטע מדרגה טומאה איז ביי קדש פסול, דאָס הייסט אַז עס איז איבערהויפּט דאָ א רביעי ביי קדש? „ודין הוא", עס איז א קל וחומר, „ומה מחוסר כפורים", מה דאָך א מחוסר כפורים, (דער וואָס דאַרף נאָך ברייגגען די קרבנות צו זיין טומאה) וועלכער איז מותר צו עסען תרומה, פונדעסטוועגען איז ער פסול צו קדש, א שלישי איז דאָך פסול צו תרומה, „אינו דין", איז עס דען ניט א געוויס אַז דער שלישי פסול׳ט קודש, דאָס הייסט אַז ער ווערט א רביעי, „ולמדנו שלישי לקדש מן התורה ורביעי בק״ו", מען לערענט אונז דאָס שלישי ביי קדש איז מן התורה און אַז עס ווערט אויך אַ רביעי איז פון א קל וחומר, „שלישי מנין", פון וואנען וויים איך א שלישי „דכתיב", דער פסוק זאָגט דאָס הייליג פלייש וועלכעס וועט אָנרירען אין אירגענד וועלכע טומאה טאָר עס ניט ווערען געגעסען, „מי לא עסקינן?" שמועסט דען ניט אויך, „דנגע בשני", אַז דאָס קדש האָט אָנגערירט אין שני לטומאה, „וקאמר רחמנא לא יאכל", און די תורה האָט געזאָגט אַז עס טאָר ניט ווערען געגעסען, איז גערדונגען אַז עס ווערט א שלישי, און א רביעי פון א קל וחומר, „הא דאמרן", איז דאָס וואָס ערשט געזאָגט. ב) פון דער משנה, „ובתרומה אם נטמאת וכו׳", ר׳ שיזבי האָט געזאָגט, „בחיבורין שנו", אין דער משנה וואָס איז געלערענט אַז איין האנד איז מטמא די אַנדערע ביי קדש, מיינט מען ווען ביידע הענד זיינען צוזאמענגענומען, דאָס הייסט דאָס ווערענד די טמא האנד באַרירט די צווייטע איז זי אין באַרירונג מיט קדש, דאָס איז צוליב א גזרה פון די רבנן, טאָמער וועט שוין אויך אָנרירען די טמא האנד אין קדש, אָבער ניט בחבורין ווערט די אנדערע האנד ניט טמא, „איתיביה", האָט אביי א קשיא געפרעגט, מיר האָבען געלערענט, „יד נגובה מטמא חברתה לטמא לקדש", א טרוקענע האנד איז מטמא די צווייטע האנד געגען מטמא צו זיין קדש אָבער ניט צו תרומה, „דברי רבי", אַזוי האלט רבי, ר׳ יוסי זאָגט „לפסול אבל לא לטמא", נאָר פסול צו מאַכען דאָס קדש אָבער ניט מטמא צו זיין, (טמא מיינט עס זאָל נאָך קענען מטמא זיין אנדערע), „אי אמרת בשלמא", אויב דו ווערסט זאָגען ניט בחיבורין איז די אַנדערע האנד מטמא קדש איז א רבותא וואָס ער זאָגט נגובה, דאָס

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 50**

**אי אמרת בחיבורין אין שלא בחיבורין לא מאי רבותא דנגובה. איתמר נמי אמר ריש לקיש לא שנו אל ידו (דף כ"ד ע"ב) אבל יד חברו לא ור' יוחנן אמר אחד ידו ואחד יד חברו באותה היד לפסול אבל לא לטמא ממאי? מדקתני סיפא שהיד מטמאה חבירתה לקדש אבל לא לתרומה, הא תו למה לי הא תנא ליה רישא? אלא לאו שמע מינה לאתויי יד חבירו. ג) ואף ריש לקיש הדר ביה, דאמר ר' יונה אמר ר' אמי אמר ריש לקיש אחד ידו ואחד יד חברו באותה היד לפסול אבל לא לטמא, ולפסול אבל לא לטמא תנאי הוא דתנן כל הפוסל בתרומה מטמא ידים**

---

כאטש די טמא האנד איז ניט מיט קיין משקה וועהרענד איהר בארירונג מיט דער צווייטער, האב איך דאך ניט וואס צו באזארגען, דאס טאמער האט די ריינע האנד באירט די משקה, וועלכע וואלט ווערען אן ערשטע טומאה, דען משקה ווערט אן ערשטע, און די ריינע האנד וואלט אויך ווערען א צווייטע טומאה פונקט ווי איהר חבירתה, פונדעסטוועגען אפילו אלס טרוקען איז זי מטמא, ווייל די רבנן האבען געמאכט א מעלה ביי קדש, דאס איין האנד זאל מטמא זיין די צווייטע צו ווערען ווי זי אליין א צווייטע טומאה, „אלא אי אמרת בחיבורין אין", אויב אבער דו וועסט זאגען אז בחיבורין יא, „שלא בחיבורין לא", און ניט בחיבורין איז ניט, און דער טעם איז טאמער וועט אנרירען די טמא האנד אין קדש, איז דאך די פראגע, וואס כאפט ער אן, נגובה? אז די האנד איז טרוקען? איז דען די ערשטע האנד ניט מטמא קיין קדש אהן משקה? זי איז דאך א שני לטומאה? „איתמר נמי", מיר האבען אויך גע־לערענט, ריש לקיש האט געזאגט, „לא שנו אלא ידו אבל יד חבירו לא", די הכמים האבען דאס ניט געלערענט נאר ביי זיין אייגענע האנד אז איינע איז מטמא די צווייטע, אבער זאל די טמא האנד בארירען זיין חבר'ס האנד איז גארניט, און ר' יוחנן זאגט, „אחד ידו ואחד יד חברו באותה היד לפסול", סאי זיין האנד סאי דעם חבר'ס האנד ווערט טמא פון דער טמא האנד, „אבל לא לטמא", נאר פסול'ן, דאס הייסט די צווייטע האנד קען נאר פסול'ן קדש אבער ניט מטמא זיין. „ממאי?" פון וואנען ווייסטו דאס? „מדקתני סיפא", ווען איך זעה די משנה לערענט אין די סיפא, „שהיד מטמא חבירתה לקדש אבל לא לתרומה", ווי איבערגעזאגט דאס זעלבע פון די רישא, איז דאך די פראגע „הא תו למה לי?" צו וואס נאך אמאהל? „הא תנא ליה רישא?" ער לערענט דאס דאך אין די רישא? „אלא לאו שמע מינה", איז דען ניט געדרונגען? „לאתויי יד חבירו", אז עס קומט אריינגעמען אויך זיין חבר'ס האנד, מיינענדיג צו זאגען „שהיד מטמא חבירתה", אז א יד איז מטמא א צווייטע יד מעג זיין אפילו זיין חבר'ס. ג) „ואף", ריש לקיש האט אויך צוריקגעצויגען פון דעם וואס ער האט געזאגט „אבל לא יד חבירו", דען ר' יונה האט געזאגט פון ריש לקיש ווענען, „אחד ידו ואחד יד חבירו באותה היד לפסול אבל לא ליטמא", (דער טייטש איז אויבען), „ולפסול אבל לא לטמא תנאי היא", אין דעם קריגען תנאים, „דתנן", דען מיר האבען געלערענט אין א משנה „כל הפוסל בתרומה מטמא ידים להיות שניות", יעדע זאך וועלכע פסול'ט תרומה איז מטמא די

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 50**

להיות שניות, ויד מטמא הבירתה דברי ר׳ יושיע וחכמים אומרים ידים שניות הן ואין שני עושה שני (בחולין) מאי לאו שני הוא דלא עביד הא שלישי עביד? דלמא לא שני עביד ולא שלישי, אלא כי הני תנאי דתניא יד נגובה מטמא את חבירתה לטמא בקדש אבל לא לתרומה דברי רבי, ר׳ יוסי בר׳ יהודה אומר אותה יד לפסול אבל לא לטמא: ד) אוכלין אוכלים נגובין בידים מסואבות: תניא, אמר ר׳ חנינא בן אנטוגנוס, וכי יש נגובה לקודש, והלא חבת הקדש מכשרתן? לא צריכה כגון שתהב לו חבירו לתוך פיו או שתחב הוא לעצמו בכוש ובכרכר, וביקש לאכול צנון ובצל של חולין עמהן, לקדש גזרו בהו רבנן, לתרומה לא גזרו

---

ידים צו ווערען א שני לטומאה, „ויד מטמא חבירתה״, און איין האנד איז מטמא די צווייטע, אזוי האלט ר׳ יושיע, און די חכמים זאָגען, ידים זיינען א שני לטומאה, „ואין שני עושה שני״, און א שני קען ניט מאכען די זעלבע טומאה, מוז זיין אז ר׳ יושיע װעלכער קריגט אויף די חכמים האלט אז איין האנד איז יאָ מטמא די צווייטע צו ווערען ווי זי אליין, „מאי לאו״, מיינסטו דען ניט, אז, „שני הוא דלא עביד הא שלישי עביד? ״ קיין צווייטע טומאה קען זי ניט מאכען אָבער א דריטע יאָ? דאָס הייסט איין האנד קען נאָר פסול׳ן די צווייטע האנד, זעהסטו דאָך גוט אז זיי קריגען װעגען פסול׳ן צו מטמא זיין? ענטפערט די גמרא לעולם זאָג איך אז די חכמים קריגען ניט װעגען פסול׳ן, אי װארום זאָגען זיי אז א שני קען ניט מאכען א שני װעלכעם דרינגט אז א שלישי יאָ? „דלמא״, נאָר פיליכט „לא שני עביד ולא שלישי״, עס מאכט ניט אפילו קיין שלישי ווייל די חכמים האלטען ניט די מעלה פון דער משנה, אָבער דער װעלכער האלט יאָ פון דער מעלה אין אונזער משנה, האלט ער אפילו לטמא, דאריבער זאָגען זיי אז ידים זיינען שניות, אלא זאָגט די גמרא, „כי הני תנאי״, ווי די תנאים, דתניא״, ווי מיר האָבען געלערענט, יד נגובה מטמא את חברתה לטמא לקודש אבל לא לתרומה״, אזוי האלט רבי, ר׳ יוסי זאָגט נאָר זי פסול׳ט אָבער ניט מטמא קיין קדש ווייל זי אליין איז נאָר א שלישי װעלכע איז גע׳פסול׳ט פון דער ערשטער האנד װעלכע איז א שני. ד) פון דער משנה, „אוכלין אוכלים נגובין בידים מסואבות״, א ריינער מענש מעג עסען טרוקען עסען, אויב זיי זיינען תרומה, מיט אומריינע הענד, אָבער ניט קיין קודש, דאָס איז די נײַנטע מעלה אין אונזער משנה, „תניא״, מיר האָבען גע־לערענט ר׳ חנינא האָט געפרעגט „וכי יש נגובה לקודש והלא חבת הקודש מכשרתן? ״ איז דען פאראן או אונטערשיעד פון נגובה ביי קדש, עס זאָל דארפען מכשיר זיין, די ליבשאפט אליין פון קדש איז דאָך מכשיר, װאָס כאפּט ער עפּעס אָן נגובין? ענטפערט די גמרא, „לא צריכה״, ער דאַרף ניט לאָזען הערען נאָר אויף דער ארט, „כגון שתחב לו לתוך פיו״, אז עס שמועסט, דער חבר האָט איהם אריינגעשטופּט אין מויל אָדער ער אליין האָט זיך אריינגע־געשטופּט מיט א כוש און א כרכר װעלכע זיינען איינפאכע שטיקלעך האָלץ װאָס זיינען ניט מקבל טומאה, „וביקש לאכול צנון ובצל של חולין עמהן״, און דאן האָט ער געוואָלט מיטעסען רעטאך און ציבעלעס פון חולין, איז דער דין

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 50**

בהו רבנן: האונן ומחוסר כפורים וכו': מאי טעמא? כיון דעד האידנא הוו אסירי אצרכינהו רבנן טבילה: ה) **מתני'**. חומר בתרומה שביהודה נאמנין על טהרת יין ושמן כל ימות השנה, ובשעת הגתות והבדים אף על התרומה, עברו הגיתות והבדים והביאו לו הבית של יין של תרומה לא יקבלנה ממנו אבל מניחה לגת הבאה, ואם אמר לו הפרשתי לתוכה רביעית קדש נאמן, כדי יין וכדי שמן **(דף כ"ה ע"א)** המדומעות נאמנין עליהן בשעת הגיתות והבדים וקודם לגיתות שבעים יום:

א) **גמרא**. ביהודה אין, ובגליל לא, מאי טעמא? אמר ריש לקיש מפני שרצועה של כותים מפסקת ביניהן, וניתיב בשידה תיבה

---

ביי דער מעלה, „לקדש גזרו", ביי קדש האָבען די רבנן גוזר געווען טאָמער וועט ער אריינטאָן זיין פינגער אין מויל און אַנרירען, ביי תרומה האָבען זיי ניט גוזר געווען: פרעגט די גמרא אויף אונן און מחוסר כפורים „מאי טעמא?" ווארום זאָלען זיי אסור זיין ביי קדש אָהן טבילה? ענטפערט די גמרא „כיון דעד האידנא הוו אסירי", ווייל ביז יעצט זיינען זיי דאָך אסור געווען, „אצרכינהו", האָבען די רבנן געמאכט צו בעדארפען טבילה. **משנה**. „חומר בתרומה", אין דער זאַך איז ביי תרומה הארבער ווי ביי קדש, „שביהודה", אין פּראָווינץ יהודה זיינען די עמי הארץ באגלויבט אויף די ריינקייט פון יין און שמן פון קדש א גאַנץ יאָהר, „ובשעת הגיתות והבדים", און אין צייט ווען מען טרעט און מען מאכט די וויינען און אוילען זיינען זיי באגלויבט אויך ביי תרומה, „עברו", זיינען פאַרביי די צייטען פון גיתות און בדים, „והביאו לו חבית של יין של תרומה", און די עמי הארץ האָבען געבראכט צו א כהן חבר, א פאַס תרומה וויין, „לא יקבלנה", זאָל דער כהן עס ניט צונעמען פון איהם, „אבל מניחה לגת הבאה", אָבער דער עם הארץ מעג עס איבערלאָזען ביי זיך צום נעקסטען גת ווען מען טרעט דעם וויין, דאמאָלסט איז ער באגלויבט ווייל די רבנן פאַסען אויף אויף זייער ריינקייט, „ואם אמר לו הפרשתי לתוכה רביעית קדש נאמן", און אויב ער זאָגט איך האָב אָבגעשיידט א פיערטעל לוג דעריין פאר קדש, איז ער באגלויבט, ווייל ער איז שוין באגלויבט אויפ'ן קדש איז ער שוין אויך באגלויבט אויף די תרומה, דען פאר קדש האָט ער מעהר מורא, היט ער עס אָב, „כדי יין ושמן המדומעות", יין און שמן וועלכע זיינען אויסגעמישט חולין און תרומה צוזאמען, זיינען זיי באגלויבט אויף זיי אין צייט פון גיתות און בדים, „וקודם", און פאר די גיתות זיבציג טעג.

א) **גמרא**. פרעגט די גמרא, ביהודה אין", אין יהודה זיינען זיי יאָ באגלויבט „ובגליל לא?" אין גליל ניט, „מאי טעמא?" וואס איז די אורזאך? האָט ריש לקיש געזאגט, „מפני שרצועה של כותים מפסקת ביניהן", ווייל א סטעשקע פון כותים האקט איבער צווישען גליל און יהודה, און ירושלים איז דאָך אין יהודה, מוז מען פון גליל ברענגענדיג קיין ירושלים דורכגעהן די סטעשקע, און די חכמים האָבען גוזר געווען א טומאה אויף גוי'אישע לאַנד. פרעגט די גמרא, „וניתיב בשידה תיבה ומגדל?" זאָל מען עס ברייננגען דורך

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 51**

ומגדל? הא מני? רבי הוא דאמר אהל זרוק לאו שמיה אהל, דתניא הנכנס לארץ העמים בשידה תיבה ומגדל רבי מטמא ור׳ יוסי ברבי יהודה מטהר, ולייתוה בכלי חרס המוקף צמיד פתיל? אמר רבי אליעזר שונין אין הקדש ניצול בצמיד פתיל, והתניא אין חטאת ניצלת בצמיד פתיל מאי לאו הא קדש ניצול? לא, הא מים שאינן מקודשין ניצולין בצמיד פתיל, והאמר עולא חברייא מדכן בגלילא? מניחין ולכשיבא אליהו ויטהרנה: ב) ובשעת הגיתות נאמנין אף על התרומה: ורמינהו הגומר זיתיו ישייר קופה אחת ויתננה לעני כהן? אמר רב נחמן לא

---

די לופט אין שידה תיבה און מגדל (אזעלכע קאסטענס) ניט בארירענדיג די ערד? ענטפערט די גמרא, „הא מני? ״ ווייסטו ווי ווער די משנה וועט אויס־קומען? ווי רבי, „דאמר אהל זרוק לאו שמיה אהל״, דען רבי זאגט אז אן אהל געווארפען אין דער לופט הייסט ניט קיין אהל, עס קען ניט איבערהאקען פון דער ערד אלס אן אנדער רשות, „דתניא הנכנס לארץ העמים בשידה תיבה ומגדל״, אז איינער געהט אויף אזא ארט אריין אין גוי׳אישע לאנד, רבי איז מטמא ווייל דער אהל אין דער לופט קען ניט איבערהאקען פון דער דער ערד, און ר׳ יוסי איז מטהר, פרעגט די גמרא ווידער „וליתוה בכלי חרס המוקף צמיד פתיל? ״ זאל ער עס אריבערנעמען אין א כלי חרס וועלכע איז ארום מיט א צודעק, וואס איז מציל אלעם אינווייניג? האט ר׳ אליעזר געזאגט, „שונין אין הקדש ניצול בצמיד פתיל״, די חכמים האבען געלערענט אז הקדש ווערט ניט גערעטעט דורך ערדענע כלים מיט א צודעק, „והתניא אין חטאת ניצלת״, מיר האבען דאך געלערענט אז מי חטאת ווערט ניט גערעטעט דורך א צמיד פתיל, „מאי לאו״, מיינסטו דען ניט אז מען דרינגט, „הא קדש ניצול״, אז קדש ווערט יא ניצול? ענטפערט די גמרא, „לא״, ניין, „הא מים שאינן מקודשים ניצולין״, מען דרינגט גיכער, אבער מים וועלכע זיינען נאך ניט געהייליגט מיט׳ן אפר פרה ווערען יא גערעטעט דורך א צמיד פתיל, פרעגט די גמרא עולא האט דאך געזאגט „חברייא מדכן בגלילא״, אז די חכמים האבען גערייניגט אין גלילא און אויב אזא רצועה האקט איבער ווארום האבען זיי מטהר געווען? ענטפערט די גמרא, „מניחין ולכשיבא אליהו ויטהרנה״, מען לאזט עס איבער ביז אליהו וועט קומען און ציינען א וועג וואו עס איז ניט ארץ העמים. ב) אין באצוג צו דער משנה — „ובשעת הגיתות וכו׳: ורמינהו״, איך וועל פאר איינאנדער פרעגען, מיר האבען געלערענט, „הגומר זיתיו״, ווען דער עם הארץ האלט שוין אין אויספערטיגען די זיתים פאר שמן, „ישייר קופה אחת ויתננה לעני כהן״, זאל ער איבערלאזען איין קופה שמן פאר תרומה און עס אוועקגעבען צו אן ארימען כהן, עס דארף שטעהן אין טעקסט, „לעיני כהן״, פאר די אויגען פון כהן ער זאל זעהן עס זאל זיין בטהרה, זעהסטו דאך, אז אפילו בשעת הגיתות זיינען זיי ניט באגלויבט? „אמר רב נחמן לא קשיא הא בחרפי הא באפלי״, עס איז ניט שווער, אין דער משנה וואס זאגט זיך אויף יא באגלויבט שמועסט אין א פריהער צייט דאס הייסט רעגעלער שעת הגיתות, און אין דער ברייתא שמועסט אין פארשפעטיגטער צייט ווען אלע האבען שוין געענדיגט דאמאלסט

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 51**

קשיא הא בחרפי הא באפלי, אמר ליה רב אדא בר אהבה כגון מאי כאותן של בית אביך, רב יוסף אמר בגלילא שנו, איתיביה אביי עבר הירדן וגליל הרי הן כיהודה נאמנין על היין בשעת היין ועל השמן בשעת השמן, אבל לא על היין בשעת השמן ולא על השמן בשעת היין? אלא מחוורתא כדשנין מעיקרא: ג) עברו הגיתות והבדים והביאו לו חבית של יין לא יקבלנה הימנו אבל מניחה לגת הבאה: בעו מיניה מרב ששת עבר וקיבלה מהו שיניחנה לגת הבאה אמר להו תניתוה. (דף כ״ה ע״ב) חבר ועם הארץ שירשו את אביהם עם הארץ, יכול לומר טול אתה חטין שבמקום פלוני, ואני חטין שבמקום פלוני, טול אתה יין שבמקום פלוני ואני יין שבמקום פלוני, אבל לא יאמר לו, טול אתה לח ואני יבש, טול אתה חטין ואני שעורים, ותני עלה אותו חבר שורף הלח ומניח את היבש, אמאי? ויניחנה לגת הבאה? בדבר שאין לו גת, ויניחנו לרגל? בדבר

---

איז ער שוין ניט באגלויבט. „אמר ליה״, האָט רב אדא געזאָגט צו איהם, „כגון מאי?״ ווי אָרט שפּעט מיינסטו? „כאותן של בית אביך״, אזוי ווי אין דיין פאָטער׳ס הויז. רב יוסף זאָגט, „בגלילא שנו״, אין דער ברייתא וואָס זאָגט זיך אויף ניט באגלויבט, האָבען זיי געלערענט אז עס געהט אויף גלילא, און אונזער משנה שמועסט פון יהודה. „איתיביה אביי״, האָט איהם אביי א קשיא געפרעגט, „עבר הירדן וגליל הרי הן כיהודה״, זיינען אזוי ווי יהודה, „נאמנין על היין בשעת היין״, זיי זיינען באגלויבט אויף וויין אין צייט פון וויין און אויף שמן אין צייט פון שמן, אָבער ניט אויף וויין אין צייט ווען מען מאכט שמן אָדער פארקערט, זעהסטו דאָך אז אין צייט פון גיתות איז קיין אונטערשיעד פון יהודה און גליל? אלא זאָגט די גמרא „מחוורתא כדשנין מעיקרא״, דער פאַל דאָ איז פאַרענטפערט ווי פריהער צווישען חרפי און אפלי, פריהצייט און פארשפּעטיגטע צייט. ג) באציהענדיג צו דער משנה — „עברו הגיתות וכו׳, בעו מינה מרב ששת, עבר וקבלה מהו שיניחנה לגת הבאה?״ זיי האָבען געפרעגט פון רב ששת אויב ער האָט עובר געווען און צוגענומען, ווי איז דער דין, צו מעג ער עס איבערלאָזען צום קומענדיגען גת? „אמר להו תניתוה״, האָט ער זיי געזאָגט מיר האָבען שוין דאָס געלערענט, „חבר ועם הארץ שירשו את אביהם״, ביידע האָבען גע׳ירש׳ענט זייער פאָטער, „יכול לומר לו״, דער חבר קען זאָגען צום עם הארץ, „טול אתה חטין שבמקום פלוני״, נעם דו די ווייצען פון דעם פּלאַץ און איך פון דעם פּלאַץ, נעם דו די וויינען פון דעם פּלאַץ און איך פון דעם פּלאַץ, „אבל לא יאמר לו״, אָבער ער קען צו איהם ניט זאָגען, „טול אתה לח ואני יבש״, נעם דו די גיסיגע זאכען און איך די טרוקענע זאכען, אָדער נעם דו די ווייצען און איך די גערשטען, נאָר ביים זעלבען מין, זאָג איך ברירה אָבער ביי צוויי מינים, האָט יעדער א חלק אין יעדען מין, זאָג איך ניט ברירה, אז די ירושה איז נאָך פריהער אזוי איינגעטיילט, „ותני עלה״, און מיר האָבען געלערענט דארויף, „אותו חבר שורף הלח ומניח את היבש״, דער יעניגער חבר האָט פארברענט די נאסע זאכען ווי אויל אלס ליכט און זיך איבערגעלאָזט די טרוקענע זאכען, איז דאָך די פראַגע, „אמאי?״

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 52**

שאינו משתמר לרגל: ד) ואם אמר הפרשתי לתוכה רביעית קדש נאמן: תנן התם מודין בית שמאי ובית הלל שבודקין לעושי פסח, ואין בודקין לאוכלי תרומה, מאי בודקין אמר רב יהודה אמר שמואל מנפח אדם בית הפרס והולך, ור׳ חייא בר אבא משמיה דעולא אמר בית הפרס שנדש טהור לעושי פסח, לא העמידו דבריהן במקום כרת, לאוכלי תרומה העמידו דבריהן במקום מיתה, איבעיא להו בדק לפסחו מהו שיאכל בתרומתו? עולא אמר בדק לפסחו מותר לאכול בתרומתו, רבה בר עולא אמר בדק

---

ווארום? „יניחנה לגת הבאה?" זאל ער עס איבערלאזען צום נעקסטען גת? ענטפערט די גמרא לעולם זאג איך אז ער קאן יא איבערלאזען צום קומענדינגען גת, נאר דא שמועסט, „בדבר שאין לו גת", אזא זאך וועלכע דארף ניט קיין גת. פרעגט די גמרא, „ויניחנו לרגל?" זאל ער עס איבערלאזען פאר נעקסטען רגל, דאמאלסט איז דאך אויך ניט דא קיין טומאת עם הארץ? ענטפערט די גמרא, „בדבר שאינו משתמר לרגל", עס שמועסט ביי די זאכען וועלכע האלטען ניט אוים ביז רגל. ד) אין באצוג צו דער משנה — „אם אמר הפרשתי: תנן התם", מיר האבען דארט געלערענט אין א משנה, „מודין בית שמאי ובית הלל שבודקין לעושי פסח", בית שמאי און בית הילל זיינען מודה אז מען איז בודק פאר די וועלכע מאכען קרבן פסח, „ואין בודקין", און מען איז ניט בודק פאר די וועלכע ווילען עסען תרומה, „מאי בודקין?" וואס מיינט מען דא מיט'ן ווארט בודקין? האט רב יודא געזאגט פון שמואל וועגען „מנפח אדם בית הפרס והולך", אז איינער געהט מאכען זיין פסח, און א שטיק לאנד אין וועלכער עס איז פעראקערט געווארען א קבר (דאס הייסט בית הפרס) האקט איבער זיין וועג, איז דער דין, ער איז בודק דאס לאנד, און אויב עס געפינט זיך א ביינדעל די גרוים ווי א גערשטען זעהט ער עס און ער בלאזט עס אוועק, און ווייל אן עצם כשעורה איז ניט מטמא אין א געצעלט נאר דורך בארירונג אדער באוועגונג, דאריבער איז ער בודק מיט א אפבלאזען אום ניט צו באוועגען עס מיט'ן פוס, אבער פאר תרומה עסען איז מען ניט בודק קיין בית הפרס, ווייל ער האט צייט זיך צו רייניגען דורך שפריצען אין דריטען און אין זיבעטען טאג און זיך טובל'ן, אבער ביי פסח, ווייל א בית הפרס איז נאר דרבנן, האבען זיי ניט געשטעלט זייערע רייד, דען פסח איז כרת אויב מען פארפעהלט. ור׳ חייא בר אבא זאגט פון עולא וועגען, „בית הפרס שנדש טהור לעושי פסח", א בית הפרס וועלכע איז צוטראטען איז ריין פאר די וועלכע מאכען דעם פסח, און דאס דארף מען בודק זיין צו דער בית הפרס איז צוטראטען, „לא העמידו דבריהן במקום כרת", ווייל פסח איז כרת, האבען די חכמים ניט געשטעלט זייערע רייד, צו זאגען ער איז טמא, אבער לאוכלי תרומה, אויב עס איז מיט טומאה איז מיתה, זאג איך „העמידו דבריהן", די חכמים האבען יא געשטעלט זייערע רייד דא וואו עס איז חיוב מיתה. „איבעיא להו בדק לפסחו מהו שיאכל בתרומתו?" די בני הישיבה האבען געפרעגט, אויב איינער האט בודק געווען צוליב זיין פסח, צו מעג ער אויך שוין עסען זיין תרומה? עולא זאגט, „בדק לפסחו", אויב ער האט בודק געווען פאר זיין פסח מעג ער שוין אויך עסען זיין

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 52**

לפסחו אסור לאכול בתרומתו, אמר ליה ההוא סבא לא תפלוג עליה דעולא דתנן כוותיה ואם אמר הפרשתי לתוכה רביעית קדש נאמן אלמא מדמהימן אקדש **מהימן נמי אתרומה,** הכא נמי מדהימן **אפסח מהימן נמי** אתרומה: ה) כדי יין וכדי שמן וכו' **תנא אין נאמנין לא על הקנקנים** ולא על התרומה, קנקנים דמאי? **אי קנקנים דקדש מגו דמהימן אקודש** מהימן נמי אקנקנים? **אלא קנקנים דתרומה פשיטא? השתא אתרומה** לא מהימן אקנקנים מהימן? **אלא בריקנים דקודש ובשאר ימות השנה** ובמלאים דתרומה ובשעת הגיתות, תנן כדי יין וכדי שמן המדומעות, מאי לאו מדומעות דתרומה? אמרי דבי ר' חייא מדומעות דקודש ומי איכא דמוע לקדש? אמר דבי ר' עילאי במטהר את טבלו ליטול ממנו

---

תרומה, רבה בר עולא זאָגט אז ער טאָר ניט עסען זיין תרומה, „אמר ליה ההוא סבא לא תפלוג עליה דעולא דתנן כוותיה", האָט צו איהם געזאָגט דער זקן, זאָלסט ניט קריגען אויף עולא, דען מיר האָבען געלערענט אין דער משנה ווי ער, דען ער זאָגט אין דער משנה, „ואם אמר הפרשתי רביעית קדש", אויב ער זאָגט איך האָב אָבגעשיידט דערין א פיערטעל לוג פאַר קדש איז ער באַגלויבט, „אלמא", זעהסטו דאָך, „מדמהימן אקדש מהימן נמי אתרומה", ווייל ער איז שוין באַגלויבט אויפ'ן קדש איז ער אויך שוין באַגלויבט אויף די תרומה, ווייל עס וואָלט געווען ניט קיין כבוד פאַר דעם מזבח, „הכא נמי מדהימן אפסח מהימן נמי אתרומה", אזוי אויך דאָ, איז ער באַגלויבט פאַר פסח, איז ער אויך שוין באַגלויבט פאַר תרומה. ה) פון דער משנה — „כדי יין ושמן: תנא", מיר האָבען געלערענט, „אין נאמנין לא על הקנקנים ולא על התרומה", זיי זיינען ניט באַגלויבט ניט אויף די קרוגען און ניט אויף די תרומה. פרעגט די גמרא „קנקנים דמאי?" פון וואָס זיינען די קרוגען? „אי קנקנים דקדש", זיינען זיי פון קדש, איז דאָך די פראַגע, „מגו דמהימן אקדש מהימן נמי אקנקנים", אז ער איז שוין באַגלויבט אויף דעם קדש דארינען איז ער דאָך שוין אויך באַגלויבט אויף די קרוגען? „אלא קנקנים דתרומה", נאָר אפשר מיינסטו קרוגען פון תרומה? „פשיטא", איז דאָך א געווים? „השתא אתרומה לא מהימן אקנקנים מהימן?" אז ער איז יעצט ניט באַגלויבט אויף די תרומה, זאָל ער באַגלויבט זיין אויף די כלים? אלא זאָגט די גמרא „בריקנים דקודש ובשאר ימות השנה", עס שמועסט ביי קרוגען פון קדש א גאַנץ יאָהר, „ובמלאים דתרומה ובשעת הגיתות", און אָנגעפילטע מיט תרומה און אין צייט פון גת, דאריבער זיינען זיי ניט באַגלויבט אויף די קנקנים אלס לעהרע, „ולא על התרומה", און אויך ניט אויף קנקנים פול מיט תרומה, נאָר ער ליידיגט אוים פאַר זיך די תרומה און די כלים נעמט ער ניט צו, אפילו אין צייט פון גיתות. זאָגט די גמרא „תנן", איך וועל דיר א קשיא פרעגען פון אונזער משנה, „כדי יין וכדי שמן המדומעות, מאי לאו", מיינסטו דען ניט, „מדומעות דתרומה", דאָס די אויס־געמישטע זיינען פון תרומה, זעהסטו דאָך גוט דאָס ער איז יאָ באַגלויבט אויך אויף די כלים? „אמרי דבי ר' חייא מדומעות דקודש", עס שמועסט פון קודש, פרעגט די גמרא, „ומי איכא דימוע לקדש", איז דען פאַראַן דימוע ביי

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד 52:**

נסכים: קודם לגיתות שבעים יום: אמר אביי שמע מינה דינא היא דעילויה אריסא למיטרח אגולפי שבעים יומין מקמי מעצרתא: ו) **מתני'.** מן המודיעים ולפנים נאמנין על כלי חרס, מן המודיעים ולחוץ אין נאמנין, כיצד, הקדר שהוא מוכר הקדרות, נכנס לפנים מן המודיעים הוא הקדר והן הקדרות והן הלוקחין נאמן יצא אינו נאמן: ז) **גמ'.** תנא מודיעים, פעמים כלפנים פעמים כלחוץ, כיצד? קדר יוצא וחבר נכנס כלפנים, שניהם נכנסים **(דף כ"ו ע"א)** או שניהם

---

קודש? געהט דען אן ביי קודש לשון דימוע? „אמרי דבי ר' עילאי במטהר את טבלו ליטול ממנו נסכים", עס שמועסט טאקע ביי טבל און תרומה נאר ער וויל אויסריינעגען די טבל אבצושיידען דערפון אויף נסכים צום מזבח, איז דעריין געמישט חולין תרומה און קודש, אויף די כלים איז ער יא באגלויבט דען עס איז א גנאי פאר דעם קדש דאס די כלים זאלען זיין אין חזקת טומאה ווערענד דער קודש אליין איז טהור; „קודם לגיתות שבעים יום:" האט אביי געזאגט דארויף, שמע מינה", עס איז געדרונגען, „דינא הוא דעילויה אריסא למיטרח אגולפי שבעים יומיו מקמי מעצרתא", עס איז א רעכט און א פליכט אויף דעם ארים (אונטערנעמער) צו באמיהען זיך אויף די כלים פון די גיתות און בדים זיבעציג טעג פאר דעם דריקען פון יין און שמן. ו) **משנה.** „מן המודיעים ולפנים נאמנין על כלי חרס", פון דער שטאט מודיעים וועלכע שטעהט פופצעהן מייל פון ירושלים, צו אינווייניג צו, דאס הייסט צו ירושלים צו, זיינען זיי באגלויבט אויף ערדענע כלים, פון מודיעים צו אויסווייניג צו, זיינען זיי ניט באגלויבט, „כיצד?" ווי אזוי איז דאס? „הקדר שהוא מוכר קדרות", דער טעפער וועלכער פארקויפט טעפ, „נכנס לפנים מן המודיעים", ווי נאר דער טעפער איז אריין אין מודיעים צו געהן צו ירושלים צו, „הוא הקדר והן הקדרות והן הלוקחין נאמן", דער קדר זעלבסט וועלכער האט געבראכט די טעפ פון אויסווייניג איז באגלויבט אבער ניט דער קדר פון מודיעים אליין, אויך ווען דער קדר נעמט קדרות פון מודיעים איז ער שוין ניט באגלויבט, און נאר פאר די קויפערס וועלכע האבען אידם געזעהן ברענגענדיג די קדרות איז ער באגלויבט, ניט פאר אנדערע, און באגלויבט האט מען זיי געמאכט, ווייל ערדענע כלים זיינען ניט פאבריצירט געווארען אין ירושלים צוליב ריינקייט, אזוי זיינען די כלים נויטיג געוועזן פאר דעם פאלק, האבען די חכמים אויף זיי ניט גוזר געוועזן דא וואו דער רוב ציבור קען זיך ניט באגעהן, „יצא", איז דער קדר צוריק ארויס פון מודיעים צו זיך אהיים איז ער שוין ניט באגלויבט. **גמ'.** „תני", מיר האבען געלערענט, מודיעים אליין, איז אמאהל ווי אינווייניג און אמאהל ווי אויסווייניג, „כיצד?" ווי אזוי? „קדר יוצא וחבר נכנס, כלפנים", דער קדר געהט ארויס פון לפנים און געהט אריין אין מודיעים און דער חבר וועלכער קויפט די קדרות, קומט פון אויסווייניג מודיעים צו אריין אין מודיעים, „כלפנים", דאמאלסט איז עס ווי לפנים, דאס הייסט מען מעג קופען פון איהם, דאס מיינט דער קדר האט דאך ניט בדעה צוריק צו געהן, מוז דאך דער חבר דא קויפען, „שניהן נכנסין או שניהן יוצאין",ביידע זיינען אריין אין מודיעים פון אויס-

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 53**

יוצאין כלחוץ אמר אביי אף אנן נמי תנינא הקדר שמבר את הקדרות ונכנם לפנים מן המודיעים. טעמא דלפנים מן המודיעים, הא מודיעים גופה לא מהימן, אימא סיפא יצא אינו נאמן, הא מודיעים גופה נאמן אלא לאו שמע מינה כאן בקדר יוצא והבר נכנס כאן בששניהן יוצאין או שניהן נכנסין, שמע מינה, תנא נאמנין בכלי חרם הדקין לקודש. אמר ריש לקיש והוא שניטלין בידו אחת, ור׳ יוהנן אמר אפילו שאין ניטלין בידו אהת, אמר ריש לקיש לא שנו אלא ריקנין אבל מלאין לא, ור׳ יוחנן אמר אפילו מלאים ואפילו אפיקרסותו לתוכו, ואמר רבא ומודה ר׳ יוחנן

---

ווייניג אָדער בײדע געהען ארוים פון מודיעים, איז עס כלחוץ, און ער זאָל ניט קויפען אין מודיעים אַליין נאָר ווארטען ביז דער קדר וועט זיין נאָך מודיעים צו אינווייניג צו, געווים אויב דער קדר געהט אריין אין מודיעים און דער חבר געהט שוין ארוים פון דאָרט, דאָס ער קויפט ניט אין מודיעים אַליין, נאָר ערשט אויסער מודיעים צו אינווייניג צו, אביי האָט געזאָגט „אף אנן נמי תנינא״, מיר האָבען אויך אזוי געלערענט, „הקדר שמכר הקדרות ונכנס לפנים״, דער קדר א ז אריין צו אינווייניג צו פון מודיעים, „טעמא״, דאָס איז די אורזאַך ווייל עס איז שוין נאָך מודיעים, „הא מודיע׳ן גופה״, אָבער מודיעים אַליין, „לא מהימן״, איז ער ניט באגלויבט, „אימא סיפא״, זאָג שוין די סיפא, „יצא אינו נאמן״, אויב ער איז ארוים צוריק איז ער ניט באגלויבט, „הא מודיעים גופה״, אָבער מודיעים אליין איז ער יאָ באַגלויבט, זיינען דאָך די רישא און די סיפא אין געגענזאץ? „אלא לאו שמע מינה״, נאָר געווים ניט אנדערש עס איז גערדונגען, „כאן בקדר יוצא וחבר נכנס״, דאָ וואו עס צייגט אז מודיעים אַליין, איז ווי לפנים שמועסט אַז דער קדר געהט שוין ארוים און דער חבר געהט אריין מוז ער דאָך דאָ קויפען, „כאן בששניהן יוצאין או שניהן נכנסים״, און דאָ וואו עס צייגט אַז מודיעים אַליין איז ווי חוץ, שמועסט ווען בײדע געהען שוין ארוים, אַזוי ווי ער האָט ניט געקויפט אין מודיעים זייענדיג דאָרט זאָל ער שוין ניט קויפען, אַזוי אויך ווען בײדע געהען אריין זאָל ער ערשט קויפען נאָך מודיעים, „שמע מינה״, אזוי איז גערדונגען. „תנא״, מיר האָבען געלערענט „נאמנין בכלי חרס הדקין לקודש״, דאָס וואָס מיר האָבען געלערענט אין דער משנה, זיי זיינען באגלויבט אויף כלי חרס, מיינט מען די קליינע כוסות, אָהן וועלכע מען קען זיך ניט באנעהן, אָבער ניט קיין גרויסע כלי חרס, ריש לקיש האָט געזאָגט, „והוא שניטלין בידו אחת״, נאָר אַזעלכע כלים וועלכע קענען גענומען ווערען אין איין האנד, ר׳ יוחנן זאָגט אפילו ווען זיי קענען ניט גענומען ווערען אין איין האנד. ריש לקיש האָט געזאָגט, „לא שנו״, די חכמים האָבען ניט געלערענט, „אלא ריקנין״, נאָר לעהרע כלים, „אבל מלאים לא״, אָבער פולע ניט. ר׳ יוחנן זאָגט זאָגאר פולע, „ואפילו אפיקרסותו לתוכו״, אפילו דאָס פאַרקערטע פון קודש דהיינע דעם עם הארץ׳ס משקה אין דעריין, און רבא האָט געזאָגט „ומודה ר׳ יוחנן במשקין עצמן שהן טמאין״, אַז ר׳ יוחנן איז מודה אויף די משקין אַליין דאָס זיי זיינען טמא כאָטש זייערע כלים זיינען טהור, „ואל תתמה״, און זאָלסט זיך ניט וואונדערען אויף די חכמים, „הרי

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 53**

במשקין עצמן שהן טמאין, ואל תתמה שהרי לגין מלא משקין לגין טמאין טומאת שבעה ומשקין טהורין:

א) **מתני'.** הגבאין שנכנסו לתוך הבית, וכן הגנבים שהחזירו את הכלים נאמנין לומר לא נגענו, ובירושלים נאמנין על הקודש ובשעת הרגל אף על התרומה. **גמ'.** ורמינהו הגבאין שנכנסו לתוך הבית, הבית כולו טמא? לא קשיא הא דאיכא נכרי בהדייהו הא דליכא נכרי בהדייהו, דתנן אם יש נכרי עמהן נאמנין לומר לא נכנסנו, אבל אין נאמנים לומר נכנסנו אבל לא נגענו, וכי איכא נכרי בהדייהו מאי הוי? ר' יוחנן ור' אלעזר חד אמר אימת נכרי עליהן, וחד אמר אימת מלכות עליהן,

---

לגין מלא משקין, לוגין שמאים טומאת שבעה ומשקין טהורין", דען מיר האבען דאך געהערט ביי כלי חרס וועלכע איז מציל (געגען א טומאה) משקין, און די כלים זיינען טמא א טומאת שבעה: אויב איהר געדענקט איז עס אויבען נעלערענט:

א) **משנה.** „הגבאין שנכנסו לתוך הבית", גבאין וועלכע זיינען געשיקט פון די גוי'אישע רעגירונג צו זאמלען ביי אידען שטייער אדער עפעס אנדערע אבצאהלונגען, זיי אויב זיינען אריין אין א אידיש הויז, און אזוי אויך, „גנבים שהחזירו את הכלים", גנבים וועלכע האבען צוריקגעבראכט די גע־גנב'טע כלים, „נאמנין לומר לא נגענו", זיינען זיי באגלויבט צו זאגען, מיר האבען נים אנגערירט די קודש אינווייניג פון די כלי חרס, אבער נים אויף תרומה, דאס נעהט ארויף אויף די פאריגע משנה חומר בתרומה, „ובירושלים נאמנין על הקודש", די גמרא וועט דאס ערקלערען. „ובשעת הרגל אף על התרומה", אין צייט פון רגלים פסח, שבועות, סוכות, זיינען זיי אויך באגלויבט אויף תרומה: **גמ'.** „ורמינהו", איך וועל דיר פונאנדער פרעגען, „הגבאין שנכנסו לתוך הבית, הבית כולו טמא?" אויב די גבאים זיינען אין א הויז אריין איז אלעס אין הויז טמא, דען מורא האבענדיג פאר די רעגירונג זוכען זיי גוט, האבען זיי זיכער באטאפט אלע כלים אין הויז, דאריבער איז אלעס טמא, זעהסטו דאך גוט דאס זיי זיינען נים באגלויבט? ענטפערט די גמרא, „לא קשיא הא דאיכא נכרי בהדייהו", דא וואו עס זאגט זיך, זיי זיינען נים באגלויבט שמועסט אז א גוי איז געווען מיט זיי, האבענדיג מורא פאר'ן גוי זוכט ער גוט און באטאפט אלע כלים, דאריבער איז אלעס טמא, „הא דליכא נכרי בהדייהו", דא וואו עס זאגט זיך .ער איז יא באגלויבט, מיינט ער דאס קיין גוי איז נים מיט זיי, „דתנן", דען מיר האבען געלערענט, „אם יש נכרי", אויב עס איז דא א גוי מיט זיי, „נאמנין לומר לא נכנסנו", זיינען זיי באגלויבט צו זאגען, מיר זיינען נים אריינגעגאנגען, „אבל אין נאמנין", זיי זיינען אבער נים באגלויבט צו זאגען, „נכנסנו אבל לא נגענו". פרעגט די גמרא, „וכי איכא נכרי בהדייהו מאי הוי?" אויב עס איז דא א גוי נעבען זיי איז וואס? ר' יוחנן און ר' אלעזר, „חד אמר אימת נכרי עליהן", איינער זאגט די מורא פון גוי איז אויף זיי, דאריבער האבען זיי גוט באזוכט אלע כלים, און איינער זאגט, „אימת מלכות עליהן", די מורא פון מלכות איז אויף זיי, טאמער וועט דער גוי דארט איבער־

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 53**

מאי בינייהו? איכא בינייהו נכרי שאינו חשוב: ב) וכן הגנבים שהחזירו את הכלים: ורמינהו הגנבים שנכנסו לתוך הבית, אינו טמא אלא מקום דריסת רגלי הגנבים? אמר רב פנחס משמיה (דרב) כשעשו תשובה, דיקא נמי דקתני שהחזירו את הכלים, שמע מינה? ובירושלים נאמנין על הקדש: תנא נאמנין על כלי חרס גסין לקודש, וכל כך למה? שאין עושין כבשונות בירושלים ובשעת הרגל אף על התרומה, מנא הני מילי? אמר ר' יהושע בן לוי דאמר קרא (שופטים כ') ויאסף כל איש ישראל אל העיר כאיש אחד חברים, הכתוב עשאן כולן חברים: ג) **מתני'**. הפותח את חביתו והמתחיל בעיסתו על גב הרגל, ר' יהודה אמר יגמור,

---

געבען. „מאי בינייהו?" וואס איז דער אונטערשיעד צווישען זיי? ענטפערט די גמרא, „נכרי שאינו חשוב, איכא בינייהו", עס כאפט א חילוק צווישען זיי, אויב דער נכרי איז ניט קיין אַנגעזעהענער, איז, פאר איהם קיין מורא ניט דאַ, אָבער צום מלכות איבערגעבען קען ער יאָ. ב) פון דער משנה — „וכן הגנבים: ורמינהו", ער האָט פונאנדער געפרעגט די היגע משנה מיט א ברייתא, „מיר האָבען געלערענט, „גנבים שנכנסו, אינו טמא אלא מקום דריסת רגלם?" גנבים אז זיי זיינען אריין אין א הויז איז ניט טמא נאָר וואו זייערע פיס האָבען באטראָטען, זעהסטו דאָך גוט, זיי זיינען יאָ מטמא, א געוויס די כלים וועלכע זיי האָבען צוריקגעבראכט? האָט ר' פנחס געזאָגט, „כשעשו תשובה", אז עס שמועסט די גנבים האָבען תשובה געטאָן, „דיקא נמי", דו קענסט דיר אויך דרינגען אז עס איז אזוי, דען ער זאָגט דאָך אז זיי האָבען צוריקגעבראכט די כלים, „שמע מינה", איז געדרונגען. פון דער משנה, „ובירושלים: תנא", מיר האָבען געלערענט, „נאמנין על כלי חרס הגסין", אין ירושלים זיינען די עמי הארץ באגלויבט אפילו אויף די גרוסע כלי חרס פאר קודש, „וכל כך למה?" און ווארום אזוי פיעל טהוען דאָס די חכמים צו גלויבען זיי אויף כלי חרס? ענטפערט די גמרא, „שאין עושין כבשונות בירושלים", דען מען מאכט ניט קיין געברענטע כלים אין ירושלים צוליב ריינקייט אום צו פארמיידען רויך אין דער שטאָט, אזוי צוליב מאנגעל פון די כלים איבערהויפט די קליינע וועלכע זיינען זעהר נויטיג פאר'ן פאָלק, דאריבער האָבען זיי די רבנן געמאכט גלויבען דען מען איז ניט גוזר, וועו דער רוב ציבור קען ניט ביישטעהן. פון דער משנה, „ובשעת הרגל", פרעגט די גמרא „מנא הני מילי?" פון וואנען איז געדרונגען די רייד? האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט דער פסוק זאָגט, אלע אידען האָבען זיך איינגעזאמעלט אין דער שטאָט, ווי איין מאן חברים, „הכתוב עשאן כולם חברים", דאמאָלסט ווען אלע אידען זאמלען זיך רופט זיי דער פסוק חברים, באהעפטע און באוואוסטזיניגע צו תורה און יודענטהום וועלכע פיהרען זיך בטהרה, דאריבער זיינען אלע באגלויבט. ג) משנה. „הפותח את חביתו והמתחיל בעיסתו", געוועהנליך אין שלש רגלים ווען אלע אידען קומען קיין ירושלים און געשעפט געהט אָן, איז אויב דער ווינשענקער האָט געעפענט און אָנגעפאנגען א פאס וויין, אָדער דער בעקער האָט אָנגעפאנגען צו פארקויפען פון צוגעגרייטען טייג, ווי דער שטייגער איז ביי קונים צו באַרירען אלעס,

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 53**

וחכמים אומרים לא יגמור: גמ'. יתיב ר' אמי ורבי יצחק נפחא אקילעא דר' יצחק נפחא, פתח חד ואמר מהו שיניחנה לרגל אחר? אמר ליה אידך, יד הכל ממשמשין בה ואת אמרית יניחנה לרגל הבא? א"ל אטו עד האידנא לאו יד הכל ממשמשין בה? אמר ליה הכי השתא, בשלמא עד האידנא טומאת עם הארץ ברגל רחמנא טהרה, אלא השתא טמאה היא? נימא כתנאי דתני הדא יניחנה לרגל אחר, ותנא אידך לא יניחנה לרגל אחר, מאי לאו תנאי היא? לא, הא דקתני יניחנה ר' יהודה, והא דקתני לא יניחנה רבנן, ותסברה והא רבי יהודה יגמור קאמר? אלא הא דקתני לא יניחנה רבי יהודה והא דקתני יניחנה רבנן

---

צווישען די קונים זיינען דאך אויך דא עמי הארץ וואס זייער בארירונג איז טמא, ניט מעהר נאר די תורה האט זיי געמאכט אין רגל פאר חברים, איז יעצט די פראגע צו מעג דער ווינשענקער אדער אנדער סוחר פארענדיגען דעם פאס וויין אדער אנדערע עסענווארג אויך נאך יום טוב, ר' יודא זאגט, „יגמור", ער מעג ענדיגען, און די חכמים זאגען, „לא יגמור", ער זאל ניט ענדיגען, ווייל אלעס איז יעצט אויטאמאטיש טמא פון בארירונג פון פריהער, און די משנה זאגט דאך אויך דאס אלע כלים אין דער עזרה ווערען גע'טובל'ט תיכף נאכ'ן רגל. ר 'יודא האלט אבער, אויב דו וועסט איהם ניט לאזען ענדיגען וועט ער אויך ניט אנפאנגען, און עס וועט ווערען א מאנגעל אין שפייז פאר די עולי רגל, איז דאריבער מותר געווארען דער סוף צוליב דעם אנפאנג. גמ'. „יתיב", ר' אמי און ר' יצחק נפחא זיינען געזעסען אויפ'ן גאניק פון ר' יצחק נפחא, „פתח חד ואמר מהו שיניחנה לרגל אחר?" האט איינער אנגעפאנגען און געפרעגט, נאך די חכמים נאך וואס זאגען דאס ער טאר ניט ענדיגען נאכ'ן רגל, האט ער געפרעגט אויב ער מעג עס אוועקלייגען אויף א נעקסטען רגל? „אמר ליה אידך", האט איהם דער אנדערער געזאגט „יד הכל ממשמשין בה", אלע באטאפען דאך די ווארע, „ואת אמרת יניחנה?" און דו זאגסט ערשט אז ער מעג עס איבערלאזען פאר א קומענדיגען רגל? „אמר ליה, אטו עד האידנא לאו ממשמשין?" האט ער צו איהם געזאגט, און ביז יעצט האבען דען ניט אלע הענד עס באטאפט? „אמר ליה הכי השתא?" האט ער איהם גענטפערט וואס פאר א גלייכונג איז דאס? „בשלמא עד האידנא", אנדערש ביז יעצט, „טומאת עם הארץ ברגל רחמנא טהרה", האט די תורה מטהר געווען זייער טומאה אין רגל, „אלא השתא טמאה היא", אבער יעצט איז דאך די ווארע טמא פון פריהער? פרעגט די גמרא, „נימא כתנאי?" פיליייכט קריגען אין דעם תנאים? „דתני חדא", דען איין ברייתא לערענט יניחנה, „ותנא אידך, און אן אנדער ברייתא לערענט לא יניחנה, „מאי לאו תנאי?" מיינסטו דען ניט אז דאס קריגען אין דעם די תנאים? זאגט די גמרא, „לא", ניין, „הא דקתני יניחנה", די ברייתא וועלכע לערענט יניחנה איז ר' יודא, „והא דקתני לא יניחנה רבנן", און די ברייתא וועלכע לערענט לא יניחנה איז ווי די רבנן פון אונזער משנה. פרעגט די גמרא, „ותסברא?" אזוי פארשטעהסטו? אז יניחנה איז ווי ר' יודא? „והא ר' יהודא יגמור קאמר?" ר' יודא זאגט דאך

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 53**

ומאי לא יניחנה שאין צריך להניחה: ד) **מתני׳**. משעבר הרגל מעבירין על טהרת עזרה עבר הרגל ליום ששי לא היו מעבירין מפני כבוד השבת, רבי יהודה אומר אף לא ביום ה׳ שאין הכהנים פנויין: **גמ׳**. תנא שאין הכהנים פנויין מלהוציא בדשן: **מתני׳**. כיצד מעבירין על טהרת עזרה מטבילין את הכלים שהיו במקדש ואומרין להם הזהרו **(דף כ״ו ע״ב)** שלא תגעו בשלחן, כל הכלים שהיו במקדש יש להם שניים ושלישים שאם נטמאו הראשונים יביאו שניים תחתיהן, כל הכלים שהיו במקדש טעונין טבילה חוץ ממזבח הזהב ומזבח הנחושת מפני שהן כקרקע דברי ר׳ אלעזר וחכמים אומרים מפני שהן מצופין: ה) **גמ׳**. תנא הזהרו שמא תגעו בשלחן ובמנורה, ותנא דידן מאי טעמא לא תני מנורה?

---

ער זאָל עס אויספּאַרקויפען? אלא זאָגט די גמרא „הא דקתני לא יניחנה רי יהודא", אז לא יניחנה געהט אויף ר׳ יודא, און יניחנה אויף די רבנן, „ומאי לא יניחנה", און ווייסטו וואָס מען מיינט לא יניחנה, „שאין צריך להניחה", מען דאַרף ניט איבערלאָזען, האלט ר׳ יודא אין דער משנה יגמור, ער זאָל עס ענדיגען און אויספּאַרקויפען וויל ער דאַרף עס ניט איבערלאָזען, דען די ענדע איז מותר צוליב דעם אָנפאנג, ווי שוין באמערקט, און די רבנן האלטען „לא יגמור", ער טאָר ניט אויספּאַרקויפען נאָר ער דאַרף עס איבערלאָזען פאַר קומענדיגען רגל. ד) משנה. „משעבר הרגל", ווי דער יום טוב געהט אוועק, געהט מען איבער צו רייניגונג פון דער עזרה, „עבר הרגל ליום ששי, לא היו מעבירין", אויב דער רגל איז אוועק אין ערב שבת האָט מען ניט גערייניגט די עזרה צוליב דעם כבוד פון שבת, ר׳ יודא זאָגט אפילו אין פינפטען טאָג אויך ניט, „שאין הכהנים פנויים", וויל די כהנים זיינען ניט צייטליך, נאָר ערשט נאָך שבת טובל׳ט מען אלע כלים און מען רייניגט די עזרה: גמ׳. „תנא, שאין הכהנים פנויין מלהוציא בדשן", די כהנים זיינען ניט צייטליך אין מוצאי יום־טוב צו רייניגען די עזרה, דען זיי מוזען ארויספיהרען די אָנגעזאמעלטע אשעם פון מזבח פון גאנץ יום טוב: משנה, „כיצד", ווי אזוי פיהרט מען דורך די טהרה אין דער עזרה? „מטבילין", מען טובל׳ט די כלים פון בית המקדש, „ואומרין להם", און אין יום טוב זאָגט מען צו די כהנים עמי הארץ, „הזהרו שלא תגעו בשלחן", זייט געוואָרענט איהר זאָלט ניט אָנרירען דעם שלחן, דען דער לחם הפנים האָט געמוזט ליגען אויפ׳ן טיש אָהן אונטערברעכונג, וויל דער פסוק זאָגט, „לפני תמיד", האָט מען דעם טיש ניט געקענט אוועקנעמען צו דער טבילה, אלע כלים וועלכע זיינען אין מקדש, האָבען געהאט א צווייטע און א דריטע אלס גרייטע, „שאם נטמאו ראשונים יביאו שניים", אויב די ערשטע זיינען טמא געוואָרען האָט מען געבראכט די צווייטע אויף זייער פּלאַץ, אלע כלים אין מקדש, „טעונין טבילה", ברויכען א טבילה, „חוץ ממזבח הזהב ומזבח הנחושת", אויסער דיביידע מזבחות, „מפני שהן כקרקע", די תורה רופט עס מזבח אדמה, איז עס ניט מקבל טומאה, „דברי", דאָס זיינען די רייד פון ר׳ אלעזר און די חכמים זאָגען, „מפני שהן מצופין", וויל זיי זיינען געדעקט. די גמרא וועט עס ערקלערען. ה) גמ׳. „תני", מיר האָבען געלערענט אין א

**פירוש רש״י על הגמרא ראה בצד: 54**

שלחן כתיב ביה תמיד מנורה לא כתיב בה תמיד, ואידך? כיון דכתיב (שמות כ״ו) ואת המנורה נוכח השלחן כמאן דכתיב בה תמיד דמי, ואידך? ההוא לקבוע לה מקום הוא דאתא, ותיפוק לי דכלי עץ העשוי לנחת הוא, וכל כלי עץ העשוי לנחת לא מטמא? מאי טעמא? דומיא דשק בעינן מה שק מיטלטל מלא וריקם אף כל מיטלטל מלא וריקם? האי נמי מיטלטל מלא וריקם הוא כדריש לקיש דאמר ריש לקיש מאי

---

ברייתא, „הזהרו שמא תגעו בשלחן ובמנורה״, אז מען האט געזאגט צו די כהנים עמי הארץ זיים געווארענט טאמער רירט איהר אן דעם שלחן און די מנורה, איז דאך די פראגע, „ותנא דידן מאי טעמא לא תני מנורה?״ ווארום לערענט ניט אונזער תנא אין דער משנה אויך מנורה? ענטפערט די גמרא „שלחן כתיב ביה תמיד, מנורה לא כתיב בה תמיד״, ביי שלחן שטעהט אין פסוק תמיד און ביי מנורה ניט. באמת שטעהט ביי מנורה אויך תמיד, נאר עס איז אן אונטערשיעד, עס איז פאראן „תמיד החלטי״, אונאונטערבראכען, און „תמיד סדורי״, בלויז דער סדר איז תמיד, ביי שלחן זעהט מען אז עס איז תמיד החלטי ווייל דער לחם הפנים ליגט אויפ׳ן שלחן א גאנצע וואך אומאונ־טערבראכען, אבער ביי מנורה לייכט מען ניט נאר ביינאכט, דאריבער הייסט עס תמיד סדורי יעדע נאכט, קען מען דאך בייטאג טובל׳ן די מנורה, אבער דעם שלחן איז דאך ניט דא די צייט ווען, דאריבער דערמאנט ניט אונזער משנה די מנורה, פרעגט די גמרא, „ואידך?״ די ברייתא וועלכט זאגט יא מנורה איז דאך די פראגע עס שטעהט דאך ניט ביי איהר תמיד? ענטפערט די גמרא „כיון דכתיב״, ווייל דער פסוק זאגט דאך דאס די מנורה זאל זיין נגענאיבער דעם שלחן, „כמאן דכתיב בה תמיד דמי״, איז גלייך ווי עס וואלט שטעהן ביי איהר תמיד, „ואידך?״ און וואס טהוט דער תנא פון אונזער משנה מיט׳ן פסוק, „ואת המנורה נוכח השלחן?״ ענטפערט די גמרא „ההוא לקבוע לה מקום הוא דאתי״, דער פסוק קומט צייגען דעם פלאץ וואו די מנורה זאל שטעהן. פרעגט די גמרא, „ותיפוק לי דכלי עץ העשוי לנחת הוא?״ דרינג דיר ארויס אז עס ווערט ניט טמא ווייל עס איז געמאכט צו שטעהן אין איין פלאץ, „וכל כלי עץ״, און יעדע הילצערנע כלי וועלכע שטעהט אין איין פלאץ ווערט ניט טמא, „מאי טעמא?״ וואס איז די אורזאכע? „דומיא דשק בעינן״, דען געגען טומאה איז א כלי עץ גענליכען צו א שק, ווי דער פסוק זאגט, „יטמא מכל כלי עץ או בגד או עור או שק״, א כלל איז דאס אלע ארטיקלען וועלכע ווערען אויסגערעכענט אין איין גאנג זיינען גענליכען אין גלייכע מעלות, „מה שק מיטלטל מלא וריקם״, פונקט ווי א זאק קען מען באוועגען סאי פול סאי ליידיג, אזוי אויך א כלי עץ דארף מען קענען באוועגען סאי פול סאי ליידיג, און עס איז ממעט א כלי עץ וועלכע שטעהט אין איין פלאץ, און עס איז אויך ממעט אזא כלי עץ וועלכע ענטהאלט מ״ם סאה וואסער, אדער די זעלבע שווערקייט אין טרוקענע זאכען, ווייל מען קען איהר ניט באוועגען אלס א פולע, דען באוועגענ־דיג אין דעם צושטאנד, ווערט זי צובראכען, איז דאך די קשיא דער שלחן איז דאך אומבאוועגליך, ווערט ער דאך זא ווי זא ניט טמא? ענטפערט די גמרא,

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 54**

דכתיב (ויקרא כ"ד) על השלחן הטהור מכלל שהוא טמא, ואמאי? כלי עץ העשוי לנחת הוא ואינו מקבל טומאה? אלא מלמד שמגביהין אותו ומראין בו לעולי רגלים לחם הפנים. ו) ואומרים להם ראו חיבתכם לפני המקום סילוקו כסידורו, דאמר ר' יהושע בן לוי נס גדול נעשה בלחם הפנים כסידורו כך סילוקו שנאמר (שמואל א' כ"א) לשום לחם חם ביום הלקחו, ותיפוק לי משום ציפוי דהתנן השלחן והדולפקי שנפחתו או שחיפן בשייש ושייר בהם מקום הנחת כוסות טמא, ר' יהודה אומר

---

„האי נמי מיטלטל", דער שלחן ווערט אויך מיטלטל סאי פול סאי לײדיג, אזוי ווי ריש לקיש האָט געזאָגט, „מאי דכתיב?" וואָס מיינט דער פסוק על השלחן הטהור, אויף דעם רײנעם טיש, „מכלל שהוא טמא", מוז דאָך זיין אז דער טיש ווערט אויך טמא, אויב ניט, וואָלט ער דאָך ניט זאָגען שלחן הטהור, איז דאָך די קשיא, „ואמאי?" וואָרום ווערט ער טמא? „כלי עץ העשוי לנחת הוא?" ער הײסט דאָך אַן אומבאַוועגליכע כלי, און ער נעמט ניט צו קײן טומאה? „אלא מלמד", נאָר דאָס קומט לערנען „שמגביהין אותו ומראין בו לעולי רגלים לחם הפנים", עס איז אײנגעפיהרט אויפצוהויבען דעם שלחן אין דער הויך, און צײגען פאַר די עולי רגלים דעם לחם הפנים דעם נס וועלכער פאַסירט דאַבײ. ו) "ואומרים להם", אזוי אויפהויבענדיג דעם טיש מיט'ן לחם הפנים האָט מען געזאָגט צו זײ, „ראו חובתכם לפני המקום", זעהט אײער ליעב־שאַפט פאַר דעם אויבערשטען ב"ה, „סילוקו כסידורו", דער נס פון לחם איז געווען דאָס זיין אַוועקנעמען איז געווען אזוי וואַרים ווי זיין אויסלײגען, דען ר' יושיע בן לוי האָט געזאָגט, „נס גדול נעשה", א גרויסער נס איז געוואָרען ביי לחם הפנים, „כסידורו כך סילוקו", פונקט ווי זיין אויסלײגען אזוי איז געווען זיין אַוועקנעמען, ווי דער פסוק זאָגט, „לשום לחם חם ביום הלקחו", מען זאָל טאָן הײס ברויט אויפ'ן שלחן, אין טאָג פון זיין אַוועקנעמען, דער גאַנצער פסוק געבירט זיך אזוי, דוד המלך האָט געזוכט ברויט ביי אחימלך, זאָגט דאָרט דער פסוק „כי לא היה שם לחם", עס איז דאָרט ניט געווען קײן ברויט, „כי אם לחם הפנים המוסרים מלפני ה'", נאָר לחם הפנים וועלכע ווע־רען אַוועקגענומען פון פאַר ג־ט, „לשום לחם חם אחר תחתיו", אַרויפצוטאָן אַנדערע הײס ברויט אויף זיין פּלאַץ, און שטעהן שטעהט, אנשטאָט אחר תחתיו, ביום הלקחו, צו צײגען דאָס זיין אַוועקנעמען איז אזוי הײס געווען ווי זיין אַרויפגעבען, „חם ביום הלקחו", פרעגט די גמרא, „ותיפוק לי משום ציפוי?" דו קענסט דאָך מיר אַרויסדרינגען אז דער שלחן איז יאָ מקבל טומאה כאָטש ווי אומבאַוועגליך ער איז, צוליב, וואָס ער איז באַדעקט מיט מעטאַל, און מעטאַל איז דאָך שוין ניט געגליכען צו שק? „דתנן", מיר האָבען דאָך גע־לערענט, „השלחן והדולפקי", א טיש און א צוזאַמענגעלײגטער שטוהל וועלכע איז געווען באַדעקט מיט א פעל, „שנפחתו", נאָר זײער דעקונג איז געמינערט געוואָרען, „או שחיפן בשיש ושייר בהם מקום הנחת כוסות", אָדער ער האָט זײ באַדעקט מיט מאַרמאָר שטײן נאָר ער האָט איבערגעלאָזען א שטיקעל פּלאַץ

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 54**

מקום הנחת החתוכות? וכי תימא שאני עצי שטים דחשיבי ולא בטלי? הניחה לריש לקיש דאמר לא שנו אלא בכלי אכסלגים הבאין ממדינת הים אבל בכלי מסמים לא בטלי שפיר, אלא לר' יוחנן דאמר אפילו בכלי מסמים נמי בטלי מאי איכא למימר? וכי תימא כאן בציפוי עומד, כאן בציפוי שאינו עומד, הא בעא מיניה ריש לקיש מרבי יוחנן בציפוי עומד או בציפוי שאינו עומד, בחופה את לבזביו או בשאינו חופה את לבזביו, ואמר ליה לא שנא בציפוי עומד לא שנא בציפוי שאינו עומד לא שנא בחופה את לבזביו ולא שנא בשאינו הופה את לבזביו? ז) אלא שאני שלחן (דף כ"ז ע"א) דרחמנא קרייה עץ דכתיב (יחזקאל

---

אויף וועלכער עס קענען שטעהן כוסות, „טמא", איז עס מקבל טומאה, ווייל זיי זיינען נאך ראוי צו זייערע ערשטע נוצען. ר' יודא זאגט, „מקום הנחת החתוכות", עס דארף אויך האבען פלאץ אוועקצולייגען שטיקער ברויט און פלייש, אויב ניט הייסט עס שוין ניט קיין שלחן, ווייל דער הויפט איז די דעקונג, זעהסטו דאך גוט אז די דעקונג איז מבטל דעם נאמען כלי עץ זאגאר לקולא, און געוויס אויף לחומרא אז דער שולחן זאל מקבל טומאה זיין צוליב זיין גאלדענע דעקונג? „וכי תימא?" אי וועסטו אפשר זאגען, „שאני עצי שטים דחשיבי ולא בטלי?" טענענבוים האלץ איז אנדערש, זיי זיינען חשוב און ווערען ניט בטל צוליב זייער דעקונג? „הניחה לריש לקיש", דאס וואלט רעכט געווען נאך ריש לקיש וועלכער זאגט, „לא שנו אלא בכלי אכסלגים הבאין ממדינת הים", אז די חכמים האבען ניט געלערענט דאס די דעקונג איז מבטל נאר ביי כלים פון די שטאט אכסלגים וועלכע קומען פון יענער זייט ים, זייער האלץ איז ניט אזוי חשוב, „אבל בכלי מסמים לא בטלי", אבער כלים מסמים ווערען ניט בטל, „שפיר", וואלט געווען רעכט, דאריבער ווערט דער שלחן ניט בטל, „אלא לרי יוחנן", וועלכער זאגט, „אפילו בכלי מסמים נמי בטלי", אז אפילו דאס האלץ פון כלי מסמים ווערען אויך בטל צו זייער דעקונג, „מאי איכא למימר?" וואס איז יעצט דא צו זאגען? „וכי תימא כאן בציפוי עומד כאן בציפוי שאינו עומד?" אי וועסטו אפשר זאגען אז דא שמועסט דאס די דעקונג איז ניט גוט צוגענאגעלט, דאריבער געה איך ניט נאך די דעקונג נאך, און ביי יענער משנה שמועסט פון א שטארקערע דעקונג? קען איך דאך דאס ניט זאגען, „הא בעי מיניה ריש לקיש מרי יוחנן", ריש לקיש האט דאך געפרעגט פון ר' יוחנן, צו עס שמועסט בציפוי עומד צו ניט, צו „בחופה את לבזבזו", צו עס שמועסט אז ער האט אויך געדעקט דעם ראנד פון שלחן צו ניט? דען ביי באדעקען דעם ראנד הייסט עס שוין מעהר פארפעסטיגט, „ואמר ליה", האט איהם ר' יוחנן געענטפערט, „לא שנא", אז עס איז קיין אונטערשיעד צו עומד צו ניט, צו חופה צו ניט, זעהסטו דאך גוט, אז איך מאך ניט דעם אונטער־שיעד צווישען אונזער משנה און יענע משנה, „אם כן", קענסטו דאך דרינגען אז דער שלחן איז יא מקבל טומאה צוליב דעם מעטאל דעק? ז) אלא זאגט די גמרא, „שאני שלחן דרחמנא קרייה עץ", דער שלחן איז אנדערש, דאס האלץ ווערט ניט בטל צום גאלדענעם דעק, ווייל די תורה רופט איהם אלץ עץ

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 55**

מ"א) המזבח עץ שלש אמות גבוה וארכו שתים אמות ומקצעותיו לו וארכו וקירותיו עץ, וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה', פתח במזבח וסיים בשלחן? ר' יוחנן וריש לקיש דאמרי תרווייהו בזמן שבית המקדש קיים, מזבח מכפר על אדם, עכשיו שלחנו של אדם מכפר עליו: כל

---

אפילו ווען ער איז גערעקט, דאריבער ווען ער וואלט ניט געווען מיטלטל צייגענדיג דעם לחם הפנים פאר די עולי רגל, וואלט ער ניט מקבל טומאה געווען, אבער די דעקונג איז איהם ניט מבטל פון תורת כלי עץ, ווי דער פסוק זאגט, דער מזבח איז עץ דריי איילען הויך צוויי איילען לאנג, „ומקצעותיו לו", און ער האט ווינקלען, „וארכו וקירותיו עץ", זיין לענג און זיינע ווענד זיינען האלץ, „וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה'", ג־ט האט צו מיר גערעדט, דאס איז דער שלחן וועלכער איז פאר ג־ט, פרעגט די גמרא, „פתח במזבח וסיים בשלחן?" ער פאנגט אן ווענען מזבח און לאזט גאר אויס ווענען שלחן? ר' יוחנן און ריש לקיש, „דאמרי תרווייהו", זיי האבען ביידע געזאגט „בזמן שבית המקדש קיים", אין צייט פון בית המקדש, „מזבח מכפר על האדם", האט דער מזבח מכפר געווען אויפ'ן מענש, „עכשיו שלחנו של אדם מכפר עליו", יעצט איז דער שלחן מכפר אויף איהם. דער ענין דערפון איז: ווען הקב"ה האט באשאפען די וועלט האט ער געגלוסט צו האבען א דירה אונטען ביי די מענשען, מיינענדיג, דער מענש זאל זיך מטהר זיין און הייליגען זיין עולם קטן ביז זיין נשמה וועלכע איז די געטליכקייט פון זיין גוף, זאל געוועלטיגען איבער איהם און אלע זיינע כחות מיט'ן כח הבחירה וואס השי"ת האט איהם באשאנקען, דאמאלסט געהט ארויף זיין לייכטונג פון זיינע גוטע מעשים צו דערלייכטען אויבען אלע וועלטען, עס טהוט הארמאנירען ווי מוזיק אין איינעם, אזוי ארום טהוען אלע כחות הטבע צוריק שפילען געגען איהם און משפיע שפע וברכה פון חי עולמים, אזוי איז געווען אין צייט פון די אבות הקדושים וועלכע האבען צוגעצויגען די שכינה צו זיך ווי די חז"ל זאגען „האבות הן הן המרכבה", און דאס איז אויך געווען די כוונה ביים משכן אדער בית המקדש וועלכע זיינען געבויט געווארען אין ירושלים, לויט דעם איז אלעם וואס איז דא אין מענש, איז געבויט און פארגעקומען אין בית המקדש, פונקט ווי אין גוף וועלכער איז א א הויז צו זיינע נפשות און כחות און עס געפינען זיך אין איהם גלידער און ארגאנען וואס מיט זיי באנוצען זיך די נפשות און ברענגען ארויס די ווירקונג, אזוי אויך אין בית המקדש, דער גוף איז איינגעטיילט אין דריי טהייל, דער אויבערשטער טהייל איז דער קאפ וואו עס איז די וואוינונג פון דאס נפש המשכלת, דאס הייסט דער שכל און פארשטאנד, פון האלדז ביז די ברוסט דארט איז דאס נפש החיונית, דאס הארץ, דאס הייסט דאס לעבענס באוועגונג, פון דארט ארונטער איז נפש הטבעיית והצומחת וועלכע טהוט די מלאכה דורך כלים, ווי מאגען, לעבער און די קאך ארגאנען וועלכע ארבייטען אויס דאס עסען און טיילען אויס חלקים צו אלע איברים דורך פארשידענע כחות און זאפטען, און אזוי איז די צוזאמענשטעלונג פון בית המקדש ווי דער רמב"ם זאגט, די זאכען זיינען די הויפט וועלכע מוזען זיין אין בית המקדש, א פלאץ

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 55**

הכלים שבמקדש יש להם שניים כו' מזבח הנחושת דכתיב (שמות כ') מזבח אדמה תעשה לי, מזבח הזהב דכתיב (במדבר ג') המנורה והמזבחות, איתקוש מזבחות זה לזה: ח) וחכמים אומרים מפני שהן מצופים: אדרבא כיון דמצופין נינהו מיטמאו? אימא וחכמים מטמאין

---

וואו עס איז קדש און וואו עס איז קדש קדשים, און נאך א חלק אויסער זיי, און אויב מיר וועלן אונטערזוכען דעם דריטען טייל, וועלען מיר זעהן דאס זיי זיינען גליך אין אלע פרטים צום מענש אין זיין דריטען טהייל, וואו דער מאגען און זיינע כלים ארבייטען אויס די שפייז אוןווארפען ארויס דעם אפפאל, און אזוי איז טאקע געווען אין בית המקדש, דער מזבח וועלכער איז מעכל די קרבנות אויפ'ן מזבח וועלכע ווערען א מזון רוחני, א גייסטיגע שפייז צום הימעל פון אויך די כוונות וועלכע זיינען מקריב, און די אלע כלים צום מזבח, דער מענש קען איינזעהן ווי גליך און עהנליך זיי זיינען צום מאגען און גוף, דער מיטעלער טהייל אין בית המקדש דארט איז דער לחם אויפ'ן שלחן דורך וועלכען א מענש לעבט, דאס איז גליך ווי דאס הארץ אין מענש וועלכע ליפערט לעבען, און דעם טייל אין קדש הקדשים זיינען געווען דער ארון די לוחות און די ספר תורה וועלכע זיינען גליך מיט'ן מוח וואו עס וואוינט דער שכל. מיט דעם לערענט ער אונז צו וויסען דאס די צוויי אויבערשטע טהיילען זיינען גליך צו דער קדושה, צו די העכערע עולמות ווי שוין ערקלערט אויבען ביי מרכבה, אבער ניט אזוי איז דער דריטער און נידעריגסטער טייל פון גוף, וואס די גלייכונג אין בית המקדש אדער אין משכן איז דער חצר המשכן, און אין עולם הגדול איז עס עולם האופנים און גלגלים, דער חלק ביים גוף איז באגרעניצט לויט די נאטור ער האט קיין בחירה און קיין רצון, נאר ווי א בוים אין פעלד, און אזוי זיינען די כוכבים און גלגלים פון עולם הגדול, זיי געהען און באוועגען זיך לויט די טבע וואס השי"ת האט איינגעפלאנצט, דאריבער געפינט זיך אין דריטען חלק פון בית המקדש אדער משכן דער מזבח, וואס דאס איז געגען מאגען אין גוף, און פונקט ווי אויפ'ן מזבח איז געווען אש מן השמים צו מעכל זיין אלעס וואס ווערט געבראכט אויף דעם מזבח, אזוי אויך איז דא א צערונג ווי אש מן השמים בעהאלטען אין מאגען וועלכער פארצערט אלעס וואס מען איז מקריב דארט, אט דער מזבח פאנגט זיך אן פון שלחן וואו מען גרייט צו די הקרבה צו עסען פאר ג־ט, און דער מענש וועלכער איז אין דער מעלה צו עסען פאר ג־ט איז גליך ווי ער איז מקריב א קרבן, און דער שלחן וועלכער איז דער אנהויב פון מזבח איז מכפר אויף איהם: פון דער משנה, „כל הכלים", די מזבחות דארפען ניט קיין טבילה, „מזבח הנחושת, דכתיב", זאגט דער פסוק אויף דעם מזבח, „מזבח אדמה", אנצולערנען אז ער איז ניט מקבל טומאה, „מזבח הזהב, דכתיב", זאגט דער פסוק ווידער המנורה והמזבחות, מזבחות איז מעהרצאל אויףביידע מזבחות, דאס ציינט אז, „איתקוש מזבחות זה לזה", די מזבחות זיינען געגליכען איינער צום אנדערען, דאס ביידע זיינען ניט מקבל טומאה. ח) פון דער משנה, „וחכמים אומרים", פרעגט די גמרא, „אדרבא?" עס איז דאך פארקערט, „כיון דמצופין

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 55**

**מפני שהן מצופין, ואי בעית אימא רבנן לר' אלעזר קאמרי מאי דעתיך משום דמצופין, מיבטיל בטיל צפויין גבייהו. אמר ר' אבהו אמר ר' אלעזר תלמידי חכמים אין אור של גיהנום שולטת בהם קל וחומר מסלמנדרא, ומה סלמנדרא שתולדת אש היא, הסך מדמה אין אור שולטת בו תלמידי חכמים שכל גופן אש דכתיב (ירמי' כ"ג) הלא כה דברי כאש נאם ה' על אחת כמה וכמה.**

---

נינהו מיטמא ?" טאקע ווייל זיי זיינען געדעקט ווערען זיי דאך טמא? ענט־פערט די גמרא, „אימא וחכמים מטמאין", זאג טאקע אז די חכמים זיינען מטמא, „מפני שהן מצופין", ווייל זיי זיינען געדעקט ווערען זיי טמא מטעם כלי מתכות, „ואי בעית אימא", אויב דו ווילסט לערען איך אזוי דעם פשט, „רבנן לרי אלעזר קאמריי", די רבנן זאגען דאס צו ר' אלעזר „מאי דעתיך ?" וואס איז דען דיין דעה ווארום דו זאגסט בעסער אז דער מזבח ווערט ניט טמא? ווייל די תורה רופט איהם אדמה, און דו זאגסט ניט דעם טעם „כלי עץ העשוי לנחת הוא", איז ווארשיינליך געווים, „משום מצופין", ווייל זיי זיינען געדעקט מיט מעטאל וועלכע איז מבטל דעם עץ, דאריבער מוזטו אנקומען צום טעם פון אדמה, ניין, דו דארפסט ניט אנקומען צו דעם, „מיבטיל בטל צפויין גבייהו", די דעקונג ווערט דאך בטל צום האלץ ווייל די תורה רופט איהם אלץ עץ, קענסטו דאך נאך אלץ זאגען „כלי עץ העשוי לנחת הוא ?" ר' אבהו זאגט, „תלמידי חכמים אין אור של גיהנם שולטת, קל וחומר מסלמנדרא", ווען מיר זאלען לערנען איינפאך, וואלט דער קל וחומר געווען אבגעפרעגט ווייל אויב תלמידי חכמים זעהען שוין דאס גיהנם איז עם דורך חטאי שוגג ,און די הצלה דער פייער זאל אין זיי ניט שולט זיין, איז דאך זא ווי זא למעלה מן הטבע, און ווי קען מען אנווענדען א קל וחומר אויף א נס פון א טבע? נאר דער ענין איז דא אנדערש, סלמנדרא איז א חיה וועלכע איז באשאפען אין פייער דורך כישוף און לעבט דארט, האבען דאס די חכמים גענומען פאר א משל אויף מסירת נפש, ווער עס האט די אויסגעארבייטע מדה אויסצוהאלטען יסורים פאר השי"ת, דאס אפילו אין פייער זאל עס ניט שולט זיין, דאנעגען ווער עס געהט נאך זיינע תאוות זאגען די חכמים דאס נאך זיבען יאהר אזוי, ווערט זיין שדרה א נחש דאס הייסט ער ווערט דאס שלעכטס אליין, זאגט דא ר' אבהו אז תלמידי חכמים וואס האבען דעם כח התורה, היט זיי דער כח התורה אוים ניט ארייצנופאלען אין פייער פון יצר הרע וואס פיהרט צום גיהנם, דער פייער איז ניט שולט אין זיי, דאס איז א קל וחומר פון סלמנדרא, מה דאך סלמנדרא, די מדה פון מסירת נפש וועלכע איז בלויז א תולדה פון די תורה (וואס הייסט אש), וועלכע לערענט מסירת נפש, און א איד אפילו ניט קיין תלמיד חכם אויב ער שמירט זיך פון בלוט פון סלמנדרא, דאס הייסט אויב ער פלאנצט איין זיך איין די מדה פון מסירת נפש, היט עס איהם שוין אפ פון פייער פון יצר, איז געווים א סך מאהל מעהר ביי תלמידי חכמים וועלכע זיינען אין גאנצען פייער, דאס הייסט זיי האבען דאך דעם גאנצען כח התורה, דאס דער פייער פון יצר הרע זאל ניט שולט זיין אין זיי, דאריבער ווייל דא שמועסט

**פירוש רש"י על הגמרא ראה בצד: 55**

**אמר** ריש לקיש אין אור של גיהנם שולטת בפושעי ישראל קל וחומר ממזבח הזהב, מה מזבח הזהב שאין עליו אלא כעובי דינר זהב כמה שנים אין האור שולטת בו, פושעי ישראל שמלאין מצות כרמון דכתיב כפלח הרמון רקתך אל תקרי רקתך אלא ריקנין שבך על אחת כמה וכמה.

---

אויף דער וועלט כאפט ער אָן דעם לשון אור אנשטאָט אש, דען פייער פון נאָהענט ברענט און פון ווייטענס לייכט עס, דער אש היצר איז אויך אזוי, עס דאכט זיך אַז עס לייכט אויף, אָבער אין אמת איז עס פייער פון גיהנם.

**ריש** לקיש האָט געזאָגט, „אין אור של גיהנם שולטת בפושעי ישראל", דער יצר הרע וואָס פיהרט צום גיהנם איז ניט שולט אין די פושעי ישראל, ער מיינט צו זאָגען דאָס כאָטש ער האָט זיי פארפיהרט, איז ער אָבער ניט שולט אין זייער נשמה גופא, וועלכע איז א חלק אלקי און עס ווערט אויף איהר געזאָגט „נשמה שנתת בי טהורה היא", די נשמה וואָס דו האָסט נעגעבען אין מיר איז ריין, עס קען אין איהר קיין שלעכטס ניט שולט זיין, די שליטה איז נאָר חל אויפ'ן נפש היולי וועלכע איז אַ לבוש און א צירונג צו דער אמת'ער נשמה, „קל וחומר ממזבח הזהב, מה מזבח הזהב שאין עליו אלא כעובי דינר זהב, כמה שנים אין האור שולטת בו", עס איז א קל וחומר פון גאָלדענעם מזבח, מה־דאָך ער, וואָס האָט ניט אויף זיך קיין דיקערע גאָלד־דעק, ווי די גרעב פון אַ גאָלדענעם דינר, און פונדעסטוועגען דורך פילע יאָהרען איז ער ניט מינער געוואָרען דורכ'ן פייער, צוליב דעם נס וואָס איז חל אויפ'ן גאָלד־דעק פון מזבח, „פושעי ישראל שמלאין מצות כרמון", די פושעי ישראל וואָס די געטליכע נשמה מיט איהרע ליכטיגקייטען זיינען אין זיי פול, גלייך ווי זיי וואָלטען געווען פול מיט מצות, „על אחת כמה וכמה", איז געוויס פיעל מאָהל מעהר, עס זאָל אין זיי ניט קענען שולט זיין דער אור היצר און דער גיהנם, די ראייה פון פסוק „כפלח הרמון רקתך", ער שטעלט אין שיר השירים פאָר, ווי די נשמה איז פול אין מענש ווי די קערענדלעך אין אַן אויפגעשפּאָלטענעם מילגרוים וועלכע ענטהאַלט זעקסט הונדערט און דרייצעהן קערענדלעך, די צאָהל מצות אין דער תורה, אַלע האָבען א שורש אין דער נשמה, — אויב דער גוף פאַרשטעלט נאָר ניט — ציהט זי צו זיי, די נשמה ווערט גערופען רקתך דיינע ליידיקע, ווייל זי איז בלויז רוחני וועלכע פאַרנעמט ניט קיין פלאַץ און דאָך איז זי פול איבער'ן גאַנצען גוף, נאָר די גמרא דרש'ענט דאָך דאָ אויף פושעי ישראל, זאָגט זי א סימן, „אל תקרי רקתך אלא רקנין שבך", דו זאָלסט ניט לייענען רקתך, די נשמה פון א צדיק, נאָר אַפילו די ליידיגע אין דיר, די פושעי ישראל, דער משל פון מזבח צום מענש איז ווייל ער הייסט מענש צוליב זיין נשמה און דער מזבח הזהב צוליב זיין גאָלד־דעק, און ביידענס עקזיסטענץ איז דורך נס.

## הדרן עלך חומר בקודש וסליקא לה מסכת חגיגה.